STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05954

MENER

M. Artsybashev

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. ארציבאשעוו

מענער

יידיש — ש. זאַקס

SIGMUND SCHARF

פאַרלאַג שלמה גאָלדפאַרב
וואַרשע — 1929

(איבערגעזעצט פון רוסיש מיט דער
דערלויבעניש פונם מחברס אלמנה).

M. Arcybaszew
MĘŻCZYŹNI
Wyd. Sz Goldfarb
Warszaw., Dzika 31
1 9 2 9

Printed in Poland

Druk. Piment Szerakowska 4

אַ גרויל

I

ניגאַטשקע האָט, ווי איר שטייגער איז, פאַרבראַכט דעם גאַנצן אָוונט ביים אַלטן פּאַרפּאָלק איוואָלגין. זי האָט זיך ביי די איוואָלגינס געפילט גוט און פריילעך, ווייל ביי די אַלטעטשקע איז געווען ליכטיק און היימלעך, און ווייל פון יוגנט, פרייד און האָפענונג, וועלכע האָבן זי אָנגעפילט פון קאָפּ ביז די פיס, איז ניגאַטשקען בכלל אומעטום געווען פריילעך. די גאַנצע צייט האָט זי געפּלאַפּלט וועגן דעם. וואָס פאַר אַ וווּנדערבאַרן חשק זי האָט צו לעבן, זיין לוסטיק און זיך משמח צו זיין. עלף אַ זייגער האָט זי זיך נעקליבן צוריק אַ היים און דער אַלטעטשקער איוואָלגין נופא איז מיט איר מיטגעגאַנגען — זי באַגלייטן.

און דרויסן איז געווען פינצטער און פייכט. פונם טייך, וועלכן מ'האָט נישט געקאָנט זען פון יענער זייט פענצטער אין נישט קלאָרע סילועטן פון די כאַטעס און שטאַלן, וואָס זענען געווען צונויפגעגאָסן אין איין פאַנטאַסטישע, שווערע שוואַרצע מאַסע, האָט געבלאָזן אַ שאַרפער, פייכטער און בייגעוודיקער ווינט, און מ'האָט געהערט ווי די ווערבעס האָבן בייז און טרויעריק גערוישט אין די גערטנער. אויפן טייך האָט עפּעס געסאָפּעט, עפּעס איז פאַמעלעך געקראָכן מיט אַ ציעדיקן אָנוואַקסנדיקן שאָרך און מיטאַמאָל זיך פאַנאַנדערגעשאָטן מיט אַן אויסטערלישן קלאַנג, מיט קראַכן און שוויכצן.

— דאָס אייז האָט זיך גערירט, — האָט איוואָלגין געזאָגט קוים גייענדיק קעגן דעם ווינט.

דער ווינט האָט געריסן און געדרייט די פּאָלעס פון זיין מאַנטל און נינאַטשקעס קלייד און ס'האָט פון ערגעץ זיי ביידן געשפּריצט און פּנים מיט קליינע קאַלטע טראָפּנס:

— דער פרילינג גייט! — האָט נינאַטשקע פריילעך און הילכיק, ווי אַלץ וואָס זי האָט גערעדט, געענטפערט.

און באמת האָט זיך טאַקע געדאַכט, אַז אין דער פינצטער-קייט פון דער נאַכט גייט עמיצער איבערן טייך, איבער דער לופט, איבערן ווינט. אַז עס גייט אַ מעכטיקער, אַ באַפעלערישער און פייכטער.

— אָט וואָס איר שוין באַלד זיין אין דערהיים — האָט אויסגעלגין געזאָגט. כדי צו פאַרשאַפן עפּעס אָנגענעמס דעם יונגן, לוסטיקן, צערטלעכן און גוטן מיידל, וועלכע פלעגט שטענדיק אויפוועקן אין זיין אַלטן האַרצן אַ באַזונדער וואַרעם געפיל, אַ פריילעכס און גלייכצייטיק אַ אומעטיקס.

— יאָ איצט וועט עס שוין, אַ דאַנק דעם אייבערשטן, זיין גיך!—האָט נינאַטשקע, אומקערנדיק זיך פון ווינט, אויסגעשריגן, און איר שטים האָט זיס און פריילעך אַ ציטער געטאָן.

זיי זענען דורכגעגאַנגען אַ נאַסע און אַ פינצטערע גאַס און האָבן זיך געלאָזט גיין צום פּלאַץ. ביי פּאַרקן פון קלויסטער איז נאָך געלעגן אַ דורכגעשמאָלצענער שניי און האָט זיך געשימערט אין דער גראָלעכע טונקלקייט. פון יענער זייט קלויסטער, וועלכער איז קוים געווען צו זען אין די שוואַרצע נאַקעטע בוימער, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, האָט זיך אַרויסגערוקט אַ גרויס געמויערט הויז מיט נאַקעטע ווינקלען און האָט זיי ביידע, נינאַטשקען און אויוואָלגינען אַ קוק געטאָן גלייך אין די אויגן אַריין מיט צוויי העל באַלויכטענע פענצטער, וואָס האָבן אויסגעזען שרעקלעך צוליב דער שטאַרקער פינצטערקייט אַרום און אַרום.

— אָ, עמיצער איז געקומען צו פאָרן — האָט נינאַטשקע מיט נייגעריקייט געזאָגט, זעענדיק די העל באַלויכטענע פענצטער אַזוי שפּעט אין דער נאַכט.

זיי זענען צוגעגאַנגען צום טויער. האָבן אַ קוק געטאָן אין פינצטערן און טיפן הויף אַריין, פון וואַנען ס'האָט אַ שלאָג

געשטאַן אין פּנים מיט וואַרעמען נאַסן מיסט, און האָבן זיך אָפּ־געשטעלט ביים גאַניק פון דער שולע.

נינאַטשקע האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, זיך צו געזעגענען מיט איוואַלגין. ער האָט מעשה גוטער פריינט אַ דריק געטאָן אירע קליינע צאַרטע פינגער און געזאָגט:

— אַ גוטע נאַכט, טאָכטערשי.

אָנרוקנדיק דאָס היטל אויף די אויערן און מאַכנדיק איילי מיט זיין שטעקן האָט איוואַלגין זיך געלאָזט גיין צוריק, זיך אומגעקוקט אויף די פענצטער, זיך שנעל אַריבערגעטראָגן מיט דער איינגעבויגענער פּלייצע אין פּאַס פון אַ זייער העלן ליכט און איז אוועק אין דער גראָער ווינטיקער פינצטערקייט.

נינאַטשקע האָט זיך איילי אויפגעהויבן אויפן גאַניק און האָט אָנגעקלאַפּט אין פינצטערן פענצטער. עמיצער איז ארויס־געגאַנגען פון טויער און, שווער שפּרייזנדיק איבער די קאַלוזשעס, איז ער פון אונטן צוגעגאַנגען צום גאַניק.

— דאָס ביסטו, מאַטוויי? — האָט נינאַטשקע געפרעגט: דער שליסל איז ביי דיר?... ווער איז עס געקומען צופאָרן?

— דאָס בין איך, פריילין, — האָט הייזעריק און גראָבלעך געענטפערט עפּעס אַ שווארצער מענטש.

— דער שליסל איז ביי דיר?

— יאָ...

מאַטוויי האָט, סקריפּענדיק מיט די טרעפּלעך, זיך אויפגעהויבן אויפן גאַניק, האָט זיך דורכגעשאַרט פאַר נינאַטשקען און געעפנט די טיר. ס'האָט אַ שמעק געטאָן מיט ברויט.

— ווער איז עס געקומען צופאָרן? — האָט נינאַטשקע נאָך אַ מאָל געפרעגט.

מאַטוויי האָט נישט באַלד געענטפערט.

— דער געריכטס־אויספאָרשער מיטן דאָקטאָר און דער סטאַנאָוואָי*)... אין טאַראַסאָווקע האָט מען געפונען אַ טויטן קערפּער, א מת.

---

*) קאָמיסאַר, פּריסטאַוו.

נינאַטשקע איז, טאַפּנדיק די ווענט, דורכגעגאַנגען דעם קאָרידאָר, אַריינגעגאַנגען אין קלאַס-צימער און האָט לאַנג געזוכט די זאַפּאַלקעס.

— שטענדיק, צום טייוול, פּאַרוק איך זיי ערגעץ און קאָן זיי נישט געפינען. שטענדיק דאָס זעלבע אָנשיקעניש!

מאַטוויי איז געשטאַנען ערגעץ אין דער פינצטערקייט און האָט געשוויגן.

נינאַטשקע האָט געפונען די זאַפּאַלקעס און אָנגעצונדן די לאָמפּ. דאָס שוואַכע ליכט איז ציטערנדיק און אויסגייענדיק זיך פאַנאַנדער־געשווומען איבערן צימער, וועלכעס איז געווען אויסגעשטעלט מיט ברייטע שטענדערס, ענלעך צו טרומנעס.

— איך, פריילין, מוז גיין אין פּאָסט נאָך פערד און אויך נאָך עדות קיין טאַראַסאָווקע...

— ביינאַכט? אַזוי שפּעט? — האָט זיך נינאַטשקע געוווּנ־דערט, שטייענדיק פאַר מאַטווייען מיט דער לאָמפּ אין דער האַנט.

מאַטוויי האָט אַ דריי געטאָן מיטן האַלדז און אַ זיפץ געטאָן.

— איר וואָלט פריילין, בעסער געגאַנגען געבעטיקן צום גלח, ווייל זיי די געסט, מיין איך, זענען שטאַרק שיכּור. זיי שרייען, טומלען, וועלן אייך געוויס נישט לאָזן שלאָפן.

— ס׳מאַכט נישט אויס, — האָט נינאַטשקע געענטפערט: — צו טרינקען זיי און שיכּורן טאַקע אַזוי שטאַרק.

— געוויס—האָט פאַרדרוסלעך—נישט פאַרדרוסלעך, ווי מקנא זייענדיק די שיכּורע געסט, מאַטוויי נישט גערן געענטפערט און נאָך אַ מאָל אַ זיפץ געטאָן. — אַ גאַנצן אָוונט האָבן זיי כּסדר געהאַלטן און איין טרונקען...מיין עצה איז, איר זאָלט גיין איבער נעכטיקן די נאַכט צום גלח.. זיי וועלן דאָך טרינקען און זיך לוסטיק מאַכן אַ גאַנצע נאַכט.

— ס׳מאַכט נישט אויס, — האָט נינאַטשקע געענטפערט.

מאַטוויי איז פאַרשוויגן געוואָרן, נישט צופרידן און ברוגזלעך, וואָס דאָס פריילין פאָלגט נישט זיין עצה.

— גיי איך, הייסט עס.

נינאַטשקע האָט באַגלייט דעם סטרוזש (מאַטווייִ איז געווען אַ סטרוזש אין גמינע) האָט פאַרשלאָסן, ווען ער איז אַריינגעגאַנגען און פאַרריגלט די טיר, איז דורכגעגאַנגען דאָס קלאַס-צימער און אַריינגעגאַנגען מיט דער לאָמפּ צו זיך אין צימער.

און טאַקע באַלד האָט זי פון יענער זייט טיר, וואָס איז געווען פאַרשלאָסן און פאַרהאָנגען מיט אַ טעפעך, אָפּטיילנדיק נינאַטשקעס צימער פונם צימער „פאַר צוגעפאָרענע באַאַמטע", דערהערט אַ הילכיקן, שטאַרק שיכּורן געלעכטער, קלינגען פון גלאָז און אַ סקוֹשיפּען פון דער אָטאָמאַנע. פון הינטער דער טיר האָט זיך געטראָגן אַ שטאַרקער ריח פון טאַבאַק און פון נאָך עפּעס שווערס און הייס.

נינאַטשקע האָט געעפנט דעם לופטשיק, האָט נייגעריק זיך אומגעקוקט אויף דער טיר און אָנשטעלנדיק דאָס אויער, האָט זי זיך צוגעהערט.

— יאָ, יאָ... מיר קענען אייך, מיר ווייסן, ווער איז זייט! — האָט עמיצער געשריגן מיט אַ גראָבן און נישט אָנגענעמען קול — זעט נאָר דעם צדיק אין פעלץ, וועלכער לאָזט נישט דורך קיין פרוי, ער זאָל זי נישט פאַרטשעפּען.

— שטילער! — האָט אומגעדולדיק אַ טופּע געטאָן מיט דעם רעכטן פוס אַ צווייטער גאַסט. שטיקנדיק זיך פון שיכּורן און טעמפּיקן געלעכטער.

און אַלע דריי געסט האָבן אויסגעשאָסן מיט אַזאַ הילכיק געלעכטער, אַז די טיר האָט אַ ציטער געטאָן.

— ניין, מיינע הערן, כ'שווער אייך, אַז כ'האָב נאָר איין איינציק מאָל......

נינאַטשקע האָט זיך פּלוצלינג דערפילט באַליידיקט און נישט היימלעך, הגם זי האָט גאָר נישט פאַרשטאַנען פון וואָס די שכּורים ריידן און לאַכן. טרויריק און נישט אַנטשיידן איז זי צוגעגאַנגען צום טיש.

— מאַטווייִ איז געווען גערעכט — האָט זי שרעקנדיק זיך און מיט עקל זיך פאַרטראַכט; — כ'וואָלט טאַקע אים געדאַרפט פאָלגן און גיין נעכטיקן צום גלח.

פון יענער זייט וואַנט האָבן די „צוגעריייזטע באַמטע" געשריען און געפּילדערט, האָבן גערוקט מיט די שטולן און פון צייט צו צייט, דאַכט זיך, אָנגעהויבן זיך קריגן און שלאָגן, ווי ווילדע חיות אין שטייג.

נינאַטשקע האָט זיך באַמיט נישט צו הערן די שיכּורע דיבורים. זי איז געזעסן פאַרטראַכט ביים טיש, האָט געקוקט אויף דעם פייער פון לאָמפּ און זיך געטראַכט:

— און מ׳זאָגט נאָך, אַז בילדונג איידלט אויס דעם מענטשן... אונדזערע פּויערים וואָלטן אַזוי ווילד נישט געשריען און אַזוי נישט געפּילדערט... זיי ווייסן דאָך, די דאָזיקע מפֿלומרשטע אינטעליגענטן, אַז איך געפין זיך דאָ, פון דער זייט טיר און דאָס וואָלט, דאַכט זיך, געדאַרפט, אָפּהאַלטן פון אַזאַ העסלעכער אויפפירונג און פון מאַכן אַזאַ ווילד געפּילדער. ניין, זאָגט וואָס איר ווילט, גאָר אַ שלעכטער מענטש ווערט פון בילדונג נאָך מער פאַרדאָרבן. ער ווערט נאָך ערגער און העסלעכער... און פאַרשידענע שווייַנערייען באַגייט ער ווי בפּיוון.

דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם, אַז צו סוף אַפּריל וועט זי שוין קאָנען אַוועקפאָרן פון דאַנען.

— אַך, וואָלט עס שוין געשען וואָס גיכער... כ׳בין אַזוי מיד. אַזוי אויסגעמאַטערט!

און נינאַטשקע האָט נישט באַוווסטזיניק געמאַכט אַ מיד, אומעטיק פּנים, נאָר אָנשטאָט אַריינצופאַלן און עצבות, איז זי מיטאַמאָל, דערמאַנענדיק זיך אָן עפּעס, געוואָרן פריילעך און מונטער. איר האָט זיך פאָרגעשטעלט עפּעס פריילעכס און ליכטיקס, פון דערווייטנס האָבן געשימערט עפּעס אינטערעסאַנטע פּנימער, ס׳האָט זיך פאַר איר געעפנט עפּעס אַ ברייטע און בולטע פרייקייט פון שטח אין אירע לעפצן האָבן שטיל און גליקלעך געשמייכלט צו פאַרטרוימטע און מאַט געוואָרענע אויגן.

עמיצער האָט פלוצלינג דייטלעך און ווי מ׳קלאַפּט אין אַ באַראַבאַן, אָנגעקלאַפּט אין טיר.

נינאַטשקע האָט אַ ציטער געטאָן און אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— פר... ריילין — האָט זיך גאָר פון דער נאָענט דערהערט עמיצנס אַ קול: — אפשר קאָן מען בײַ אײַך באָרגן אַ ל... ליכט... בײַ אונדז גייט אויס די לאָמפּ און מיר האָבן נישט קיין נאַפט אָנצוגי...סן...

נינאַטשקע האָט פאַרשעמט אַ שמייכל געטאָן, פּונקט ווי דער וואָס האָט גערעדט האָט זי געקאָנט זען, און האָט פאַרשעמענדיק זיך געענטפערט:

— פאַרוואָס נישט, ביטע זייער...

זי איז אויפגעשטאַנען, האָט אין דער גיך זיך אָנגעהויבן צו גראַבלען אין דער קאָמאָדע, דאָרט אויסגעזוכט אַ ליכט איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און האָט דורכגערוקט אין שפּאַרינע די האַנט.

— אָט האָט איר אַ ליכט, ביטע.

— טױ...זנט מאָל אַ דאַנק אײַך, פר...יילין, — האָט אומנאַטירלעך העפלעך און שפּור פלאָנטערנדיק זיך, זיך אָפּגערופן די זעלבע שטים פון יענער זייט טיר, און נינאַטשקען האָט זיך געדאַכט, אַז יענער מענטש, וואָס האָט געבעטן דאָס ליכט, האָט אַ שאַר געטאָן מיט די פיס, פאַרנייגנדיק זיך העפלעך, נאָר דאָס ליכט האָט ער פון איר נישט גענומען. נינאַטשקע האָט געהאַלטן דאָס ליכט אין דער אויסגעשטרעקטער האנט פון יענער זייט טיר און האָט פאַרשעמט און אין פאַרלעגנהייט, נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן. נאָר אָט האָט זי דערהערט, ווי עמיצער האָט ווי אַ כיקע געטאָן און פלוצלינג האָט זי דערפילט, אַז נעבן איר האַנט ווערט געהיים און שוויגנדיק, אָפּגעטאָן עפּעס עקלהאַפטס. נאָר איידער זי האָט באַוויזן זיך פאַרצושטעלן, וואָס דא קומט פאָר אַזוינס, האָט אַ שווייסיקע פּוכיקע האַנט גענומען דאָס ליכט, צוקוועטשנדיק לייכט, מיט אַ נישט אַנשטענדיקער ליבנסווירדיקייט די שפּיצן פון נינאַטשקעס פינגער צו קאַלטן גליעדיקן סטעאַרין.

— מערסי, מערסי, פריילין—האָט אייליק און נאָך אומנאַטירלעכער, ווי פריער, געזאָגט די זעלבע שטים.

— נישטאָ, כ׳לעבן, פאַרוואָס צו דאַנקן — האָט נינאַטשקע מאַשינאַל געענטפערט און אַריינגעצויגן צוריק איר האַנט.

און נעבן צימער איז ווי שטיל געבליבן. ס'האָט זיך נאָר געהערט נישט קיין דייטלעך איינגעהאַלטן זשומען.

נינאַטשקע האָט זיך באַרויקט, זיך אַנידערגעזעצט אויפן בעט, זי האָט אָפּגעזיפצט און אָנגעהויבן זיך אויסצוטאָן. זי האָט אַראָפּגעצויגן פון זיך די טופלעס, אויסגעטאָן דאָס קלייד און די קאָפּטע און איז געבליבן זיצן אין איין העמד און לאַנגע שוואַרצע זאָקן מיט בלאָע גומענע זאָקנבענדלעך. די פיס אירע, וואָס זענען געווען שטייף אַרומגעצויגן מיט די שוואַרצע זאָקן, האָבן אויסגעזען, אַזוי שיין, קליינע און קינדיש צאַרטע, אירע דינענקע רונדע הענט האָבן געבלאַנקט תמימתודיק. זי האָט זיך אָנגעהויבן פאַרקעמען פאַרן שלאָף: זי האָט אויסגעלייגט שפּילקעס אויף די קני און אָנגעהויבן פאַנאַנדערפלעכטן איר צאָפּ.

— פריילין, — האָט זיך ווידער דערהערט פון יענער זייט טיר אַ שטים, — מיר טרונקן טיי... אפשר ווילט איר אויסטרונקען מיט אונדז אַ טעצעלע טיי?

די שטים איז געווען די זעלבע, וואָס פריער, אַ שיכּורע אַ אומנאַטירלעך גאַלאַנטע, נאָר עפּעס נייע אומרויקע טענער האָבן זיך איצט דערהערט און דער דאָזיקער שטים: ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ביי יעדן וואָרט האָבן זיך ביי דעם, וואָס האָט גערעדט, גיריק און אומרויק פאַנאַנדערגעבלאָזן די נאָזלעכער.

— ניין, אַ דאַנק אייך! — האָט נינאַטשקע דערשראָקן געענטפערט, אַ כאַפּ טוענדיק זיך פאַר דער קאָלדרע.

די שטים איז פאַרשוויגן געוואָרן און ס'איז געוואָרן שטיל. איין רגע האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ שווייגט; דערנאָך אָבער האָט זיך דורכן לופטשיק אָנגעהויבן הערן אַ ווייטער שאָרך און אַ סאָפּן ביים טייך. דער ווינט האָט אַ ריס געטאָן דעם לאָדן און אַ זשום געטאָן איבערן דאַך, פון וואַנען ס'האָט עפּעס זיך אַ שאָט געטאָן און מיט גלאָזיקן קלאַנג זיך צעקלאַפּט אונטן. אַפּנים ס'האָט זיך אָפּגעריסן אַן „איזליכטל"

נינע האָט אין דער שטיל, כּמעט גנבענדיק זיך, פּונקט ווי זי וואָלט זיך באַמיט צו באַהאַלטן, — זיך געלייגט און אָנגעצויגן אויף זיך די קאָלדרע ביז דער גאָמבע. די אויגן זענען ביי

איר געוואָרן קיילעכיק און זיי האָבן מיט אַן אומפאַרשטענדליכער, נאָר קאַלטער אימה, נישט פינטלדיק, געקוקט אויף דער טיר, און אין איר קאָפּ האָבן, פּונקט ווי דערשראָקענע פייגל, זיך געדרייט, גיך און אויסטערליש, מחשבות:

„מ׳דאַרף אַנטלויפן... וואָלט כאָטש מאַטוויי געקומען... פּונקט ווי אויף צו להעכיס, נעמט ער אין גייט אַוועק און לאָזט מיך איבער איינע אַליין אין גאַנצן הויז... וואָס טוט מען?

נאָר אָנשטאָט צו אַנטלויפן, איז זי אַזוי געבליבן ליגן אין האָט מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טון, שטאַרקער אַרויפציענדיק אויף זיך צו די ליפּן די קאָלדרע מיט די קראַמפּהאַפט צונויפגעקוועטשטע פינגער און באַמיענדיק זיך, צו-בארוזיקן.

„נאַרישקייט — האָט נינע ווייטער געטראַכט — שפּורים... וואָס קאָנען זיי מיר טאָן... זיי וועלן דאָך נישט וואַגן אַריינצוגיין אַהער”...

איר האָט זיך דאָס אויסגעוויזן אַזוי פּשוט און זיכער און זי האָט זיך שוין געהאַט באַרויקט פון דעם דאָזיקן געדאַנק, נאָר אין דער זעלבער מינוט האָט זי דערפילט, אַז עס דערנעטערט זיך צו איר עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז שווער צו גלייבן, עפּעס נאַריש, נאָר גלייכצייטיק שרעקלעכס.

פון יענער זייט טיר איז געווען שטיל.

— יאָ, יאָ, — האָבן די געדאַנקען ווייטער ביי נינען געאַרבעט וואָס טוט מען?...

— אָבער אָן ריגל האָסטו פאַרגעסן... איבערגעלאָזט די טיר נישט פאַריגלט—האָט עמיצער אינדער שטיל, נאָענט, נאָענט, געשעפּטשעט האַרט איבער נינעס אויער.

און פונם דאָזיקן שעפּטשען, וועלכער איז געווען שרעקלעך צוליבדעם טאַקע, וואָס מ׳האָט אים קוים, קוים געהערט—און נינע האָט דאָס שעפּטשען דערהערט אַזוי דייטלעך, פּונקט ווי איינער וואָלט אַ הילכיקן געשריי געטון — אַ קלאַפּ געטון נינען אין קאָפּ.

— מיט וואָס רייזיקירן מיר דען?.. איז אין איר אויער אַריין דער זעלבער שאַרפער געפּליסטער, און אין דער זעלבער רגע האָט זיך דערהערט אַ מאָדנער פאָרזיכטיקער און אימהדיקער

שאָרף. פונקט ווי עמיצער וואָלט פון יענער זייט טעפּעך, וואָס האָט פאַרדעקט די טיר, פּרובירט אינדערשטיל, קוים אָטעמדיק, עפענען די טיר. אַלץ האָט אַ שטראָם געטאָן און זיך אָנגעהויבן דרייען אין ניבעס קאָפּ. אַן אויסערגעוויינטלעך חיהשער פחד האָט אַרומגעכאַפּט איר גאַנצן גוף און נשמה. עפּעס אַ שאַרפער און בולטער געדאַנק וועגן אַן אומגלייבלעכן שרעקלעכן אומזין און וועגן עפּעס — אומפאַרמיידלעכס האָט אויסגעוויזן צו באַלייכטן די גאַנצע וועלט, און ווי עמיצער וואָלט זי אַוועקגעוואָרפן. ניבאַטשקע האָט אַ שפּרונג אויף געטאָן און געבליבן שטיין ביים בעט, אַ האַלב-נאַקעטע, אַ קליינינקע און אַ שאַרפשיינע, ווי אַ חיהלע.

דער טעפּעך האָט זיך שטיל אַ ריר געטאָן און פון אינעווייניק איז אַרויסגעטרעטן און געבליבן שטיין עפּעס אַן אומבאַשטימטער, שווערער שאָטן.

— ווער... וואָס ווילט איר... גייט אַוועק, א ניט וועל איך אָנהייבן שרייען! ... — האָט ניבאַטשקע געזאָגט מיט אַ קלאָגנדיק ציטערדיקן קול.

דער שאָטן האָט זיך פּלוצלינג אַ שאָקל געטאָן, אַ טראַכט געטאָן, און אַ גרויסער רויטער שווערער מענטש איז אַריינגעקומען ווי ער וואָלט אַריינגעפאַלן, אין צימער אַריין, און באַלד נאָך אים האָט זיך אַרויסגערוקט אַן אַנדערער און אַ דריטער שאָטן.

— אין... מיר זענען געקומען... באַדאַנקן אייך פאַר דעם ליכט... און... בכלל... אפשר איז אייך לאַנגווייליק-אומעטיק... אַזאַ שיין מיידל און גאָר... — האָט באַריש און שרעקלעך אָנגעהויבן צו רעדן יענער מענטש, וואָס איז אַריין דער ערשטער און לויט זיינע קיילעכיקע און פעטע אויגן, אָן אַ שום מענטשלעכן אויסדרוק, האָט ניבאַטשקע דערזען און פאַרשטאַנען, אַז ער איז שיכור, זי האָט דערזען און פאַרשטאַנען נאָך עפּעס, — דאָס לעצטע און שוין דאָס אומפאַרמיידלעכע. און אַ צאַפּל טוענדיק, ווי ס'וואָלט איר צוגעקלעמט די האַנט, האָט זי ווילד און שאַרף אָנגעהויבן שרייען:

— העלפט!! ראַטעוועט!!...

— טסט... דו !... — האָט דערשראָקן עמיצער אַ פּייף געטאָן דערנאָך איז ער, אַזאַ גרויסער, שווערגופיקער און הייסער, אַ פּאַל געטאָן איף איר און מיט זיין גאַנצן קערפּער זי צוגעקוועטשט צו דער ברייט פונם בעט. עמיצער האָט מיט האַרטע שוו ייס'קע פינגער שטאַרק אַ כאַפּ געטאָן די גאַקעטע פוס העכער פונם קני און אָפּגעשטופּט אָן אַ זייט, בורטשענדיק דערביי עפּעס או מגעדולדיק און פייכט פאַרגייענדיק זיך פונם אָנגעפּרעסענעם כעס, וואָס האָט זיך גענומען פונם נישט פאַרהאַלטענעם דורכגעפּאַלענעם באַגער...

ח

זיי האָבן זיך מיטאַמאָל אויסגעניכטערט, ווען ס'איז שוין געווען נאָך אַלעמען, ווען אַלץ איז שוין אָפּגעטאָן און פאַרענדיקט געוואָרן, און זיי האָבן זיך פאַרשעמט, ווען דער גאַנצער שרעק פון דעם, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן, האָט פאַר זיי זיך ווי אַנידער־געשטעלט, אַ קאַלטער און אַ צעטראָגענער.

אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן, די לאָמפּ האָט שוין געהאַלטן ביים אויסלעשן זיך, אין צימער איז געווען דושנע און עקלהאַפט. די קישנס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער פאָדלאָגע, די קאָלדרע איז געווען אַראָפּגעוואָרפן צו די פיס. אָנשטאָט אַ העמד איז בינאָטשקע געווען אין בלויזע טראַנטעס און זי איז געלעגן אַ נאַקעטע איינגאַנצן אין ווונד־פאַסן און סיניאַקעס, זי האָט זיך געשלענגלט געקאָרטשעט און געקרימט, האָט זיך געשלאָגן פון טיפן יאוש, שאַנד און פאַרביטערונג, מיט די פויסטן אין קאָפּ, זיך געשלאָגן מיטן קאָפּ און דער וואַנט, האָט געשריען און איז שוין איצט נישט געווען שיין, נאָר קלאָגלעך און שרעקלעך, ס'קאָן זיין, אַפילו מיאוס און עקלהאַפט.

דער בלאַסער לאַנגער פריסטאַוו, אין איין העמד און רעטוזן, האָט זי געהאַלטן אויפן בעט, אַרויפוואַרפנדיק זיך מיטן גאַנצן קערפער אין דער ברייט, און איר פאַרשטאָפּט דאָס מויל. דער דאָקטאָר און דער אויספאָרשונגס־ריכטער זענען געשטאַנען נעבן בעט און האָבן זיך אומגעשיקט, ווי גולמ'ס געטאָפּטשעט אויף איין און דעם זעלבן אָרט. די הענט האָבן ביי זיי געציטערט,

די אויגן האָבן זיך מענטנע פּאַנאַנדערגעדרייט, די פּנימער האָבן מאָדנע נעגראָט אין דער האַלבער טונקלקייט פון פרימאָרגן.

— הערט זיך צו, טייבעלע... אַ צינד איז דאָך שוין אַלץ איינס... פאַרפאַלן... מ'קאָן דאָך שוין נישט צוריקקערן... און פאַריכטן דאָס, וואָס עס איז געשען... הערט-זשע... איצט איז דאָך שוין אַלץ איינס, נעמט זשע עס אין אַכט און זייט עס משיג...—

האָבן אַלע דריי מאַנספּערשוינען געטעהנט צו זייער קרבן. איבערשלאָגנדיק איינער דעם אַנדערן די רייד און צייטווייז ווערנדיק פּלוצלינג, פּחדנישדיק און פאַרלאָרן, פאַרשוויגן.

אָבער נינאָטשקע, אין וועלכער ס'איז שוין מער נישט געווען קיין פריערדיקס, קיין ווייכס, קיין צאַרטס, קיין אָנגענעמס און ליבלעכס, נאָר עפּעס קלאָגלעכס, שמוציקס, און העסלעכס, — האָט זיך געצאַפּלט אין די הענט פונם פּריסטאַוו, האָט זיך געריסן און משוגע פאַרגלאָצנדיק די אויגן, געשריען.

— וואָס טוט מען איצט מיט איר! — האָט מיט פאַרצווייפלונג און פּחדנישן כעס צווישן די ציין געזאָגט דער אויספאָרשונגס-ריכטער.

אין דאָרף האָט זיך שוין געהערט און אומבאַשטימטער ווייטער גערויש. אונטערן סאַמען פענצטער האָט דריי מאָל, הויך און מונטער, אויסגעקרייט דער האָן.

— אַ...—האָט נינאָטשקע דורכדרינגנדיק אַ געשריי געטאָן, אַרויסרייסנדיק דאָס מויל פון אונטער דעם פּריסטאַווס הענט, און מיטאַמאָל האָט זיך זיין פּנים שרעקלעך געענדערט און געוואָרן באַגאָסן מיט אַ פּעס פון אַ חיה. — ער האָט מיט אַ אומבאַרחמנותדיקער זיכערער קראַפט זי אַ כאַפּ געטאָן פאַרן פּנים און שרעקלעך צוגעקוועטשט, און געקנייטשט, אַזוי אַז אַ סליונע און בלוט האָבן אַרומגעקלעפּט זיינע פינגער. אַ רגע האָבן זיי געקוקט איינער אויף דעם אַנדערן גלייך אין די אויגן אַריין, ווי צוזאַמענגיסנדיק זיך אין איין שאַרפן בליק, און שרעקלעך איז געווען דער דאָזיקער בליק, שרעקלעך און נישט מענטשלעך.

— אַ נו, נו... פּרוּוו נאָר אַ געשריי טאָן! — האָט ער מיט אַ זינלאָזן טריומף אַ שיפּע געטון.

III

ס'איז געווען אַ לויטערער זוניקער פרימאָרגן. פון די הייזער און פּאַרקנס זענען נאָך געלעגן לאַנגע פייכטע שאָטנס, און דאָרט ווו די זון האָט געשיינט, האָבן בלענדנדיק געפינקלט קליינע קאַלוזשעס און שטרויעלעך, וואָס זענען געווען איינגעטרעטן און פריריקער בלאָטע, האָבן געבלאַנקט ווי גילדענע. אויפן הויף פון דער שולע איז שוין געווען פוסט און ס'האָבן זיך אויף דער ערד נאָך געזען גלייכע פּאַסן, סמנים פון דורכגעפאָרענע רעדער. אין צימער פאַר די צוגערייזטע איז געווען אָפּגערוקט פון זייערע ערטער דאָס גאַנצע מעבל. אַ חוץ דער אָטאָמאַנע, וועלכע איז פּינקטלעך און האַרט געשטאַנען אין דער ברייט פון דער טיר, ס'האָבן זיך דאָרט געוואַלגערט פלאַשן, שמוציקע גלעזער מונשטיקלעך באַנעצטע מיט עקלהאַפטע אַש־צעטראָטענע מונדשטוקן פון פּאַפּיראָסן. ס'איז געווען שרעקלעך צו טראַכטן, אז דאָ זענען געווען מענטשן. פון יענער זייט טיר, אין ניגאָטשקעס צימער, איז געווען שטיל און אומבאַוועגלעך און ס'האָט זיך געדוכטן, אַז די שטייף פאַרמאַכטע לאָדנס, ווי שטייף צוזאַמענגעדריקטע ציינער, באַהאַלטן שווייגנדיק אַ סוד.

ביז עלף אַ זייגער האָט ביים גאַניק פון דער שולע געווימלט פון שילער און שילערינס; זיי האָבן זיך געיאָגט איינער נאָכן אַנדערן, געשטיפט, זיך געשטופּט, זיך אויף קאַטאָוועס געשלאָגן און הילכיק געשריען און געטומלט. ווי אַ סטאַדע שפּערלינגן. און עלף אַ זייגער איז אַריינגעטרעטן מיטאַמאָל אַ אומרויקע און

און נישטהיימלעכע שטילקייט. עמיצער איז שווער און טרעטנדיק מיט די פיס, אַוועקגעלאָפן איבער דער גאַס מיט אַ שרעקלעכער ידיעה און די טויטע גאַס האָט מיטאַמאָל אויפגעלעבט. אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן רירן, באַוועגן, פון אַלע זייטן, האָבן זיך פונקט, ווי פון דער פוסטקייט, באַוויזן און זענען געלאָפן צו דער שולע מענטשן, שוואַרצע, דערשראָקענע און שרייעדיקע. ס'איז געקומען צו לויפן דער אַלטער איוואַלגין, דער דיקער סטאַרשינאַ*) און דער אוריאַדניק**). האָט געעפנט די טיר און אין בינאַטשקעס שטיל אומעטיק צימער וועלכעס איז, דאַכט זיך, אויף שטענדיק שטיל געבליבן, האָבן זיך טומלדיק אַריינגעריסן מענטשן מיט פרעמדע, דערשראָקן־נייגעריקע אויגן.

דאָ איז געווען שטיל און אומעטיק און עפעס האָט דאָ גערעדט מיט אַ שווייגעדיקער טרויעריקער שפּראַך וועגן דעם אומבאַקאַנטן שרעקלעכן סוף פונם לעבן.

אַלץ איז געווען צוגערוימט, ווי ס'זעט אויס. אין דער גיך און איילעניש, נישט געשיקט, פּאַרטאַטשיש, דורך פרעמדע הענט: דאָס מעבל איז געווען פאַנאַנדערגעשטעלט אין אַ שניידענדער אָרדנונג: דאָס בעט אויפגעבעט, בינאַטשקעס קליידער—צוזאַמענגעלייגט אויפן שטול שוין צופיל פּינקטליך, איבערגעכאַפּט די מאָס. אין אַ ריח האָט זיך געשפּירט אין צימער אַ קוים באַמערקבאַרער, קוים אויפצוכאַפּן אים, נאָר אַ אומבאַוועגלעכער ריח איז דאָס געווען.

בינאַטשקע איז געהאָנגען און עק צימער, געהאָנגען און אַ ריין ווייס העמד מיט פאַלדן, וואָס זענען זיך נאָך נישט פאַנאַנדערגאַנגען, וואָס האָט נאָך געשמעקט מיט זייף. געהאָנגען איז בינאַטשקע אויף אַ קליידערהאָק, פון וועלכן ס'זענען אַראָפּגענומען געוואָרן אַלע מלבושים. אירע דינענקע הענט שוין גרינע און אומבאַהאָלפענע, זענען אַראָפּגעהאָנגען אין דער לענג פון איר קערפּער אירע פיס און די שוואַרצע זאָקן מיט בלאָע זאָקנבענדלעך, האָבן

---

*) וואָט.

**) פּוֹשאַדאָוויק.

זיך אומנאַטירלעך אויסגעבויגן, פונקט ווי זיי וואָלטן פיינלעך געשטרעבט צו דער ערד, און דער קאָפּ אירער איז געווען פאַר־וואָרפן צוריק, צו דער פּלייצע זייער אַ גרויסער, אַ אָנגעבלאָזענער אַ בלאָער מיט נישט קיין מענטשלעכע גלעזערנע אויגן, מיט אַ נישט גלאַטן בלאָען צונג, וועלכער איז געבליבן שטיין אין טויטן מויל ווי אַ הויקער, מיט אַ פאַרגליווערטן שמוציק־בלאָען שוים אויף די בלאָע ליפּן און מיט אַן אויסדרוק פון שרעק און יסורים וועלכע זענען שוין נישט פאַרשטענדלעך פאַר אַ לעבעדיקן מענטשן און וועלכע זענען פאַר אים נישט משיג צו זיין.

ווילד האָט געשריען זער אַלטער איוואַלגין, משוגע געשריען, גערעדט אָן אַ טאָלק האָבן מענטשן, וועלכע זענען פּלוצ־לינג ווי אַראָפּ פון זין. איבער דער גאַס האָט זיך געטראָגן אַ שווערער זיפץ און איז זיך פאַנאַנדערגעשווומען צווישן דעם גע־דיכטן שוואַרצן המון מענטשן וואָס זענען זיך אָנגעלאָפן אויפן גאַניק. ס'איז נישט געווען קיין סוף און קיין מאָס צום שרעק און צום עקל און ס'איז געוואַקסן די גיריקע נקמה.

IV

דער פּריסטאַוו, אויספאָרשונגס-ריכטער און דער דאָקטאָר זענען געקומען צו פאָרן אויפן צווייטן טאָג אין די אוונט-שעהן נישט צוזאַמען, נאָר יעדערער באַזונדער. ס'איז נאָך געווען ליכטיק, נאָר די שאָטנס האָבן שוין אָנגעהויבן זיך פאַנאַנדערצוציען און אין זיי האָט זיך אָנגעהויבן ווייקן אַ דינענק קראַכעדיק אייזל. פון וואַלאָסט*) איז מען געקומען אין שולע, אַרום וועלכער ס'איז שוין געווען פוסט און ס'זענען געשטאַנען בלויז צוויי גלייכ. גילטיקע סטראַזשניקעס מיט בולטע בלאַשקעס, אויף די ברוסטן די באַאַמטע האָבן זיך שווייגנדיק אויפגעהויבן אויפן גאַניק און זענען אַריינגעגאַנגען אין דער שולע. דער דיקער פוכיקער דאָקטאָר האָט שווער געאָטעמט און זינלאָז געריררט מיט די פינגער, ווי אַ צוגעדריקטע חיה, וואָס דראַפּעט די ערד; דער דאַרער הויכער פּריסטאַוו איז געגאַנגען פאָרויס און דאָס געזיכט זיינס איז געווען אַ האַרטס, ווי אַ שטיין, אַ אַנטשיידנס און אַ זיכערס; און דער אויספאָרשונגס-ריכטער האָט זיך געהאַלטן אין אַ זייט און זיין דינער ווייסער האַלדז, אונטער זיין קליינעם חוצפּהדיקן פּנים מיט פאַרדרייטע העלע וואָנסעלעך, האָט זיך צוזאַמענגעצויגן און אַראָפּגערוקט צו די פלייצעס.

דער פּריסטאַוו איז דער ערשטער אַריינגעגאַנגען אין צימער און איז גלייך צוגעגאַנגען צו ניגאָטשקעס טויטן קערפּער, וועלכער

---

*) גמינע.

האָט אומבאַוועגלעך און קאַלט זיך דורכגעשיינט דורכן לײַלעך. איין רגע האָט ער איר געקוקט גלייך אין שרעקלעכן טויטן פנים אַריין, דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט און מיט אַן אײַזענער געדעמפטער שטים געזאָגט;

— שלעפּ...

ביידע סטראַזשניקעס האָבן געשיקט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די היטלען אַריין אין טיר און טופּנדיק פּאָרזיכטיק מיט די לאַפּטיעס, זענען זיי צוגעגאַנגען צום בעט. די הענט האָבן בײַ זיי געציטערט, און שרעק מיט רחמנות איז געווען צו זען אַפילו אויף זייערע אײַנגעבויגענע אָנגעשטרענגטע רוקנס, נאָר זייער אָטעמען איז געווען טעמפּיק און הכנעהדיק.

— גיכער, — האָט מיט דער זעלבער געדעמפטער און האַרטער שטים געזאָגט דער פּריסטאַוו.

די פּויערים האָבן אָנגעהויבן אַרומלויפן אַהין און אַהער. ניגאָטשקעס טויטע שאַרפע פּיסלעך האָבן ווי אַ ציטער געטאָן, זיך אַראָפּגעלאָזט אַראָפּ. פּונם עלעבויגן. וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ גראָבן, אַ רויטן, ווי די ערד, לײַוונט, איז אַראָפּגעפאַלן אַ גרינגלעך הענטל און אַראָפּגעהאָנגען צו דער פּאָדלאָגע.

— אַרויסטראָגן אויפן הויף אין שטאַל אַריין...

די פּויערים האָבן זיך אַ ריר געטאָן, זענען שטיין געבליבן, ווידער זיך אַ ריר געטאָן און, איבערכאַפּנדיק מיט די הענט, האָבן זיי אַרויסגעטראָגן אַ זוינס, וואָס האָט אויסגעוויזן צו זײַן עפּעס שרעקלעך שווער און צעברעכעדיק.

און ווען די שוואַרצע פּיסלעך האָבן זיך, מאָדנע אויסציענ־דיק זיך, אַרויסגערוקט פון דער טיר פון שולע אויפן גאַניק, האָט דער זעלבער דערשטיקטער זיפץ פון שרעק און אומאַנט־שלאָסנקייט דורכגעטראָגן איבער דער גאַס, וועלכע איז מיטאַמאָל באַלויכטן געוואָרן מיט הונדערטער ברייט־געעפנטע אויגן.

— טרײַבט פאַנאַנדער דעם עולם — האָט דער דאָקטאָר גיך און מיט שרעק, פאַרגייענדיק זיך, געזאָגט אויפן אייער דעם פּריסטאַוו,

דער פּריסטאַוו האָט זיך אויסגעגליכן. זײַן פנים איז געוואָרן

באַפעלעריש און קאַלט און מיט אַ הויכן קול האָט ער אויסגעשריען:

— וואָס טוט איר דאָ? ווער, צום טייוול, דאַרף אייך דאָ צו האָבן?... פאַנאַנדערגייען זיך די רגע, איר הערט? מאַרש!...

דער המון האָט שווייגנדיק, זיך אַ ריר געטאָן, האָט זיך איינגעצויגן, אַ וואַקל געטאָן און געבליבן שטיין.

— פאַנאַנדערגייען זיך! גייט זיך די רגע פאַנאַנדער, איר הערט! — האָבן פלוצלינג דער אוריאַדניק און די סטראַזשניקעס שרעקעדיק אָנגעהויבן שרייען, און מאַכן מיט די הענט איבערן המון.

ניגאַטשקען האָט מען דערטראָגן צום שטאַל און דאָרט זי אַראָפּגעלאָזט אויף אַ צוגעפרוירענעם פוס-באָדן. איר קליין טויט קעפל האָט זיך אַ שאָקל געטאָן און איז געבליבן אומבאַוועגלעך.

איינער פון די סטראַזשניקעס, אַ העל-בלאָנדער און בלאַסער, האָט זיך שרעקעדיק איבערגעצלמט.

דער פריסטאַוו האָט געכאַפּט אַ קוק אויף אים און האָט ווי אויטאָמאַטיש געזאָגט:

— גיי אַרויס פון דאַנען. רוף די עדות.

דעם פויערס פנים האָט זיך ווי איינגעשרומפּט, ווי עס וואָלט אַריינגעגאַנגען ערגעץ אינעווייניק, און אַ טעמפּיקער שרעק איז אַרויסגעטרעטן אויף זיין פנים.

V

נאָכן פּאַלמעסן איז דער דאָקטאר מיטן אויספאָרשונגס־ריכטער בעזעסן אין דער גמינע־פאַרוואַלטונג. אין דרויסן איז שוין געשטאַנען אַ שטערנלאָזע נאַכט, און האָט שוואַרץ געקוקט און די פענצטער. ס'האָט זיך געדוכטן, אַז אין פינצטערן קאָרידאָר איז עמיצער געשטאַנען און צו עפּעס זיך צוגעהערט.

— אַך, גאָט מיינער, גאָט אין הימל! — האָט דער דאָקטאָר טיף אַ זיפץ געטאָן, צונויפדרייענדיק אַ פּאַפּיראָס מיט זיינע דיקע פינגער, וועלכע האָבן אויסגעוויזן, אַז זיי האָבן פאַרגעסן, ווי מ'טוט עס.

דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט שנעל אַ קוק געטאָן אויף אים און אָנגעהויבן אַרומצושפּרייזן איבערן צימער.

זייביידן איז געווען אומדערטרגלעך שרעקלעך און ס'האָט אויסגעוויזן, ווי זיי קאָנען נישט קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין. און די שווער געוואָרענע קעפּ זייערע, וואָס זענען מיטאַמאָל געוואָרן זייער גרויסע און קרענקלעך־פּוסטע, ווי ביי משוגעים,—האָבן זיך דורכגעטראָגן ערינערונגען שפּרינגענדיקע און אין זיגזאַגן. די דאָזיקע ערינערונגען זענען געווען פאָרמלאָזע, נאָר שאַרפע, ווי מעסערס.

מינוטנווייז האָט זיך דעם דאָקטאָר אויסגעוויזן, אַז דאָס אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען, איז „סתם", אַ פעלער, אַ פעלער, וואָס איז אומעגלעך צו פאַריכטן, אַז דאָס אַלץ וועט זיך ענדיקן, דורכגיין אַז ס'וועט גאָר נישט געשען קיין אומגעגנעמס, און ס'וועט ווײַ־

טער זיין גוט, טרייליך און באַקוועם צו לעבן ווי פריער, ווי פאַר דעם. נאָר פלוצלינג איז אָנגעשוומען א פייערדיקער אומפאַרשטענדלעכער נעפל: אַ שיינע נאַקעטע פרוי אין שוואַרצע זאָקן מיט בלאָע זאָקנבענדלעך, אַ פרוי, וועלכע איז אַ רגע געווען נאָר אַ געגנשטאַנד, מיט וועלכן זיי האָבן געטאָן וואָס זיי האָבן געוואָלט, געטאָן מיט אַ זינלאָזיקע הנאה, מיט אַכזריות און מאַכט, רייסנדיק איר ווייכן, גלוסטיקן, פייערדיקן קערפּער, און זי, די דאָזיקע שיינע יונגע פרוי איז פלוצלינג אַרויסגעשוומען פון נעפל פונם שכורן אומזין און פאַרגעסנקייט — אַלס קאַלטער מת.

און דאָס לעבן איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, פאַרשוווּנדן געוואָרן איז די מעגלעכקייט פון לעבן, דער מאָרגעדיקער טאָג איז אַראָפּגעזונקען און אַרייַנגעפאַלן אין שוואַרצן לאָך פון אויסגאַנגסלאָזן שרעק.

ס'זענען אויפגעשטאַנען עפּעס שטראָפנדיקע געשטאַלטן, באַקאַנטע פנימער זענען געוואָרן פרעמד און שרעקלעך, ס'האָבן זיך אויפגעהויבן איבערן קאָפּ אומפאַרמיידלעכע מעכטיקע הענט, און דאָס האַרץ איז געפאַלן, אויסגייענדיק, אין תהום פון שאַנד און פחד.

— אַך, גאָט מיינער, גאָט מיינער! — האָט נידערגעשלאָגן דער דאָקטאָר געזיפצט, בעטנדיק מ'זאָל זיך איבער אים דערבאַרעמען, און אים האָט זיך געוואָלט פאַנאַנדערפירן די הענט, טרויעריק זיך אַ קלאַפּ טאָן אין קאָפּ און וויינען.

און דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט שנעל ארומגעשפּרייזט פון ווינקל צו ווינקל, אַלץ שנעלער און שנעלער, און ס'איז געווען ענלעך דערצו, ווי ער וואָלט זיך באַמיט צו אַנטלויפן פון עמיצן. אונטער אים האָט נישט אויפגעהערט צו סקריפּען די פּאָדלאָגע — אין זיין רונדן און גלאַט אָפּגעשוירענעם ווייסן קאָפּ זענען בליץ שנעל אַרומגעלאָפן שוואַרצנקע געדאַנקען. און האָבן איילעדיק געזוכט אַן אויסגאַנג. דעם דאָקטאָרס זיפצן האָבן אים אַליין גופא געבייזערט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיפצן דאַרף מען נישט און ס'איז נישטאָ קיין צייט דערצו, און איצט דאַרף מען נאָר זען אָפּן איין זאַך, זיך אַרויסדרייען פון מ'אוסן

עסק. דער קאַלטער געדאַנק וועגן דער קלײנער אומגעקומענער פרוי איז געשטאַנען אין פינצטערן װינקל פון זײן מוח, אַ אומבאַװעגלעכער און נישט בײטיקער, אַן איבעריקער.

— אַך, גאָט מײנער, גאָט מײנער! — האָט דער דאָק־טאָר װײטער געזיפצט.

אַ משוגעת האָט באַהערשט דעם אויספאָרשונגס־ריכטער. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די דאָזיקע שװערע זיפצן הענגען אויף זײ־נע געדאַנקען און, רירעװדיקע און פלינקע, קריכן זײ און דרײען זיך אַרום אויף אײן אָרט. ער האָט זיך שנעל אומגעדרײט און אויסגלאָצנדיק זײנע, װי פּעטשאַ קלײנע, דורכזיכטיקע אויגן, האָט ער װילד אַ געשרײ געטאָן:

— װאָס קרעכצט איר, איר קלאָגט־מוטער אײנע! װאָס װילט איר, צום טײװל?

פּלוצלינג איז אַרויסגעשפּרונגען אַ שװאַרצער פלינקער געדאַנק און האָט אַ פונקל געטאָן און זײנע אויגן מיט נישט קײן ריכ־טיק פאַרפירנדיק ליכט.

דער דאָקטאָר האָט פאַרשטאַנען און איז רויט געװאָרן װי אַ בוראַק. זײן גרויס קײלעכיק פּנים איז געװען רויט און גלאַנציק, װי אַ פאַנאַנדערגעבלאָזענער באַלאָן. איבערן גאַנצן צי־מער האָט מען געקאָנט הערן װי קורץ און שװער ער האָט אָנ־געהויבן צו אָטעמען.

— װאָס?... איך?... אַלץ איך? — האָט ער פאַמעלעך אויפ־הײבנדיק זיך אויף די קורצע פיס, אָנגעהויבן צו רײדן.

— געװיס איר! — האָט, משוגע אַ שאָקל טוענדיק זיך מיטן קאָפּ און אַ קריץ טוענדיק מיט די צײן, צו אים זיך אַ ריס געטאָן דער אויספאָרשונגס־ריכטער.

דאָס לעמפּעלע האָט זיך, װי דערשראָקן, אָנגעהויבן צו שאָקלען אויפן טיש און דער גרינ־ער אַבאַזשור האָט װי װאָרנדיק, אויך אָנגעהויבן צו ציטערן. דאָס ליכט איז געפאַלן פון אויבן אַראָפּ אויף די פאַנאַנדערגעשטעלטע פיס און אויף די קראַמפּהאַפט צוזױפגעבײלטע פויסטן און די פנימער זענען געװען אין שאָטן און נאָר די אויגן האָבן געבלאַנקט טריב און שרעקלעך.

— איך? — האָט דער דאָקטאָר איבערגעפרעגט און זיך געשטיקט, כריפּענדיק און קוויטשענדיק.

— איר, איר, איר! — האָט דורכדרייגעגנדיק און ווילד דער אויספאָרשונג-ריכטער געשריגן.

— און ווער האָט דער ערשטער געזאָגט? — האָט דער דאָקטאָר געכריפּעט. — ווער איז דער ערשטער, וועמען דאָס איז איינגעפאַלן צו טאָן?

— איך האָב עס געזאָגט אויף אַ שפּאַס, און איר האָט עס אָנגענומען פאַר ערנסט און זענט דער ערשטער געגאַנגען.

— און ווער האָט געשלאָגן איבערן קאָפּ, איבערן קאָפּ?... אפשר איך?

— און ווער האָט געזאָגט, אַז מיר האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן?

זיי זענען געשטאַנען איינער קעגן דעם אַנדערן מיט פּנימער וואָס זענען געווען פאַרקרימט אין שרעקלעכע העוויות און האָבן אויסגעשריגן נאָקעטע און העסלעכע באַשולדיקונגען. אין זייערע צעמישטע מוחות און פאַרלוירענע נשמות האָט ווי געשריגן אַן אומדערטרעגלעך דורכדרינגנדיק קול. וואָס האָט גערופן זיך צו ראַטעווען פון דער גרויסער צרה און אָנשיקעניש:

— נישט איך, נישט איך... ער, ער, ער!...

ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי מענטשן קריכן איינער דעם אַנדערן אויף די פּלייצעס, שטיקן און קלאַפּן זיך איבער די קעפּ, מענטשן, וואָס זענען פּלוצלינג אַריינגעפאַלן אין אַ דושנעם און שמאָלן ברונעם, פול מיט ליידן און שרעק.

די טיר האָט אַ קלאַפּ געטאָן און, שרעקנדיק זיך פאַר יעדן קלאַנג, יעדן גערויש, האָבן זיי ביידע זיך צוזאַמענגע-קוועטשט, זענען בלאַס און פאַרשוויגן געוואָרן.

ס'איז אַריינגעקומען דער פּריסטאַוו. ער איז געווען אָנגע-טאָן אין אַ קאַלט-גראָען מאַנטל מיט גלאַנציקע קנעפּ און גע-טראָגן אין דער לינקער זייט אַ האַרטע שווערד. זיין פּנים האָט אויסגעזען שטיינעריק און די אויגן — מעטאַלענע, און ער איז אינ-גאַנצן — אַ גראָער און אַ האַרטער.

ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט זיך אָן אים אָנגע־שפּאַרט מיט די הענט און געזאָגט, קוקנדיק אויף דער וואַנט:

— באַלד וועלן מיר אָנהייבן די אויספאָרשונג...

און נישט זעענדיק, נאָר פילנדיק, ווי דער דאָקטאָר און דער אויספאָרשונגס־ריכטער זענען בלאַס געוואָרן, האָט ער פאַר־קרימט אָן אַ זייט די ליפּן און געזאָגט:

— יאָ, גוט און וויל פאַרבראַכט אַ נעכטעלע... אַ שאָד דאָס נאַריש מיידעל — אַריינגעפאַלן נעבעך. נאָר ס׳מאַכט נישט אויס.

ער האָט שפּאָטיש אַ קוק געטאָן פריער אויפן דאָקטאָר, דערנאָך אויפן אויספאָרשונגס־ריכטער און גראָבלעך, בייטנדיק די שטים, האָט ער צוגעגעבן:

— ווי די מעשה זאָל נישט זיין, אָבער מיר וועלן נישט אומקומען און נישט גיין צו גרונט צוליב אַ פריי... מ׳מוז זען זיך אַרויסדרייען פון עסק. וואָס־זשע?... אָט האָב איך זיך נאָר וואָס דערוווסט, אַז צוויי פויערים האָבן געזען, ווי מאַטוויי איז ביינאַכט אַרויסגעגאַנגען פון דער שולע... אַ?... וואָס וועט איר אויף דעם זאָגן?

— נו, איז וואָס?... — האָט לויטלאָז דער דאָקטאָר געפרעגט.

און ווידער איז אַ פּיפיקער געדאַנק אַרויסגעשפּרונגען אינם דאָקטאָרס מוח. אין האַלדז האָט ביי אים אַ כליפּע געטאָן עפּעס פריידיקס.

— דאָס וואָלט טאַקע געקאָנט זיין אַ רעטונג, אַן אמתע אויסלייזונג פונם שרעקלעכן אָנשיקעניש. דאַן וואָלט שוין נישט געקאָנט זיין קיין רעדע וועגן דעם, אַז מ׳האָט זי מאַנס געוועזן, — דאַן וואָלט עס נאָר געהייסן, אַז מ׳איז זי באַפאַלן מיט אַ רויב־צוועק... אַ רויב־צוועק איז דאָ פאַרשטענדלעכער און לייגט זיך מער אויפן שכל, ווי דאָס פאַרגוואַלטעוועןן!... פאַרשטייט איר מיך?... דעם סטרוזש מאַטוויי איז נישט שווער צוצעקוועטשן צו דער וואַנט אין שאַפן אַן איבערצייגונג, אַז ער האָט זי דערהרגעט כדי זי צו באַראַבעווען, און אַז ער האָט דערנאָך, כדי אָפּצוווענדן דעם חשד אין מאָרד זי אויפגעהאַנגען; מ׳זאָל מיינען אַז זי איז

באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. יאָ, מאַטווייען איז נישט שווער צו „באַאַרבעטן", איך נעם זיך אונטער דאָס צו טאָן... און פון אַ פאַרגעוואַלטיקונג וועט שוין דעמאָלסט נישט זיין קיין רייד.

— אַזוי... אַ — האַ... — האָט דער פּריסטאַוו, אויסציִענדיק זיין לאַנג אָדעריקן האַלדז און ווי צוהערנדיק זיך צו עפּעס ווייטס, אויסגעצויגן.

און דער אויספאָרשונגס-ריכטער האָט, שפּריצנדיק מיט שליונע און לויפנדיק מיט די אויגן מיט אַ משוגענער שנעלקייט, געשעפּטשעט און זיך געכאַפּט פאַרן אַרבל פונם גראָען מאַנטל.

וואָס מער דער אויספאָרשונגס-ריכטער האָט גערעדט וועגן דעם, ווי אַזוי מ'זאָל די גאַנצע שולד אַרויפוואַרפן אויפן סטרוזש מאַטוויי איז דער דיקער אָנגעבלאָזענער דאָקטאָר אַלץ שוואַכער געוואָרן, און אַלץ מער ביי זיך אַראָפּגעפאַלן. אַ נייער פּחד!–נאָך אַ פּחד!—איז פאַר אים אויפגעשטאַנען, איינגעהילעט אין אַ פּחדנישע, זיך רייסנדיקע רעדע, און דעם דאָקטאָר האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט נישט איבערטראָגן — דעם דאָזיקן גיהינום, און ווען דער אויספאָרשונגס-ריכטער איז פאַרשוויגן געוואָרן, האָט דער דאָקטאָר שווער און מאַכטלאָז זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול, אַ קלאַפּ טוענדיק מיט די עלנבויגנס אין טיש, און, פאַרדעקנדיק דאָס פּנים מיט די דיקע פוכיקע פינגער, האָט ער טויב זיך אָפּגערופן:

— יאָ... נאָר... גאָט מיינער, וואָס איז דאָס אַזעלכעס?

דער פּריסטאַוו האָט פאַמעלעך אומגעדרייט צו אים זיין אומבאַוועגלעך אייזן פּנים.

— וואָס-זשע טוט מען, אדרבה, גיט איר אַן עצה, וואָס צו טאָן? — האָט ער קאַלט געפרעגט.

— פאַר אַזאַ זאַך קומט דאָך אָבער קאַטאָרגע. ווילט איר, אַז פאַר אונדזער עבירה זאָל אַ אומשולדיקער מענטש אַוועק אויף קאַטאָרגע! קאָנען מיר עס פועלן ביי זיך? און שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז די שטראָף פאַר אונדזער גרויסן חטא וועט אָפּקו-מען אַ מענטש, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיק.

אויפן פּנימל פונם אויספאָרשונגס-ריכטער האָט אַלץ שטאַר-קער און שטאַרקער זיך פאַנאַנדערגעשפּילט עפּעס אומאיינהאַלט-

לעך ווילדס, עפּעס אַ משוגענע התפּעלות פון אַ חיה, וואָס איז ביצול געוואָרן פון טויט.

— נו, איז וואָס, — האָט הארט און רוי, אַזוי רויק, ווי פון עפּעס געוועגלעכס, געזאָגט דער פּריסטאַוו.

— דאָס איז אוממעגלעך... כ׳קאָן נישט! — האָט אָפּגע־זיפצט דער דאָקטאָר, נאָך שטארקער צוקוועטשנדיק די פינגער צום פּנים.

— ס׳הייסט: איך קאָן נישט! — האָט אַ קוויטש געטאָן דער אויספאָרשונגס־ריכטער.

— ניין, איך קאָן נישט... — האָט דער דאָקטאָר נישט אַראָפּנעמענדיק די פינגער פון פּנים, אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ. און די שטים זיינע איז געווען אַ טרויעריק געדעמפּטע און בידערגעשלאָגענע: — כ׳קאָן נישט...

— און יענץ אָפּטאָן האָסטו יאָ געקאָנט?! — האָט דער אויספאָרשונגס־ריכטער געשריען.

— יענץ... כ׳ווייס נישט, ווי אַזוי... דאָס איז געשען... וואָס־זשע... און דאָס קאָן איך נישט! קאָן ביי זיך נישט פּועלן! בשום־אופן! — האָט דער דאָקטער מיט דער זעלבער שטים וואָס פריער, געענטפערט.

— אַזוי, איר קאָנט נישט, איר קאָנט ביי זיך נישט פּועלן. און גיין אויף צוועלף יאָר קאַטאָרגע קאָנסטו יאָ ביי זיך פּועלן... האַ? — האָט דער אויספאָרשונגס־ריכטער מיט אַ אומענדלעכער שנאה און קעציש טריומף, געפּרעגט, איינבייגנדיק זיך צום דאָק־טאָרס סאַמען אויער.

דער דאָקטאָר האָט שנעל אַוועקגענומען די האַנט פונם באַסן, געשוואָלענעם רויטן פּנים, האָט אומבאַוועגלעך אַ קוק געטאָן מיט זיינע טריבע משוגענע אויגן, אויפן ריכטער און אַ פאַל טועגדיק פּליצלינג מיטן קאָפּ אויפן טיש, האָט ער קווי־טשענדיק אָנגעהויבן צו וויינען און צו זיפצן.

— גאָט מיינער, מיין גאָט!... וואָס־זשע איז דאָס אַזעלכעס? וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?

זיין קאָפּ איז געשפּרונגען און אַרומגעפאָרן איבערן ראַנד פונם טיש, ווי אַ גרויסער ווייכער פּענכער.

— באַרויקט-זשע אים... — האָט מיט אַ קאַלטער פאַראַכ־טונג געזאָגט דער פּריסטאַוו, אָפּגייענדיק פון טיש. — וואָס מאַכט ער זיך דאָ צו נאַר? וואָס האָקט ער אַ טשייניק... כ׳פאַר־שטיי נישט...

דער דאָקטאָר האָט זיך אָנגעהויבן צו קרעכן און דערנאָך האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט הייבט ער פּלוצלינג אָן הויך און שרעקלעך צו לאַכן.

דער אויספאָרשונגס-ריכטער איז, אַ דערשראָקענער, אַ לויף געטון נאָך וואַסער. ער האָט געשטופּט דאָס גלאָז מיט וואַסער אין דאָקטאָרס נאָסע ציין און האָט פחדניש איבערגעחזרט:

— נו, הערט שוין אויף... הערט אויף... ווי פּאַסט עס פאַר אייך... וואָס האָט איר אַזוי מורא?... מ׳קאָן מיינען, מי יודע וואָס ס׳איז געשען. נו, וואָס איז? זיך געשפּילט מיט אַ מיידע־לע... געווען שיכּור... יעדער אויף אונדזער אָרט וואָלט געטאָן דאָס זעלבע... און וואָס אָנבאַלאַנגט איר טויט, זענען מיר דען אין דעם שולדיק? האָבן מיר דען געוואָלט, זי זאָל גיין פון דער וועלט? טרינקט אויס אביסל וואַסער און באַרויקט זיך... הערט אויף... שרייט נישט... ס׳איז שוין אַזוי אַרויסגעקומען, וואָס קאָן מען טאָן...

דער פּריסטאַוו האָט פּלוצלינג עפּעס ווי אַ זיפץ געטאָן, נאָר ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט גלייכצייטיק געלאַכט. דער ריכטער האָט דערשראָקן זיך אַ קער געטאָן צו אים און איין רגע איז אים פאַרגעקומען עפּעס מאָדנע-ווילד. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַלע זענען משוגע געוואָרן, און ער אַליין — אויך, און איבער זיין שאַרבן איז אַריבער אַ קראַמפּ־האַפטער ציטער.

דער פּריסטאַוו האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, האָט אַרויסגעריסן פון זיין האַנט דאָס גלאָז, וועלכעס האָט זיך מיט אַ קלונג אַ קלאַפּ געטאָן אָן דער פּאָדלאָגע, און מיט אַ משוגענער

קראַפּט אַ כאַפּ טוענדיק דעם דאָקטאָר פאַר די פּלייצעס, האָט ער אַ געשריי געטון:

— דו וועסט אַנטשוויגן ווערן צו ביין, דו געמיינער לאָבוז איינער! שוייג! ווען נישט, וועל איך דיך דערהרגענען!

דער דאָקטאָר האָט זיך געטרייסלט אין זיינע הענט, פּונקט ווי זיין קאָפּ וואָלט זיך אָפּגעריסן פונם קערפּער און האָט אומבאַהאָלפן געבעטשעט:

— איך פאַר... שטיי, לאָזט... מיך... אָפּ... כ'וויל גאָר נישט...

VI

נאָך פון אָוונט אָן האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן דאָרף אַ שווערער קלאַנג וועגן פאַרברעכן, אַ קלאַנג, וועלכער איז געווען נישט צו זען און נישט צו הערן און וועלכער איז געקראָכן פון מויל צו מויל. אין דאָרף איז אומעטום געווען טויב און שטיל, נאָר ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין דערדאָזיקער טויטער שטילקייט איז אַ פאַרצווייפלטער געשריי געפלויגן פון מענטשן צו מענטשן און אין די נשמות איז געוואָרן שרעקלעך, ווייטאָקדיק און ס׳איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן אַ שרעקלעכע קאָשמאַרנע אויפרעגונג. זי איז געלעגן פאַרבאָרגן אין דער טיפקייט פון די מענטשלעכע נשמות און איז ווי אַוועק אַלץ טיפער און טיפער, נאָר פלוצלינג, — קיינער ווייסט נישט, ווי אַזוי און ווו, — האָט אין המון עמיצער אַ געשריי געטאָן מיט אַ פאַנישער שטים. די אויפרעגונג האָט זיך אַרויסגעריסן פון אינעווייניק און זיך אַ קייקל געטאָן פון עק צו עק. פאַרטאָג, ווען די אַרבעטער פון דער מאַנופאַקטור־פאַבריק און אויפן נאָענטסטן וואָקזאַל האָבן זיך נאָר וואָס געהאַט געשטעלט צו דער אַרבעט, האָבן זיי געוואָרפן די אַרבעט און שוואַרצע קופּעסווייז אַוועקגעקראָכן דורך די פעלדער אין דאָרף אַריין.

— אַליין האָבן זיי דערהרגעט און זיי אַליין זענען די שופטים, ווי געפעלט עס אייך? — האָט אָנגעהויבן ריידן אַ שווערע געדעמפטע שטים, און אין איר פּליסטערן האָט אָנגעהויב־

אָנוואַקסן עפּעס אומגעהייערס, אַלגעמיינס, דראָעדיקס, ווי אַ כמאַרע, וואָס רוקט זיך אָן און ווערט אַלץ גרעסער.

און יענץ אומגעהייער איז געוואַקסן מיט אַ אומשטירצנדיקער קראַפט און אַ שטראָמיקער שנעלקייט, און אין איין סטיכישער באַוועגונג האָט עס מיטגעשלעפּט מיט זיך אַלץ, וואָס איז געווען פאַרבאָרגן אין דער נשמה, אַלץ, וואָס איז געווען געשטיקט אין זיך, — די עוולה פון הונדערטער יאָרן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער שאָטן פון דער קליינער פאַרמוטשעטער פרוי אין קינדערשע שוואַרצע זאָקן און מיט נאַיווע בלאָע זאָקנבענדלעך האָט פּלוצלינג פאַרקערפּערט אין זיך עפּעס געמיינזאַמס, ליכטיקס, יונגס, סימפּאַטישס, אַזעלכעס, וואָס איז אָן אַ שיער און האָפענונגסלאָז אונטעריאָכט צוגעקוועטשט און דערהרגעט. ס'האָט זיך נישט געוואָלט גלייבן, ס'האָט זיך נישט געוואָלט לעבן; און די פיס זענען אַליין, פון זיך, געגאַנגען אין יענער זייט, דאָרט, וווּ דאָס יונגע מיידל אין די שוואַרצע זאָקן איז אַזוי טראַגיש אומגעקומען. יאָ די פיס זענען אַליין געגאַנגען אַהין, ווי אויף אַ רוף פון איינעם וואָס ראַנגלט זיך מיטן טויט און בעט הילף. די קולות האָבן אַליין אָנגענומען אַ דראָענדיקן און פאַרצווייפלטן אויסדרוק.

ווען די סטראַזשניקעס האָבן באַגינען אַרויסגעטראָגן אויף דער גאַס די נישט לאַקירטע טרומנע מיטן טויטן קערפּער פון דער אומגעקומענער יונגער פרוי, האָט אַ זייער גרויסער המון, פול געמאַכט די גאַנצע גאַס. דער המון האָט זיך שווייגנדיק אָפּגערוקט אָן אַ זייט פאַר דער טרומנע, וואָס איז פּאַמעלעך געשוומען אין דער לופטן. קיינער האָט נישט געוווסט, וואָס מ'דאַרף צו טאָן און אַלע האָבן מיט פאַרביטערטע הערצער זיך איינגעקוקט אינם דעקל פון דער טרומנע, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אונטער דערדאָזיקער דעק האָט זיך באַהאַלטן אַ שווייגנדיקע אָנגעשטרענגטע פאַרצווייפלונג. ס'איז געווען שטיל, נאָר ערגעץ פון הינטן, ווייט, האָט שוין טויב און שווער זיך געדרייט עפּעס אַן אַלץ וואַקסנדיקער אונטערערדישער גערויש.

דער ווייסער הימל איז שוין געוואָרן דורכזיכטיק און דער טוי האָט אילוזאָריש זיך געווייסלט אויף די דעכער, אויף דער

ערד, אויף די פּלויטן. אָן איינציקער שטערן אויפן מזרח-זייט הימל האָט זיך געבליטשט דין און טרויעריק. דער שוואַרצער המון האָט, פּאַמעלעך צוזאַמענוויקלענדיק שוואַרצע רינגען, זיך אַ ריר געטאָן און זיך געצויגן נאָך דער טרומנע איבער דער לאַנגער שטילער גאַס. אויבן אויפן הימל איז געווען אַזוי ריין, דורכזיכטיק און שיין און אַזוי אומרויִק גראָב איז געווען פון אונטן, אויף דער שוואַרצער ערד. די טרומנע האָט מען שנעל דערטראָגן צום קלויסטער און פּאַמעלעך האָט מען אָנגעהויבן פּאַרקירעווען צום צמענטאַזש.

עמיצער האָט דורכדרינגענדיק און עקשנותדיק אָנגעהויבן שרייען. איוואָלגין איז, אָן אַ היטל, אַ גראָער און ווילדער, געלאָפן נאָך דער טרומנע און, מאַכנדיק מיט די ביינערנע הענט, האָט ער געשריען:

— שטייט, שטייט!

די טרומנע האָט זיך ווי אַליין אָפּגעשטעלט און האָט זיך, ווי נישט אַנטשיידן, זיך אַ וואַקל געטאָן אויפן אָרט. איוואָלגין איז צוגעלאָפן. די גראָע בינדלעך האָר זיינע האָבן געשטאַרטשעט אין אַלע זייטן און זיינע אַלטע אויגן האָבן געגלאַנצט איבער דעם אויסגעקרומטן מויל.

— וווּהין?! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, פּאַרלירנדיק דעם אָטעם און כאַפּנדיק זיך פּאַר דער טרומנע: — צוריק!... מ'האָט זי דערהרגעט און — גאָרנישט, אַ סוף: פּאַרווישט יעדע שפּור. באַגאַנגען אַזאַ שרעקלעכע נבלה און זיי באַהאַלטן זיך אויס, מיינען אַז קיין האָן וועט אפילו נישט קיין קריי טאָן און דאָס וועט זיי אַזוי גלאַט, אומבאַשטראָפט דורכגיין!... ניין, געמיינע לאַבוּסעס!... צוריק! מיר וועלן נאָך זען, ווי אַזוי...

דער המון האָט טיף אָנגעהויבן צו רוישן און דאָס געוויש איז געווען ענלעך צו אַ וואַקסנדיקן אָנדראַנג פון ים-כוואַליעס צום ברעג פון ים.

— הער איוואָלגין, פּאַר אַזעלכע ווערטער קען אייך אויסקומען צו זיין פּאַראַנטוואָרטלעך... גאַנץ פּשוט! — האָט דראָענדיק אַ געשריי געטאָן דער אוריאַדניק און האָט זיך אַריינגערוקט

און זיך דורכגעשאַרט צווישן אַלטעטשקן און דער טרומנע. — טראָגט, קינדער, ווייטער, טראָגט!... איוואַלגין האָט זיך מאַשינאַל אַ כאַפּ געטאָן פאַרן אוריאַדניקס האַנט און האָט מאַשינאַל גע־ריירט מיט זיינע טוייסלדיקע ליפּן, ווילד גלאָצנדיק דערביי מיט די משוגע געוואָרענע אויגן.

— כאַפּט מיך נישט פאַר די הענט! — האָט דער אורי־יאַדניק קרעפּטיק אַרויסגעריסן פון אים זיין האַנט, און זיין שטים האָט אַ קלונג געטאָן באַליידיקט און זיכער.

אָבער איוואַלגין האָט אים ווידער שווייגנדיק און מאַשינאַל אַ כאַפּ געטאָן פאַרן עלנבויגן און ווי שווייגנדיק, האָט ער קראַמפּ־האַפטיק עפּעס געבעבעט, עפנענדיק און פאַרמאַכנדיק ווי אַ פיש דאָס מויל.

— לאָזט! — האָט מיט משוגעת אַ געשריי געטאָן דער אוריאַדניק.

— זיי האָבן דערהרגעט... אַליין דערהרגעט...—האָט איוואַל־גין אַרויסגעזאָגט קלאָרע דבורים, נישט בלויז רמזים; — און איר... ס׳איז דאָך אַן עבירה... ס׳איז דאָך הימלשרייענדיק... איר הייסט דאָך... און מאַכט זיך כּי־לא־ידע.

— וואָס ווייס איך? — האָט אויסטערליש, חי ווערנדיק אויפגעבראַכט, דער אָריאַדניק חוצפּהדיק אַ געשריי געטאָן, — וואָס איז אייער עסק?... ווער בעט אייך זיך אַריינצומישן ס׳אַראַ רעכט האָט איר דערצו?... סטראַזשניק, נעם אים!

אַ בלאָנדער און בלאַסער פּויער האָט נישט דרייסט אַ נעם געטאָן איוואַלגאַנין פאַר דער האַנט.

— ברידערלעך, וואָס איז דאָס אַזוינס? וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט עמיצער פון המון קוועטשנדיק מיט די פּליי־צעס, געשריען.

— לאָז, וואָס כאַפּסטו זיך!... רוצחים!... קינדער, לאָזט נישט קובר זיין... דעם פּראָקוראָר — אַרויספאָדערן!... אַ אמת נישט לאָזן ברענגען צו קבורה! — האָבן כאָטיש און נישט הויך אָנגעהויבן צו שרייען פאַרשידענע קולות, און מיטאַמאָל

האָט דער גאַנצער המון זיך אַ רוק געטאָן און ווידער זיך אַ שטויס געטאָן פאָרויס.

דער אוריאַדניק האָט עפּעס אָנגעהויבן צו שרייען פון אַלע כּוחות, נאָר זיין קול איז פאַרהילעכט געוואָרן אינם תּהו־ובֿהו פון די קולות, וואָס האָבן זיך געריסן פון הונדערטע העלדזער. די טרומנע האָט זיך שטאַרק אָנגעהויבן שאָקלען און גיך זיך צעראָפּגעלאָזט אונטן, אויפן דנאָ, פונם המון.

VII

אויף מאָרגן, צו מיטאָגצייט, זענען געקומען צופאָרן דער איספּראַווניק*) און דער פּריסטאַוו, וועלכע מ'האָט פון דער אייזנבאַן-סטאַציע אַרויסגערופן דורך אַ טעלעגראַמע.

דאָס גאַנצע דאָרף האָט פון אינדערפרי גערוישט און געציטערט. די טרומנע איז איינזאַם געשטאַנען אין קלויסטער און אויף זיין דעקל האָט טריב זיך אָפּגעשפּיגלט די זון.

דער דיקער איספּראַווניק איז, שווער באַלאָדן און באַפּעלעריש, אַראָפּגעקראָכן פון דער בריטשקע און האָט נישט הויך, נאָר פעסט און קורץ אַ זאָג געטאָן צום פּריסטאַוו:

— איפּאָליט איפּאָליטאָוויטש, פאַראָרדנט מ'זאָל ברענגען עדות און מ'זאָל באַלד באַגראָבן...

און איז אַליין מיט קורצע און פעסטע טריט. אַוועקגעגאַנגען צום קלויסטער. אַלע טרעפּ צום אַריינגאַנג אין קלויסטער און דער גאַנצער הויף איז געווען פאַרגאָסן מיט אַ שוואַרצן שוויגעדיקן המון. ס'זענען דורכגעגאַנגען די סטראַזשניקעס, דורכגעגאַנגען איז דער פּריסטאַוו און דער אָריאַדניק. מ'האָט געהערט ווי הילכיק און דיסהאַרמאָניש ס'האָבן געטראָטן זייערע פיס איבער דער שטיינערנער פּאָדלאָגע פון קלויסטער. דערנאָך זענען זיי ווידער אַרויסגעגאַנגען און דאָס געלע דעקל פון דער טרומנע האָט זיך באַוויזן אין שוואַרצן לאָך פון דער

*) פּאָוויאַטאָווע נאַטשאַלניק.

טיר און זיך אָנגעהויבן צו הוידען אין דער לופט, הויך איבערן המון.

— גיכער ריר זיך! — האָט איילעדיק און באַפעלעריש דער איספּראַווניק געזאָגט, שיקלענדיק בייז און אויפמערקזאַם זיינע אויגן אין אַלע זייטן.

שווייגנדיק, ווי אַן אויטאָמאַט, האָט דער המון זיך אַ רוק אַראָפּ געטאָן אויף די טרעפּ די טרומנע איז געבליבן שטיין.

— גייט זיך פאַנאַנדער! — האָט דער איספּראַווניק, אַרויס־טרעטנדיק פאָרויס, אַ געשריי געטאָן.

— ס'הייסט עפּעס — זיך פונאַנדערגיין!? — זיי האָבן זיך דערהרגעט און מיינען, אַז זיי וועלן אָפּקומען מיטן באַפעל „גייט זיך פאַנאַנדער"... שוין, נישטאָ וואָס צו זאָגן! — האָט עמיצער פון עולם געענטפערט.

איוואָלגין, אַ גראָער און פּונקטואַלנער, מיט אַ ווייסנקן צלמל אויפן גראָען מאַנטל, איז העפלעך און אַנטשיידן צוגעגאַנגען צום איספּראַווניק.

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, — האָט ער איינגעהאַלטן און שטיל אָנגעהויבן: — אָבער באַלד ווען די שטים פון פאָלק ווייזט אָן אויף...

— וואָ — אָס? — האָט שנעל אַ קער טוענדיק דעם קאָפּ, דער איספּראַווניק געפרעגט און זיך ברוגזדיק אָנגעבלאָזן.

— איך זאָג, אַז מיר ווייסן אַלץ, ווער די מערדער זענען... מ'קאָן נישט דערלאָזן, אַז אַזאַ שרעקלעכע זאַך...

דער איספּראַווניק האָט קורץ און נישט זיכער אים אַ קוק געטאָן און די אויגן אַריין און האָט זיך באַלד אַ קער אָפּ געטאָן.

— ביטע... דאָס איז נישט אייער עסק!... ווער זענט איר?... זייט אַזוי גוט און גייט אַוועק פון דאַנען.

ער האָט ווייך, אָבער אַנטשיידן אַ רוק געטאָן אין אַ זייט איוואָלגינען, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן וועג.

— פאַרזיכטיקער! האָט איוואָלגין פּלוצלינג משוגע און שרעקלעך אַ געשריי געטאָן, העפטיק אָפּשטויסנדיק דעם איספּראַווניקס האַנט.

דער איספּראַווניק האָט זיך ווי צוזאַמענגעקאָרטשעט און איז מיטאַמאָל געוואָרן בלאַס.

— שטילער, שטילער... איר... האָט ער קוים צו הערן און גישט קוקנדיק אויף איוואָלגינען, אַ זאָג געטאָן — טראָגט, קינדער...

ס׳איז געוואָרן אַ לאַנגע נישט היימלעכע שטילקייט און אומבאַוועגלעכקייט. די טרומנע האָט זיך שטיל געשאָקלט אויף די טרעפּ צו פון אַריינגאַנג אין קלויסטער.

— קינדער — האָט דער איספּראַווניק אָנגעהויבן צו שרייען, מיט אַ דינער אָנגעשטרענגטער שטים, ווערנדיק אַלץ מער און מער בלאַס, — צי ווייסט איר און גיט זיך אָפּ אַ חשבון אין דעם, וואָס איר טוט?... פאַר אַזאַ זאַך מוז מען דאָך זיין פאַראַנט־וואָרטלעך! לאָזט דורך... די אויספאָרשונג איז שוין דערגאַנגען און האָט שוין אויפגעקלערט, ווער ס׳איז שולדיק אין דעם, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען... דאָס געריכט וועט שוין משפּטן, און איר וועט טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר...

— משפּטן... וועט משפּטן... אַן אויספאָרשונג! האָ, האָ, האָ! מיר ווייסן שוין, וואָס אַזעלכעס דאָס באַדייט — האָט מען, מיט אַ חוזק טאָן און הילכיק אָנגעהויבן שרייען צווישן המון. — פּיפּיקע יונגען, נישטאָ וואָס צו זאָגן!... ניין, ברודער, נישט געטראָפן קיין פרייער, טראָג זיך אָפּ פון דאַנען.

— דורכלאָזן! — האָט פּלוצלינג פאַרלירנדיק זיך. צו הויך און נישט גלייך אַ געשריי געטאָן דער איספּראַווניק וואָס איז דאָס אַזוינס!...

— וואָס דאָס איז? אָט דאָס איז עס! — האָט איוואָלגין אַ געשריי געטאָן. נאָך אַ מאָל רייסנדיק זיך צום איספּראַווניק,— איר מיינט, אַז אויף אייך איז נישטאָ קיין געריכט?... אויב אַזוי, האָסטו אַ טעות, דו געמיינער יונג איינער! אָט האָסטו דיר אַ געריכט!

דער איספּראַווניק האָט שווייגנדיק זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך און אַ טראָט געטאָן צוריק. און דער גאַנצער המון האָט, ווי אַ פאַרכישופטער, זיך אַ ריר געטאָן נאָך אים.

איפּאָליט איפּאָליטאָוויטש,—האט פּאַרלירנדיק זיך, דער איס־פּראַווניק זיך געווענדט צו איוואַלגינען:

דער הויכער גראָער פּריסטאַוו איז צוגעגאַנגען צו איוואַלגינען און אויף זיין שטאָלענעם פּנים איז געווען אַ פעסטער, קאַלטער אויס־דרוק; אַן אויסדרוק פון מענטשלעכן פּנים, וואָס פאַרשטייט נאָך עפּעס נישט און קאָן עפּעס נישט תּופס זיין.

פּונקט אין דער רגע, ווען דער אָריאַדניק און דער פּריסטאַוו האָבן אַ כאַפּ געטאָן איוואַלגינען, האָט אַ הויכער אין דאַרער אַרבעטער מיט אַ לאַנג פאַרבלאָז פּנים, פּלוצלינג זיך געענדערט אין געזיכט און אַראָפּלאָזנדיק משוגע די שוואַרצאַפּלען פון זיינע אויגן, האָט ער מיט זיין גראָבער פויסט דערלאנגט אַ קלאַפּ אין פּנים דעם פּריסטאַוו.

— מערדער! !... האָט דער אַרבעטער אַ זיפּץ געטאָן.

ס׳האָט אַ שפּריץ געטאָן בלוט און עפּעס האָט קרענקלעך און עקלהאפט אַ קראַך געטאָן. דער פּריסטאַוו האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, נאָר איז געבליבן שטיין אויף די פיס. זיין פּנים איז מיטאַמאָל געוואָרן זייער מיאוס. דאָס פּנים האָט אָבער נישט אויסגעדריקט נישט קיין שרעק און קיין יסורים, נאָר אַ מין חיהש משוגעת. ער האָט קורץ און חייזעריק אַ רעווע געטאָן און אויסבייגנדיק זיך, ווי אַ קאַץ. האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן אַרבעטער, לערך אַ מינוט צייט זענען זיי ביידע אָפּגעשטאַנען אַרומנעמענדיק זיך, דערנאָך האָבן זיי זיך אָנגעהויבן שאָקלען און מיטאַמאָל אַ פאַל געטאָן אַראָפּ, קלאַפּנדיק און קלינגענדיק איבער די טרעפּ פונם איינגאַנג.

אין דאָ האָט דער גאַנצער עולם אַרויסגעלאָזט אַ קרענק־לעכן אָך און זיך אָנגעהויבן צו דרייען, אַ שרעקלעך בלאַס געשפּענסט פון צערשטערונג איז אויפגעשטאַנען איבערן המון און זיין גלייכע שרעק האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף די פּנימער פון אַלע, וואָס האָבן זיך אריינגעוואָרפן און דעם שלעגעריי.

— אַ נו... שלאָגט, קינדער! — האָט עמיץ געשריען מיט אַ דינעם, מונטערן און שרעקלעכן קול.

דער איספּראַווניק און דער סטאַראַשינאַ זענען געלאָפן איינער

נעבן אַנדערן איבער דער שמוציקער ערד, איבערן צעשמאָלצענעם שניי, איבערן קאַלטן וואַסער, וואָס האָט געשפריצט און פּנים אַריין. זיי זענען געלאָפן כריפּעדיק און נישט קאָנענדיק כאַפּן דעם אָטעם, שמוציקע, מיט צעריסענע מלבושים, מיט צעשלאָגענע שרעקלעכע פּנימער און זענען געווען ענלעך אויף עפּעס אומגעהייערע מאוסע האָזן, וואָס שניידן דורך דאָס פעלד גראָדליניק, נישט זוכנדיק דעם וועג. ווייט פון הינטן איז דער המון מיט אַ טומל און פּייפערייַ געלאָפן, פּאנאַנדערשיטנדיק זיך ווי אַרבעס.

VIII

ביינאַכט איז איבערן פינצטערן שמוציקן וועג, וואָס גייט אַרויס אין דער פינצטערניש, אַריינגעקראָכן אין דאָרף אַריין אַן אומגעהייער שווערע מאַסע. מ'האָט גאָרנישט געקאָנט זיך אָריענטירן אין איר, נאָר מ'האָט געהערט, ווי פערד האָבן וואָרגדיק געשנויפט, ווי די פּאָדקאָוועס האָבן דראָבנע געכליופּעט איבער דער ערד און קריצנדיק, האָט, קוים צו הערן, געקלונגען געווער.

מ'האָט נישט געזען קיין פּנימער, קיין באַוועגונגען, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז עס גייט אַ אומאונטערבראָכענע דראָענדיקע קראַפט.

דאָס מיליטער איז געבליבן שטיין אויפן פּלאַץ. אויף דער גאַס איז געווען שטיל און פּוסט. נאָר די אויפגעוועקטע הינט האָבן אין די הויפן געוואָיעט און געבילט: ווו נישט ווו האָבן אין די פינצטערע סודותפולע פענצטער טריב זיך אָנגעצונדן פייערלעך און זענען באַלד אויסגעלאָשן געוואָרן.

א טייל זעלנער האָבן אין פּלומפּע מאָנאָטאָנע סילועטן זיך צונויפגעזאַמלט גרופּנווייז און זענען אַריינגעגאַנגען אין קירך־הויף. דערנאָך האָט מען אַרויסגעטראָגן פון דער טונקלקייט אַ פינצטערן קאַסטן און מ'האָט אים שנעל אַוועקגעטראָגן אַרום דעם פּאַרקן, וואָס האָט זיך טריב געווייסלט, — אויפן צמענטאַזש. ס'איז געווען שטיל.

און לאַנג איז געווען שטיל, ביז ס׳איז נישט אָנגעקומען דער גראָער און אומרויִקער טאָג.

בייטאָג האָבן איבערן הויפּט־שאָסיי אויף וועלכן ס׳האָבן זיך נישט גערייכערט און זענען געשטאַנען, ווי אומגעהייערע פאַרלאָשענע ליכט, טויטע קוימענס, — זיך ווידער אָנגעהויבן צו ציִען שוואַרצע הייפלעך אָנגעבלאָזענע און פאַרביטערטע מענטשן.

ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַסן, וואָס זענען געלעגן אַרום דעם פּלאַץ, האָבן געשאַפן שאַרפע סילועטן פון די דאָזיקע מענטשן, זיי האָבן זיך געקלעפּט איינער צום אַנדערן, זענען געוואַקסן און זיך פאַנאַנדערגעשוואומען איבערן פּלאַץ ווי געדעכטע פלעקן פון שוואַרצן אייל, וואָס איז אויסגעגאָסן געוואָרן אויפן שניי. בלאָס אָנגעשטרענגטע פּנימער זענען זיך צוזאַמענגעגאַנגען און פאַנאַנדערגעגאַנגען, זיי האָבן זיך אויסגעדרייט איינער צום אַנדערן און געקוקט אויף די זעלנער מיט אַ מאָדנעם פאַרטיפטן אויסדרוק.

אַ האַלבער פּלאַץ, האַרט ביים קלויסטער, איז געווען פאַרגאָסן מיט אַ געדיכטן שוואַרצן המון. אויפן פּאַרקן פון קלויסטער האָבן געטאָרטשעט מענטשן. אויף בעלקעס און ברעטער, וואָס זענען געווען אַוועקגעלייגט נעבן פּאַרקן, האָט געווימלט פון אַ בונטער און גלייכצייטיקער מאָנאָטאָנער מאַסע קעפּ.

פון יענער זייט פּלאַץ, אַקעגנאיבער, איז, ווי פריער, געווען פּוסט און שטיל. דאָרט זענען אומבאַוועגלעך, אויסגעצויגן און אַ לאַנגן פּאַס, געשטאַנען קאַוואַלעריע־זעלנער און זייער רייע שטיינערנע נישט דורכדרינגלעכע פּנימער, זענען געווען געווענדט צום המון. זיי זענען געזעסן גלייכפאָרמיק און אומבאַוועגלעך, און נאָר די פערד האָבן געמאַכט מיט די קעפּ און ס׳האָבן אַרומגעשפּרייזט פאַר זיי עפּעס גראָע מענטשן, וועלכע קיינער קאָן נישט און ווייסט נישט ווער זיי זענען, און וועלכע האָבן מאָדנע געפינקלט אויף דער גראָער ערד און גראָען פּאַרקן.

דערנאָך זענען די דאָזיקע מענטשן צוגעגאַנגען צו די פערד און שנעל און זיכער אַרויף אויף די זאָטלען. ס׳האָט זיך דערהערט

אַן איינזאַמער אויסרוף, און אַ לאַנגער פּאַס זעלנער האָט מיט־אַמאָל זיך אַ שאָקל געטאָן און מיט אַ קלאַנג און גערודער, לויפנדיק אויף די פערד זיך אַ לאָז געטאָן אויפן המון.

דער המון האָט זיך אַ ריר געטאָן. איינצלע געשרייען פון אויפרעגונג און שרעק האָבן צעריסן די שטילקייט און די גאַנצע שוואַרצע מאַסע איז מיט אַ ווילד געשריי און קוויטשעריי אַ קראַך געטאָן צוריק אויף די בעלקעס, אויפן פאַרקן פון קלויסטער. די אומגעהייערע פערד האָבן האַרט געמאַכט מיט די קעפּ אויך, איינשפּאַרנדיק זיך, אַרויף אויף מענטשן. פון הינטן, פונם פאַרקן, האָט מען אָנגעהויבן צו פייפן און שרייען. דער הויכער דאַרער אַרבעטער איז שפּרינגענדיק געלאָפן פון קלויסטער אַ קעגן די פערד און מיט אַ הויך קול האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען:

— חברים, אַהער! אַהער!

און איינער נאָכן אַנדערן זענען געלאָפן צוריק שוואַרצע מענטשן.

— שלאָג, שלאָג! — האָבן זיי אומהאַרמאָנישט און שרעקלעך געשריען.

אַלץ האָט זיך צונויפגעמישט, ווי אין אַ קאָשמאַר. אין דער לופט האָבן אָנגעהויבן פייפן שטעקענעס, שטיינער, ס׳האָבן געשימערט הענט און זיך געדרייט האַלב משוגענע פּנימער מיט ווילדע אויגן. ס׳האָט זיך געהערט נישט קיין געשריי, נאָר עפּעס אַ קאַשע, אַ מישמאַש פון אַ כריפּעריי, קוויטשעריי און האַרטע קלעפּ איבער עפּעס לעבעדיקס און פאַרדעמפטע שווערע פאַלן. און פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ סטיכישער טריומפירנדיקער געבריל. ווייט, אויפן עק פּלאַץ האָבן זיך געזען קאָזאַקן, אָבער שוין נישט און קיין גלייכן גראָען פּאַס, נאָר און קלאָגלעכע באַזונדערע גרופּעס. און אין זיי זענען פון אַלע זייטן געפלויגן שווערע רונדע שטיינער.

— אונדזערע האבן געזיגט! — האָט געשריען אַ הויכער מענטש און האָט אַ שמייכל געטאָן מיט אַ קינדישער פרייד און טריומף.

— טו אַ קוק!...—האָט שטיל און דייטלעך עמיץ געזאָגט און המון.

אויף יענער זייט פלאַץ האָט זיך פאַמעלעך און אין אַ געוויסן סדר זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אַ לאַנגער גראָער פּאַס און ס׳איז געווען דייטלעך צו זען ווי הונדערטער פיס האָבן אָפּגע־קלאַפּט אַן אייליקן טאַקט. מיטאַמאָל איז אַלץ שטיל געבליבן און אויפן פלאַץ איז ווידער אויפגעשטאַנען עפּעס אַ שווייגעדיקס און בלאָס געשפּענסט.

— זיי ווערן נישט דערוועגן, זיי שרעקן אונדז נאָר אָן!— האָט מען און המון אָנגעהויבן ריידן פחדנישדיק און נישט פאַר־שטייענדיק קלאָר וואָס עס שטייט פאָר.

עפּעס ליכטיקס, אמתדיקס, אַזעלכעס וואָס איז ביי אַלעמען אויסגעקומען אַזוי פּשוט און נאַטירלעך, האָט אָנגעהויבן מאַכט־לאָז זיך צו וואַרפן. באַמיענדיק זיך צו באַרויקן די פאַרקלעמט־געוואָרענע הערצער.

— ברידערלעך... וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס?... וואָס־זשע וועט איצט זיין?... — האָט געפרעגט דער הויכער אַרבעטער מיט אַ געפאַלענער קלאָגלעכער שטים.

און באַלד נאָך דעם האָט עפּעס אַ קלאַפּ געטאָן אין דער ערד און אין הימל. די גראָע מענטשן זענען ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן אין האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ פּאַס פון לייכטן בלאָען רויך...

IX

צו אָוונט־צייט זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען די כמאַרעס און ס'האָט אַרויסגעקוקט די זון. אויף די גאַסן איז געווען פּוסט און נאָר הינער האָבן שטיל געבלאָנדזשעט איבערן וועג, אין געבן קלויסטער זענען הינט פחדנישדיק אונטער קוועטשעדיק די עקן, געלאָפן און געשמעקט די ערד. ס'איז געווען שטיל און שרעקלעך און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז איבער דער ערד, צווישן דעם פאַרפרוירענעם לעבן און דעם טיפן, פרייען בלאָען הימל, איז געשטאַנען עפּעס אַ נישט באַמערקלעכע טויטע שטיקנדיקע קראַפט.

אין שטאָל. ביי דער גמינע, אויף אויסגעלייגטע ברעטער, זענען געלעגן, אומבאַוועגלעכע טויטע מענטשן און האָבן געקוקט אַרויף מיט אויגן וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אייביק, און וועלכע ס'האָט טריב געגלאַנצט אַ פרעגעדיקער און אויסגאַנגסלאָזער גרויל..

דער בלוטיקער פלעק

ז

די דאָזיקע טעג האָט אַניסימאָוו כמעט נישט געשלאָפן ער האָט, זיך אָבער טראָץ דעם, געפילט אַזוי מונטער און געזונט, ווי נאָך קיינמאָל נישט ביז איצט. ער איז אפילו ווי ייִנגער געוואָרן און זיין דאַרע, נישט שלאַנקע פיגור מיט דער אומעטיקער לאַנגער נאָז האָט זיך באַוועגט איבער דער סטאַציע שנעל און לוסטיק.

אַלץ איז פאָרגעקומען אַזוי שנעל, אַזוי אומגעריכט און גוט, און די גאַנצע צייט האָט ער געהאַט אַ געפיל, ווי ער וואָלט זיך געדרייט אין אַ פרישער און ריינער כוואַליע, וואָס איז פון ערגעץ שנעל אָנגעלאָפן און וואָס האָט, נישט איבער־לאָזדיק קיין שום שפּיר, אויף שטענדיק אָפּגעוואַשן דאָס גאַנץ נודנע און טריבע לעבן, פון פריער.

אויף דער שטענדיק שטילער און פוסטער סטאַציע האָט איצט געשוויבלט און געגריבלט מיט מענטשן, ס'האָט געקאָכט און געטומלט. פונם שוואַרצן המון, וואָס האָט אָן אן אויפהער זיך באַוועגט איבער דער פּלאַטפאָרמע און איבער די שינעס, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע פּלאַטפאָרמע באַוועגט זיך ווי אַ נעסט פון מוראַשקעס. און אַ פילשטימיקער אויפגערעגטער גערייד איז ווי געהאָנגען איבער דער סטאַציע אין דער ריינער קאַלטער לופט פונם ווייסן טאָג. פון מזרח זענען איינער נאָכן אַנדערן דורכגע־גאַנגען בונטע צוגן, וואָס זענען געווען אין דער גיך צוזאַמענ־געשטעלט פון גרויסע און קליינע וואַגאָנען און כמעט נישט אָפּשטעלנדיק זיך, האָבן זיי זיך שנעל אַוועקגעטראָגן און דער ווייטקייט

ווערנדיק גיך קליין אין דער לענג און ווי צעגאַנגען אינם ווייסן שיין פון די שנייִקע פעלדער, דער המון האָט יעדן צוג באַגעגנט און באַגלייט מיט לאַנגע אורא-געשרייען און פאָכן מיט די היטלען און בעת דאָס דאָזיקע פאָכן מיט די היטלען האָט פון די פיל הענט געשימערט אין די אויגן און פונם געשריי האָט אַלעמען באַהערשט עפּעס אַ ייִנגליש — רייציק געפיל. יעדער האָט זיך געפלייסט צו שרייען ווי ווייט ער האָט נאָר געקאָנט העכער און, שמייכלענדיק, האָט ער זיך אומגעקוקט אויף די שכנים, תמימותדיק און פריילעך, און ווען דער צוג איז שוין געווען אין וואַלד און מ'האָט אים שוין פון דאָרטן נישט אַרויסגעזען, האָבן זיך נאָך אַלץ לאַנג געהערט איינצלנע אָפּשטאַרבנדיקע געשרייען!

— אַ — אַ!...

אויף די לאָקאָמאָטיוון האָבן איבערן ווינט געפלאַטערט רויטע-פענער און פון אַלע וואַגאָנען האָבן אַרויסגעקוקט אינגאַנצן אומבאַקאַנטע, אָבער מאָדנע נאָענטע, ס'רוב יונגע מענטשן, נאָענטע ווי פריינט, זיי האָבן געוואָרפן און געפאָכעט מיט די הענט און די היטלען און זענען אַלע פאַרשוווּנדן געוואָרן אין איין ריכטונג. און דאָס, וואָס אַזעלכע מענטשן זענען דורכגעפאָרן אַזוי פיל און די דאָזיקע צוגן זענען געווען אַזוי אָפט, וואָס די ביקסן און רעוואָלווערן האָבן אַזוי נישט האַרמאָנירט מיט די שוואַרצע פאַלטענעס און היטלען — האָט אַריינגעגעבן און דער נשמה אַ ייִנג און גליקלעך געפיל פון אייגענער גערעכטיקייט און קראַפט.

אַניסימאָוו האָט אַליין אויפגענומען און אָפּגעשיקט יעדן צוג, און שטייענדיק ווייט פון דער סטאַציע, ביים וועגווייזער, האָט ער פריינטלעך אַרויסגערוקט אַנטקעגן פון אונטער זיין רויט היטל, זיין לאַנגע נאָז, וואָס איז געווען רויט פון קעלט. ער האָט זיך איינגעקוקט און די אומבאַקאַנטע פנימער, וואָס האָבן זיך פאַר אים דורכגעטראָגן אין די צוגן און זיין ברוסט איז ווי ענג געוואָרן פון עפּעס אַ גרויס ניי און גליקלעך געפיל.

ער האָט נאָך אַליין נישט געוווּסט, וואָס ס'וועט זיין ווייטער נאָר עפּעס ליכטיקס, פרייס און גליקלעכס האָט זיך אים נישט קלאָר פאָרגעשטעלט אין דער נאָענטער צוקונפט און

דאָס, וואָס האָט זיך אים אַזוי נעפּלהאַפּט פאַרגעשטעלט, האָט אים אויסגעוויזן צו זיין אַזוי ממשותדיק ווי אַ זאַך, וואָס קאָן גאָר אַנדערש נישט זיין, און גלייכצייטיק האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס פריעריקע לעבן מיט זיין טויטער שווערער אַרבעט, מיט דער גייסטיקער איינזאַמקייט, ערנידערונגען, שפרות פון נודנעקייט, אַז יענץ לעבן מיט די אייביקע דאגות און נויט, — האָט זיך שוין געענדיקט און צו אַזאַ מין לעבן איז שוין געקומען אַ סוף.

ווען ס'איז נישט געווען קיין צוגן, האָט אַניסימאָוו זיך ארומגעדרייט צווישן המון איבער דער סטאַציע און אריינשטעקנדיק זיין לאַנגע נאָז דאַ אין יענער גרופּע מענטשן, וואָס האָבן זיך אויפגערעגט געאַמפּערט, האָט ער געשמייכלט און אריינגעשטעלט זיינע באַמערקונגען. אַלע האָבן געקאָנט אַניסימאָוון, אים אָנגערופן „אונדזער נאַטשעלניק סטאַציע" און „חבר" און פּראָסט און גערן פלעגן זיי אַריינטרעטן מיט אים אין געשפּרעכן, פּינקט ווי דאָס וואָלטן געווען פון לאַנג באַקאַנט מענטשן וואָס זענען אים זייער נאָענט.

צייטנווייז פלעגט אַניסימאָוו אַריינגיין אין זיין צימער אויפן וואָקזאַל כדי צו פאַרבלייבן אַביסל אַליין און זיך פאַרטיפן און געדאַנקען. ער פלעגט לאַנג שטיין אין מיטן צימער, נישט אַראָפּנעמענדיק דעם פּאַלטאָ און דאָס היטל, פלעגט טרוימעריש דאַן שמייכלען און טראַכטן וועגן איין און דערזעלבער זאַך, מיינענדיק יעדעס מאָל, אַז ער אַנטדעקט עפּעס נייעס:

— אַך! אָט ווי ס'דאַרף" אויסזען און זיין דאָס אמת לעבן!

און פאַרגעסנדיק זיין כּונה און זיך פאַרטיפן און געדאַנקען, פלעגט אַניסימאָוו ווידער אַרויסגיין אויף דער פרישער־לופט, וווּ דער הימל איז אַזוי ווייט ווייס, ריין און דער שניי האָט אַזוי הילכיק געכרושטשעט אונטער די פיס און וווּ די מונטערע און באַגייסטערטע מענטשן האָבן נאָך אַלץ גערוישט, געפּילדערט, געשריען און געלאַכט.

פון יעדן צוג, וואָס איז דורכגעגאַנגען די סטאַציע, זענען אַראָפּגעשפּרונגען צו אַניסימאָוון, צו צוויי־דריי מענטשן און

האָבן אים איבערגעגעבן ידיעות אָדער אים געשטעלט פראַגן פון אויסערגעוויינטלעכער אלגעמיינער וויכטיקייט. אַניסימאָוו האָט הנאה געטאָן ווען ער האָט געקאָנט ענטפערן עפּעס גוטס. ער האָט יענע מענטשן שטאַרק געדריקט די הענט און קוקנדיק זיי אין די אויגן אַריין, האָט ער אָפן און פריילעך געזאָגט:

— נו, רירט זיך, חברים!... אין אַ מזלדיקע שעה!...

די לאַנגע נאָז איז בײַ אים נאָך רויטער געוואָרן און די קליינע אייגלעך זענען פייכט געוואָרן.

ער האָט איילִיק געמאַכט צו זיי מיטן קאָפּ און איז געלאָפן צום לאָקאָמאָטיוו. דער לאָקאָמאָטיוו האָט געפּייפט און די מאַסע נאָענטע מענטשן, וואָס זענען אים געווען אַזוי מאָדנע טייער, האָט זיך אָוועקגעטראָגן העט ווייט, ווו ס'איז אָפּגעטאָן געוואָרן עפּעס זייער גרויס, שרעקלעכס און גלייכצייטיק גליקלעכס.

און דער המון האָט ווידער זיי באַגלייט מיט אַ לאַנגן הויכן געשריי, פון וועלכן ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אפילו די ערד גופא האָט מעכטיק געזשומעט.

אין איינעם פון די צוגן — פאַרנאַכט איז דאָס געווען — האָט אַניסימאָוו דערזען אַ באַקאַנט פּנים, אַ דיקער מאַשיניסט, מיט אַ צעקנייטשטער און אָנגעבלאָזענער פיזאָנאָמיע, איז צו אים אַראָפּגעשפּרונגען פון לאָקאָמאָטיוו־בריקל. זיי האָבן זיך איינער דעם אַנדערן שטאַרק געדריקט די הענט און אַניסימאָוו האָט, איילנדיק זיך און שמייכלענדיק, וואָס דער מאַשיניסט זעט אַזוי מאָדנע אויס מיט דער ביקס און טאַשן, וואָס זענען אָנגעפּאַקט מיט שווערע פּאַטראָנען, געזאָגט:

— אַזוי גייט עס, קאַרל וואָלפאָוויטש! אָט, וואָסערע עסקים! אָך ווי גוט עס איז, מײַן טייערער!... אַ נחת ממש צוצוזען. וואָסער אויפברויז בײַ אַלעמען! וואָסער באַגײַסטערונג!

— אָ — אָ!... האָט געענטפערט דער בלאַסער מאַשיניסט, שמייכלענדיק — מיר וועלן שוין זען עפּעס אויסערגעוויינטלעכס!...

ער האָט גערעדט נישט קיין ריינעם רוסיש און די דאָזיקע קלייניקייט, וועלכע פלעגט שטענדיק אַניסימאָוון אַמוזירן, האָט איצט עפּעס אים גערירט.

ער איז אָפּגעשטאַנען פונם מאַשיניסט און האָט לאַנג נאָכגעקוקט דעם אָפּגעגאַנגענעם צוג, פאַרטראַכטנדיק זיך און שמייכלענדיק.

— „ווי מאָדנע דאָס אַלץ איז"... איז אים געקומען אין קאָפּ אַ געדאַנק, — „נאָך מיט. דריי טעג צוריק וואָלט איך נישט געגלייבט, אַז אַזעלכעס זאָל קאָנען פאָרקומען... כ'האָב געטראַכט און געמיינט, אַז דאָס לעבן וועט שוין אַריבער אַזוי ווי פריער... איין טאָג נאָכן אַנדערן, איין טאָג נאָכן אַנדערן מיט דער פאַרשאָלטער נויט, אומעט, נודנעקייט"...

דאָס געשפּענסט פון אַ גראָען נודנעם לעבן האָט בלאָס אַ שימער געטאָן פאַר אַניסימאָוון און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. אַניסימאָוו האָט זיך אַרומגעקוקט, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט זיך געלאָזט גיין, מאַכנדיק זיך אַ וועג צווישן המון און צוהערנדיק זיך צו די קולות. אין זאַל פון דער דריטער קלאַס, אין וואָקזאַל, ווו ס'איז געווען אָנגערייכערט אַזוי אַז אין דער לופט איז געשטאַנען אַ בלאָער נעפּל און ס'איז געווען הייס ווי אין באָד, — איז פון די פיל קולות געשטאַנען אַ אומאויפהעריקער גערויש און הוהאַ. ביים בופעט-טיש איז געשטאַנען דער וועגווייזער-אָנשטעלער אַקים און פאַנאַנדערלאָזנדיק אַרום זיך בלאָע רויך-וואָלקן פון מאַכאָרקע, האָט ער גערדרשנט:

— דו האָסט אייך אַזוי!... יאָ, ברודערקע, דאָס פאָלק, ווען ער... ווען דאָס פאָלק וועט זיך אויפהייבן און, לאָמיר זאָגן, ווען דאָס פאָלק וועט אַ טרייסל טאָן, און ווען... דאַן וועט, אָהאָ — האָ, ברודערקע!... דאַן קאָן געשען אַזעלכעס, וואָס קיינעם האָט זיך נישט געחלומט.

— נאָר וואָס איז אָנגעקומען א ידיעה, אַז מ'לאָזט נישט אַרויס די סאָלדאַטן פון די קאָשאַרן מחמת מ'האָט מורא, אַז זיי וועלן אַריבערגיין אויף אונדזער זייט... — האָט דער מאַשיניסט מיטגעטיילט און זיין פּנים האָט זיך נישט באַוווסטזיניק פאַנאַנדערגעשפּרייט אין אַ גליקלעכן שמייכל.

— אָ — אָ!... — האָט דער מאַשיניסט באַגייסטערט געזאָגט, — אויף דעם האָט מען שיין לאַנג געדאַרפט וואַרטן...

און אַ דריק טוענדיק אײליק אַניסימאָװן די האַנט, איז ער צוריק אַװעקגעלאָפן צום לאָקאָמאָטיװ.

אַניסימאָװ איז געלאָפן נאָך אים אָן דער זײט פאַרטשעפּענדיק זיך מיט זײנע פּלײצעס אָן די דורכגײער, און האָט געזאָגט:

— כ'װאָלט מיטגעפאָרן מיט אײַך, נאָר אָן מיר װעט דאָ פון אַלץ אַרויסקומען אַ פּלאָנטער.

— כ'האָב געמײנט, אַז איר װילט נישט פאַרלאָזן אײער פאַמיליע... — האָט לױפנדיק דער מאַשיניסט באַמערקט.

— װעמען ליגט איצט אין קאָפּ פאַמיליע! — האָט אויפגעךעגט און פרײלעך אַניסימאָװ אַ געשרײ געטאָן. — איך, אַגב, האָב מײן פרוי און קינדער אַװעק געשיקט צום מײן שװער אין דאָרף אַרײן... די פאַמיליע איז איצט נישט דער עיקר, פאַמיליע שטײט איצט נישט אויפן ערשטן פּלאַן, װעמען ליגט איצט אין קאָפּ פאַמיליע... נו, זײט מיר געזונט... דער אײבערשטער זאָל העלפן!...

ס'איז געװען פרײלעך און גוט אין דער װאַרעמער און ליכטיקער אַטמאָספערע פון דער אַלגעמײנער באַגײסטערונג און אויפלעבונג; קנוילנװײז האָט זיך געטראָגן דער בלאָער רויך; פאַר די פענצטער האָבן זיך דורכגעשלײכט ענגע פינצטערע סילועטן; ס'האָבן געזשומעט שטימען, און די אַרײנגאַנגס-טיר האָט יעדער רגע געקװיטשעט אויף איר בלאָק, אַרײנלאָזנדיק דאָ אַרײן, דאָ אַרויס גאַנצע גרופּן מענטשן.

II

אין דעם זעלבן טאָג, ווען ס'האָט זיך שוין געהאַט אָנגערוקט בין-השמשות און דאָס ווערדל פון דער ווייטנס האָט אָנגעהויבן צו גראָען אויף דעם בלאָ געוואָרענעם שניי, איז, ווי אַ בייזער שוואַרצער פויגל, וואָס איז אַרויסגעפלויגן פון פינצטערן וואַלד, מיט אַ גערויש און פייפעריי דורכגעלאָפן אַן איינזאַמער שוואַרצער לאָקאָמאָטיוו פון מאָסקווע. מיט אַ שרעקליכן שיפן פון טאָרמאַז און מיט אַ קריצן פון די פאַרפרוירענע שיִעס, האָט ער זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט בײַ דער סטאַציע; און עמיצער אַראָפּבייגנדיק זיך פון בײַקל אויפן טענדער האָט מיט אַ פאַרצווייפלטן אָנגעריסענעם קול געשריען:

— חב-רים!... אַלץ פאַרפאַלן! אַלץ דורכגעפאַלן און געגאַנגען קאַפּוט!... דאָס מיליטער האָט איינגענומען באָלאָגאָע... באַריקאַדירט דעם וועג... ס'גייט אַ צוג מיט מיליטער!

דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך אַ ריר געטון פון אָרט און זיך געלאָזט ווייטער לויפן, שאָקלענדיק זיך, ווי פאַרטיפט אין מחשבות און האָט זיך פאַרבײַגעטראָגן פאַרן וועגווייזער, איבערלאָזנדיק הינטער זיך צעריסענע שטיקער ווייסן דאַמף און רויך. און אין דער שטילקייט, וואָס איז מיטאַמאָל אַנטשטאַנען, האָט נאָך געקלינגען דער איינזאַמער אָנגעשטרענגטער, אַלץ זיך דערווייטערדיקער געשריי.

— חב-רים קודם-כל זאָלט איר זען דורכלאָזן אונדזערע... קודם-כל אונדזער צוג, זעט-זשע, צו טאָן וואָס ס'איז נייטיק.

אויף דער סטאַציע איז געוואָרן אַ שרעקלעכער אומרויקער טומל. וואָס איז אין אַ מינוט אַרום אַריבער און אַן אמתע מהומה. מחנות מענטשן זענען געלאָפן פון אַלע זייטן אויף דעם דאָזיקן געשריי. אין אַ שרעקלעכן ווירוואַר האָבן זיך אָנגעהויבן צו דרייען אַרום אַניסימאָוון בלאַס־געוואָרענע, דערשראָקענע פּנימער. אין אַ מאָדנער אָנגעשטרענקטער שטילקייט האָבן זיך נישט הויך דערהערט קרענקלעכע סעפּאַראַטע קולות, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז איבער דער סטאַציע האָט זיך אַדורכגעטראָגן עפּעס שרעקלעכס. אַניסימאָוו איז, פאַנאַנדערשטעלנדיק די פיס, אומבאַוועגלעך געשטאַנען ד׳אָרט, ווו ס׳האָט אים אָפּגעשטעלט דער שלעכטס אַנזאָגנדיקער געשריי פונם מענטשן אויפן לאָקאָמאָטיוו, און מיט אַן אומפאַרשטענדלעך געפיל האָט ער זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך. דאָס, וואָס ער האָט דע־הערט און וואָס ער האָט נישט קלאָר תּופס געווען, איז געווען אַזוי אומגעריכט און שרעקלעך, אַז אויף אַ רגע האָט זיך ביי אים אומבאַהאָלפן אָפּגעשטעלט דער געדאַנק.

— וואָס?... וואָס?... — האָט ער מאַשינאַל געפרעגט ד׳ נאָענטע מענטשן זיינע.

קיינער האָט אים נישט געענטפערט, און אַ פינצטערער פּחד האָט געקוקט פון אַלעמענס אויגן, וואָס האָבן געפלימערט מיט קיילעכיקע פאַנאַנדערגעשפּרייטע שוואַרצאַפּל. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז נאָך איין מינוט, נאָך איין אומרויקער געשריי — און אַלץ וועט זיך מיטאַמאָל אַ וואָרף טאָן מיט אַ ווילד געקוויטש און וואָיען, מיט אַ געוויין און משוגעת. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכע און נישט פאַרשטענדלעכע רגע, בעת וועלכער אַניסימאָוו האָט געפילט, ווי אַ מאָדנע שוואַכקייט און קעלט קריכן אים איבערן גוף.

נאָר אַ מינוט נאָך דעם האָבן עמיצנס הענט אויפגעהויבן אין דער לופטן עפּעס אַ יינגינקן סטודענטל, און מאַכנדיק מיט זיין היטל, האָט ער אָנגעהויבן מיט אַלע כּחות מיט אַ הויכן דורכדרינגעדיקן קול צו שרייען:

— חבר—רים!... דאָס קאָן נישט זיין!... דאָס איז אַ פּראָוואָקאַציע, חברים!...

און עפּעס איז פאַרשווּנדן געוואָרן.

די שרעקלעכע רגע איז אַריבער.

און טאַקע אין דער, זעלבער מינוט איז פאַר אַלעמען געוואָרן קלאָר, אַז דאָס וואָס מ׳האָט איבערגעגעבן, איז טאַקע אמת, אַז דאָס איז אַ שרעקלעכער אמת, וועלכן ס׳איז, קאָן זיין, אוממעגלעך צו פאַרריכטן; נאָך גלייכצייטיק איז ווי מיטאַמאָל פאַרפאַלן געוואָרן דער מאוסער פאַנישער פּחד און אויף זיין אָרט איז אַנטשטאַנען אַ צאָרן און אַנטשלאָסנקייט.

און די בלייכע בין-השמשות-שעהן, וואָס האָבן זיך אָנגערוקט, אויף דער סטאַציע, האָבן אָנגעהויבן טויב צו רוישן נערוועזע און אָנגעבלאָזענע מחנות מענטשן. און מאָדנע, ווי אין קאָנוווּלסיעס, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן איבער דער סטאַציע, פּונקט ווי זיי וואָלטן געזוכט עפּעס אַ שונא, וואָס האָט זיך ערגעץ אויסבאַהאַלטן, און עטלעכע ערטער האָבן זיך מיטאַמאָל דערהערט דאָ טויבע און דאָ דורכדרינגנדיקע אויסגעשרייען פון מענטשן, וואָס ריידן מיט אַ גאַנצן המון, און אָנשטאָט פּחד און פאַר-לוירנקייט האָט און דער אַלגעמיינער אָנגעשטרענגטער באַוועגונג אָנגעהויבן צו וואַקסן עפּעס דראָענדיקס און קאָנצענטרירנדיקס.

אַניסימאָוו האָט זיך באַדענקט. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, אָפּגעריבן דעם שוייס, וואָס איז אים מיטאַמאָל אַרויס-געטרעטן אויפן שטערן, און אַליין נישט ווייסנדיק וואָס, האָט ער געזאָגט צום טעלעגראַפיסט, וואָס איז געשטאַנען נאָענט פון אים:

— נו, מילא בכן... דאָס דערווייזט נאָך גאָרנישט... און ווען זיי האָבן זיך אַפילו יאָ דורכגעריסן, — מאַכט אויך נישט אויס... מיר דאַרפן טאָן אונדזערס און דערנאָך וועלן מיר שוין זען, וואָס מיר האָבן צו טאָן ווייטער.

דער הויכער ווייסברעמיקער טעלעגראַפיסט האָט עפּעס געענטפערט, נאָר אַניסימאָוו האָט נישט געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט. אין דער זעלבער רגע איז ווידער געוואָרן אַ מהומה. מחנות מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן באַריקאַדן. מיטאַמאָל

האָבן זיך און פאַרשידענע ערטער באַוויזן. שוואַרצע מיאוסע סילועטן פון זיי. פון וואָקזאַל האָט מען געשלעפּט דאָס מעבל; צוויי מענטשן האָבן, שטופנדיק און איילנדיק זיך, פאַרבייגעטראָגן פאַר אַניסימאָוון אַ לאַנגע אָרומגעפּרוירענע שפּאַלע*); ס'האָט זיך דערהערט פון ערגעץ אַ קלאַנג פון גלאָז, וואָס מ'האָט צעקלאַפּט.

און ביי אַניסימאָוון איז עפּעס אויסגעקומען, אַז קיינער ווייסט נישט גוט, וואָס, אייגנטלעך, מ'דאַרף טאָן און אַז ער טאַקע דאַרף אָנפירן מיט דער דאָזיקער אויפגעלעבטער, נישט קלאָרער קראַפט און זי אָנווענדן אויף וואָס ס'איז נייטיק. ער האָט אויף דער דאָזיקער סטאַנציע געקאָנט יעדער שפּאַלע, מיט זיין שווייס איז זי געווען באַפעסטיקט און דורך זיין כח האָט די סטאַנציע געטאָן אירס, שלאַנק און פליסנדיק אַריינגייענדיק אין דער אומענדלעכער ריי פון אַזעלכע קליינינקע איינזאַמע סטאַנציעס, ווי די, וווּ ער איז נאַטשאַלניק. און דערפאַר האָט קיינער נישט, אַזוי ווי ער, נישט געוווּסט, ווי אַזוי מ'קאָן און איין מינוט פאַרוואַנדלען די שלאַבקע מאַשין אין אַ עקלהאַפטן הויפן פון שפּליטערן, — ווי אַזוי פון איר צו מאַכן אַ תל, און פילנדיק אַ טעמפּן כעס צו עפּעס ווייטס, האָט אַניסימאָוו זיך געלאָזט לויפן איבער דער פּלאַטפאָרמע, האָט געפאָכעט מיט זיין רויט היטל און, איבערשלאָגנדיק די היציקע רייד פון סטודענט, וועלכער האָט גערופן פונם וואַגאָן-פענצטער:

— חברים, אַהער!... פון די וואַגאָנעס איז בעסער פון אַלץ! —

האָט ער אַליין אָנגעהויבן צו שרייען:

— נישט אַזוי, חברים!... די וואַגאָנעס דאַרף מען איבער-קערן קווער איבער די שינעס!... באַריקאַדירט אַלע וועגן, אַ חוץ דעם הויפּט-וועג איר הערט!... אַקים! אַקים!... לאָז נאָר דעם קראַן!...

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער פּלאַטפאָרמע און שפּרינגענ-

---

*) קווער-בעלקע, איבערגעזעגט אין דער לענג אין דער העלפט וואָס מ'לייגט אונטער אונטער די שינעס.

דיק איבער די שינעס, איז ער געלאָפן צום לאַנגן גרינעם וואַגאָן, וואָס איז געשטאַנען אויפן „שטומפּן" וועג און נאָך אים זענען שוין געהאָרזאַם און גערן געלאָפן פון אַלע זייטן פאַר-שידענע מענטשן.

שוואַרצע מחנות מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו ווימלען ארום די וואַגאָנען. גרויסע, רויטע, ווייסע און גרינע וואַגאָנעס האָבן זיך פאַמעלעך, ווי פון זיך אַליין, באַוועגט איבער די הייפלעך מענטשן, וואָס זענען געווען ענלעך אויף מוראַשקעס, האָבן זיך פּאַוואָלע אומגעקערט און פלוצלינג, מיט אַ גערויש, מיט אַ קלאַנג פון קייטן און קראַכן פון גלעזערנע שויבן זענען זיי אַראָפּגעפאַלן באַרג-אַראָפּ. טויב האָט געאָכצט די ערד און יעדעס מאָל האָבן נישט קיין האַרמאָנישע קולות געשריען אור—ראַ!...

איינגאַנצן אַ שווייסיקער, מיט צעשויבערטע האָר און מיט טראָפּנס שווייס אויף דער לאַנגער נאָז, בלישטשענדיק מיט די אויגן און נישט אויפהערנדיק צו שרייען מיט זיין, שוין הייזע-ריק געוואָרענער שטים עפּעס אויפמונטערנדיקס און רופנדיקס, — איז אַניסימאָוו געלאָפן, אַריבערגעשפּרונגען איבער די שינעס פון זייט צו זייט, און זיין רויט היטל האָט שנעל געשימערט אויף אַלע עקן פון דער סטאַציע. ער האָט בשעת-מעשה נישט גע-טראַכט וועגן דער געפאַר, וואָס האָט זיך אָנגערוקט, און נישט וועגן דעם, וואָס עס וועט זיין ווייטער, נאָכדעם, ווי ער וועט שוין האָבן אויסגעבויט די באַריקאַדן. דידאַזיקע צוקונפט האָט זיך אים גאָרנישט פאָרגעשטעלט און ער האָט וועגן איר נישט געציטערט. איצט אַרום און אַרום איז געווען אַזוי העל, אַזוי לעבעדיק, קרעפטיק און אין דער צוקונפט. ד. ה. וואָס עס דאַרף געשען נאָך דעם, וואָס איצט קומט פאָר, — האָט זיך אים אויס-געוויזן ווי אַ נישט קלאָרער ווייטער נעפּל...

פאָרענדיק זיך און שטאַרק פאַרטאָן ביים אָוועקשטעלן דעם קראַן כדי איבערצוקערן אויף די שינעס אַ שווערן פולמאַן-וואַ-גאָן, האָט אַניסימאָוו דורכגעלאָזט דעם מאָמענט ווען ס'איז אָנ-געקומען אַ צוג. און ווען ער האָט דערהערט געשרייען „אורא" און זיך אומגעקוקט, האָט ער דערזען אַ הויכן שוואַרצן, שווער

אָטעמדיקן לאַקאַמאָטיוו, וועלכער האָט זיך שוין געהאַט אָפּגע־שטעלט, און אַ לאַנגע ריי וואַגאָנען, פון וועלכע ס׳האָבן זיך איןביידע זייטן אַ שאָט געטאָן שוואַרצע, באַוואָפנטע מענטשן. די גאַנצע סטאַציע האָט פאַרפלייצט אַ זייער גרויסער באַוועגנדי־קער המון.

און אינם דאָזיקן המון האָט אַניסימאָוו דאָס ערשטע מאָל באַמערקט בלוטיקע פלעקן אויף ווייסע בענדלעך. מיט אַ מאָדנער נישט היימלעכער נייגעריקייט האָט ער אַ קוק געטאָן אויף דאָס־דאָזיקע בלוט און עפּעס אומרויקס האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אַ ריר געטאָן אין אים. ער האָט זיך עפּעס מיטאַמאָל דערמאָנט אָן זיין פרוי און קינדער, ס׳איז אים קאַלט געוואָרן און ער האָט דערפילט אַ מידקייט.

— הער נאַטשאַלניק, חבר! — האָט געשריען אַ הויכער מענטש, דורכשטופנדיק זיך צו אים דורכן המון — מ׳דאַרף פאַר־שפּאַרן דעם וועג אויך... אַזוי, אַז, פאַרשטייט איר מיך, ס׳זאָל זיין אַ בלויזע באַריקאַדע... ווען נישט, וועט אויסקומען צו טראָגן די פאַרוווּנדעטע צום וואָקזאַל איבער אַן אָפענעם אָרט... אַ?...

— וועלן דען זיין פאַרוווּנדעטע? — האָט נישט קלאָר אַ בליץ געטאָן אין אַניסימאָווס מח אַ געדאַנק, און אויף אַ רגע האָט זיך ביי אים אין קאָפּ אַלץ דורכגעמישט.

— אַך... יאָ, יאָ... — האָט ער געענטפערט, טוענדיק זיך אַ טרייסל — געוויס איז דאָס נייטיק. באַלד וועל איך...

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ און אַוועקגעלאָפן צום לאַקאַמאָטיוו.

— לאָז זיין וואָס עס איז... וואָס ס׳דאַרף זיין — איז נישט אויסצומיידן... וועט מען דערהרגענען, — הייסט עס, אַז אַזוי האָט געדאַרפט זיין... אָן קרבנות איז דאָך אוממעגלעך... און ס׳קאָן זיין, אַז מ׳וועט נישט דערהרגענען, נאָר פאַרוווּנדן... וועל איך דאַן דאָס גאַנצע לעבן וויסן, אַז איך האָב מיין זאַך אָפּגעטאָן! — האָט ער זיך געטראַכט, שוין באַהערשנדיק זיין געדאַנק, און זיין גאַנצער גוף איז דורכגענומען געוואָרן מיט עפּעס אַ צונויפגעקוועטשטער אַנטשיידנקייט.

פונם לאָקאָמאָטיוו־בריקל האָט אויף אים געקוקט דער באַקאַנטער מאַשיניסט.

— נישט דערפאָרן ביז מאָסקווע... — האָט דער מאַשיניסט דערשאָקן איבערראַיסנדיק זיך איבערגעגעבן — וואָס דאָרטן טוט זיך!... און אונדזער צוג האָבן געשאָסן סאָלדאַטן!...

— נו, נו, ס׳מאַכט נישט אויס, מיין טייערער! — האָט זיך אַניסימאָוו אָפּגערופן מיט אַ דערמוטערדיקן טאָן. — אָבער אים קומט דאָס אויף פּאָר שרעקלעך! — האָט זיך אַניסימאָוו געטראַכט, פילנדיק, אַז פון דעם ווערט אים אַליין לייכטער — הערט נאָר, טרייבט אייער לאָקאָמאָטיוו אויף די וואַגאָנעס: מיר פאַרשפאַרן דעם וועג...

און ווען דער גרויסער שוואַרצער לאָקאָמאָטיוו, וואָס איז געווען ענלעך אויף אַ זייער גרויס לעבעדיק באַשעפעניש, איז זיך פאַנאַנדערגעלאָפן, אָפּרייסנדיק זיך פון צוג, מיט אַ געדריש און פייפעריי און איז אַרויף אויף אַ קופּע וואַגאַנען, וואָס האָבן זיך צעשמעטערט מיט אַ אומגעהייערער טראַסקעריי, ווען דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די פאָדערשטע רעדער ווי אַ פערד אויף די פאָדערשטע פיס, ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן שאָקלען און איז שווער אַ פאַל געטאָן אויף אַ זייט באַדעקנדיק זיך מיט ווייסע וואָלקנס רויך, און ווען אויף דיביידע טאָרן, שטענדיק אַזעלכע גלייכע און פונקטועלע, האָט זיך דערנאָך געבילדעט אַ הויכע מאַסע אָפּגעבראָכענע שטיקער, וואָס האָבן זיך געריכערט, — האָט זיך אין אַניסימאָווס נשמה באַוויזן אַ שטאָלץ געפיל.

— מיר וועלן נאָך זען, מיר וועלן נאָך זען — האָט ער געזאָגט אין דערהייך, צו קיינעם נישט ווענדנדיק זיך. — זיי וועלן ווייט נישט אַוועקפאָרן, וועלן קנאַפּ וואָס אויפטאָן!

— איר האָט געוואָר? — האָט מיט זיין צעבראָכענעם רוסיש געפרעגט דער מאַשיניסט.

— ניין... איך קאָן אפילו נישט שיסן ווי ס׳געהער צו זיין... — האָט מיט אַ שמייכל אַניסימאָוו געענטפערט — איר

קעמפט זיך, און איך וועל זיך שוין אויך אָפּזוכן אַ זאַך, וואָס אָפּצוטאָן.

— יאָ... מיר וועלן זיך ראַנגלען, קעמפן! — האָט ברוגז דער מאַשיניסט געענטפערט.

— ער גייט, ער גייט! — האָבן פון דערווייטן אָנגעהויבן צו שרייען נישט קיין האַרמאָנישע אומרויִקע קולות, און מענטשן וואָס האָבן אייגזאַם געטאָרטשעט אויפן דאַך פון וואָקזאַל און אויף דער געביידע פון דער וואַסערליייטונג, האָבן אָנגעהויבן אין דער גיך אַראָפּצולאָזן זיך אין דער נידער.

— ביטע זייער... — האָט שטיל און בייז אַ זאָג געטאָן נעבן אניסימאָוון אַ אומבאַקאַנטער טעלעגראַפיסט און, שלעפּנ-דיק אַ ביקס פאַרן רער, איז ער אַוועקגעלאָפן צו דער באַריקאַדע.

דער המון האָט זיך אַ לאָז געטאָן פאָרויס, דערנאָך צוריק און איז זיך גיך פאַנאַנדערגעשוווּמען אין דער לענג פון די באַראַקאַדן. אַלץ איז שטיל געבליבן אַזוי גיך, אַז ס'איז געוואָרן אַזוי מאָדנע אומהיימלעך. אַרום און אַרום איז געוואָרן ליידיק און פּוסט און נאָר איינצלנע מענטשן זענען איילנדיק זיך, אַרויסגעלאָפן פון וואָקזאַל-בנין.

אין דער דורכגייעדיקער דעמערונג האָט זיך, שטיל און פאַרזיכטיק, אַרויסגערוקט פון וואַלד אַ טונקעלער צוג אָן באַלייכטונג.

ער איז נאָך געווען ווייט, האָט נאָך אויסגעזעען קליין, נאָר זיין אויסזען איז געווען נישט קיין געוויינטלעכער און אַ אומ-היימלעכער, — פּונקט ווי ס'וואָלט געקראָכן עפּעס אַ לאַנגער, פאָרזיכטיקער און ביטערער שרץ.

— זיי... — האָט געזאָגט דער מאַשיניסט — דאָס זענען זיי — און ער האָט זיך צוגעזעצט פון יענער זייט קופּע קוילן און האָלץ.

אַ מאָדנע אומהיימלעכע נייגעריקייט האָט באַהערשט אניסימאָוון. נישט זיכער שמייכלענדיק, אַליין נישט געוווּסט צוליב וואָס און וועמען, איז ער קוים מיט מי אַרויפגעקראָכן אויף דער גליטשיקער זייט פון אַ וואַגאָן, וואָס איז געשטאַנען איינגעבויגן

מיט אַ זייט אַראָפּ און צוהאַלטנדיק זיך פֿאַר זײַנע קאַלטע מעטאַלענע עקן, האָט זיך אַניסימאָוו אַרויסגערוקט אויסנווייניק.

דער שוואַרצער צוג איז פֿאַמעלעך צוגעקראָכן און וואָס נענטער אַלץ שטילער. צײַטנווײַז האָט זיך געדאַכט, און ס׳קאָן זײַן, אַזוי איז טאַקע געווען, אַז דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט אָנגעטאַפּט דעם וועג, און איז דערנאָך ווייטער געקראָכן. אויף דער סטאַציע איז געווען טויט-שטיל, פּונקט, ווי דאָרט וואָלט נישט געווען קיין לעבעדיקע נשמה, נאָר ווען אַניסימאָוו האָט זיך אומגעקוקט הינטער זיך, האָט ער געזען אומעטום שווײַגנדיקע, אײַנגעקאָרטשעטע שוואַרצע פֿיגורן; ער האָט זיי געזען אויף די באַריקאַדעס, פֿון יענער זייט ביימער, פֿון יענער זייט פֿאַרקן פֿונם גערטנדל, ער האָט זיי געזען אין די פֿענצטער פֿון וואָקזאַל און אונטער די וואַגאָנען.

מינוטן זענען אַריבער און אין זיי איז געווען די שווערע אומבאַוווּסטקייט פֿון דער אייביקייט. אין אַניסימאָווס מח האָט זיך שוין עפּעס מאָדנע און קאָשמאַריש אַ ריר געטאָן אַ אומגעלומפּערטער געדאַנק, אַז דער צוג איז אַ ליידיקער און מ׳האָט אים אַוועקגעוואָרפֿן אויף הפקר אין מיטן פֿעלד; אָבער אין דער זעלבער צײַט האָבן אין צוג אָנגעהויבן זיך באַוועגן, אין זײַנע בײדע זײַטן, מענטשן, וועלכע מ׳האָט אין די דעמערונג קוים געקאָנט זען.

פֿיל מענטשן איז דאָרט געווען אין צוג. זיי האָבן עפּעס געטאָן, האָבן זיך אויסגעצויגן אויפֿן שניי און עפּעס געשלעפּט; נאָר אַלץ איז, ווי ביז איצט געווען שטיל.

דערנאָך האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעוויקלט לאַנגע טונקעלע פּאַסן, זיי האָבן זיך ווי כוואַליעס, אָנגעהויבן באַוועגן און פֿאַמעלעך זיך דערנענטערן. עפּעס האָט אַ ציטער געטאָן אין אַניסימאָווס ברוסט, און אין זײַן נשמה איז אַנטשטאַנען עפּעס אַ קאָמפּליצירט געפֿיל: ער האָט נאָך קיינמאָל אין זײַן לעבן נישט געזען, אַז מענטשן זאָלן מאַסנווײַז, אין גרויסע מאַסן, גאַנץ רעגלמעסיק און מיט אַ פֿאָרזיכט, אַרײַנטרעטן אין אַ געשלעג, וואָס דער פּועל-יוצא פֿון דעם מוז זײַן דער טויט און לײַדן

און פיל מענטשן פון זיי. וועגן מלחמה האָט ער געהאַט אַ נישט קלאָרן באַגריף. ער האָט זי זיך פאָרגעשטעלט נישט אין גאַנצן קלאָר און האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ אומבאַשטימטן אומצוטרוי, פונקט ווי פון דעם מלחמה-גיהינום וואָלטן נישט געשען אַזעלכע צרות און פונקט ווי עמיצער, וואָלט מגזם געווען די שרעקן און שלעכטס פון דער מלחמה, זי געמאָלן אין אַזעלכע שוואַרצע פאַרבן, מיט אַ כּיוון, כּדי אַרויפצוּוואַרפן אַ שרעק אויף מענטשן און אַרויסרופן ביי זיי אַ פּחד פאַר איר און אַן עקל. נאָר די מלחמה איז, פונדעסטוועגן, לייכטער געווען זיך פאָרצושטעלן, ווי זי זעט אויס און וואָס עס קומט דאָרט פאָר: ערשטנס האָט זיך שטענדיק געדאַכט, אַז זי קומט פאָר שטענדיק ערגעץ-ווו אין אַ גאַנץ באַזונדערן אָרט, וואָס איז ווי ספּעציעל פאַר איר באַשטימט און איז אינגאַנצן נישט ענלעך צו יענער סביבה און אומשטענדן, ביי וועלכע מענטשן לעבן געוויינטלעך טאָג איין, טאָג אויס, און צווייטנס האָבן די מענטשן, וואָס קעמפן אין דער מלחמה, אויסגעוויזן צו זיין עפּעס באַזונדערס, נישט אַזעלכע ווי מענעשן „פון אַ גאַנץ יאָר"; זיי האָבן אויסגעוויזן צו זיין מענטשן, וואָס זענען נישט מסוגל שאַרף צו פילן שרעק און ליידן, ווי דידאָזיקע אַרבייטער, באַאַמטע, סטודענטן, פרויען און קינדער, וואָס באַטייליקן זיך אין דער רעוואָלוציע.

אַניסימאָוו האָט גאַטירלעך געוווּסט, אַז אין דער אמתן, איז דאָס גאָרנישט אַזוי ווי ער מיינט וועגן דער מלחמה, נאָר טראָץ דעם, איז אַצינד — אויף דערדאָזיקער פּשוטער סטאַציע, וואָס איז אים שוין לאַנג נמאס געוואָרן און דערעסן ביזן טויט, אויף דערדאָזיקער סטאַציע מיט אירע פאַרקנס גערטנדלעך, מיטן שוואַרצן פלעק אויפן אָרט, ווו די לאָקאָמאָטיוון בלייבן שטיין, מיט אירע וועגווייזער, גלאָקן און מיט אירע טויזנטער באַקאַנטע וואָכעדיקע קליינקייטן, אין געגנוואַרט פון אַ מאַסע מענטשן, אויך אַזעלכע פּשוטע געוויינטלעכע און, ווי ער, אַניסימאָוו, — איז דער געדאַנק וועגן אַ שלאַכט, וועגן שאָסן, בלוט

פארוואונדעטע און דערהרגעטע אים אויסגעקומען אזוי עקלהאַפט און אַזוי שרעקלעך אומגעלומפערט.

— צו אַלדע רוחות!... צי וועט טאַקע דאָ אַזעלכעס פּאַר־קומען?... — האָט זיך אין זיין קאָפּ געדרייט אַ אומרויקער ספק.

די פינצטערע פּאָסן האָבן זיך אָבער אַלץ דערנעענטערט, זיך פּאַנאַנדערגעטיילט אויף באַזונדערע מענטשן; מ'האָט שוין געקאָנט זען, ווי עקשנותדיק און שנעל ס'האָבן זיך געהויבן הונ־דערטער פיס, און לויט דערדאָזיקער האַ־טנעקיקער באַוועגונג און אָנגעשטרענגטן שווייגן פון דער מאַסע מענטשן, וואָס האָבן זיך ווי איינגעקאָרטשעט אַרום און אַרום, האָט זיך געפילט, אַז וואָס עס זאָל נישט זיין, וועט די אומפאַרשטענדלעכע, מאוסע און אומגעלומפּערטע זאַך יעדנפאַלס געשען תיכף, די רגע, און פונם דאָזיקן געפיל איז מאַכטלאָז אויסגעגאַנגען דער געדאַנק.

ס'זענען אונטערגעגאַנגען די סאָלדאַטן. און אַ שטילקייט איז געשטאַנען אַ אָנגעשטרענגטע און אַ אַ'מהדיקע. און דאָס איז געווען אַזוי אומדערטרעגלעך שרעקלעך, אַז ס'האָט זיך געוואָלט שוין בלויז איינס: אַז „דאָס" זאָל שוין אָנהייבן וואָס גיכער.

— ס'קאָן נישט זיין... ס'וועט גאָרנישט אַרויסקומען... — האָט אַניסימאָוו געטראַכט און האָט זיך איינגעבויגן צום מאַשי־ניסט, וואָס איז געזעסן ביי זיינע פיס, און שעמענדיק זיך עפּעס צו ריידן הויך, האָט ער אין דער שטיל געזאָגט:

— כ'האַלט, אַז ווען מ'וואָלט מיט זיי אַריינגעטרעטן אין אונטערהאַנדלונגען...

דאָס בלאַס, געשוואָלן פּנים פונם מאַשיניסט האָט אויף אַניסימאָוון אַ קוק געטאָן פון אונטן, פּונקט, ווי ער וואָלט גאָר־נישט פאַרשטאַנען, וואָס אַניסימאָוו האָט נאָר וואָס געזאָגט.

אַניסימאָוו האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר פאַרשנדיקע אויגן אויף דעם מאַשיניסטס אויגן, וואָס זענען געוואָרן קיילעכדיק און האָבן אָנגענומען אַ ווילדן, אומהיימלעכן אויסדרוק, דערנאָך האָט ער איבערגעפירט זיין בליק אויפן אומבאַקאַנטן מענטשן, וועלכער איז געשטאַנען דערביי און וואָס דער הויקערדיקער בלייכער פּראָפיל זיינער איז געווען אינגאַנצן אומבאַוועגלעך, פּונקט ווי

דער דאָזיקער מענטש איז דורך עפּעס געווען פאַרהיפּנאָטיזירט — אין אַניסמאָוו האָט פּלוצלינג דערפילט אַזאַ פּחד, אַז די הענט האָבן בײַ אים אָנגעהויבן צו ציטערן.

מיטאַמאָל האָט ערגעץ, רעכטס פון אַניסימאָוון, אַרויסרופנדיק בײַ אַלעמען אַ ציטער, קורץ אַ קלאַפּ געטאָן אַ הויכער שאָס, און פּונקט ווי לויט אַ אָפּגערעדטן סיגנאַל, האָבן זיך אַלע פּאַרקנס, גרובנס, אַלע קופּעס, שפּאַלטעס און צעבראָכענע וואַגאָנעס טײלן, באַדעקט מיט קורצע בליצנדיקע פײַערלעך, אָנפילנדיק די דורכזועדיקע, פּראָסטיקע לופט מיט אַ אײליקער דראָבנער קנאַקערײַ.

אַניסימאָוו האָט דײַטלעך געזען, ווי גראָע רײען האָבן זיך צונויפגעמישט, ווי זיי זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען און, ווי פון ווינט, זיך אַ רוק אָפּ געטאָן צוריק. ער האָט געזען ווי אויף דעם אָפּגערײניקטן, איצט שוין אויסגעטראָטענעם אָרט, האָבן אָנגעהויבן זיך קרענקלעך באַוועגן באַזונדערע פיגורן; ער האָט געהערט אין יענער זײַט אַ ווײטיקן געשרײ; נאָר אים האָט זיך נאָך אַלץ געדאַכט, אַז דאָס איז נאָר „סתם אַזוי” און ס׳וועט באַלד אויפהערן. אָבער באַלד נאָכדעם האָט די גאַנצע גראָע מאַסע סאָלדאַטן זיך אַרומגעגאַרטלט מיט פײַערדיקע אוזאָרן, און אַ טרוקענע קנאַקערײַ פון סאַלוון האָט שטורמיש באַלעבט דאָס שווײַגצדיקע ווײַסע פעלד. עפּעס האָט מיט אַ קראַפּט אָנגעהויבן צו קנאַקן איבער די וואַגאָנען; עמיץ האָט דערשראָקן אָנגעהויבן צו שרײַען, פאַרטײַבנדיק האָט אויסגעשאָסן בײַ אַניסימאָווס סאַמען אויער דער פאַרהיפּנאָטיזירטער מענטש מיטן הויקערדיקן פּראָפיל. אַניסימאָוו האָט זיך ווידער אומגעקערט צום מאַשיניסט. יענער איז נאָך אַלץ געזעסן אײַנקניענדיק זיך, נאָר מיט אים איז פאָרגעקומען עפּעס נישט קיין גוטס: זײַן ביקס איז געלעגן אויפן שניי, דאָס פּנים איז געווען מאָדנע ווײַס, די אויגן שרעקלעך גרויס און ווי נישט זעענדיק. ער האָט געמאַכט פאַר זיך מיט די הענט און איז פּאַמעלעך אָפּגעפאַלן מיט דער פּלײצע צוריק. און ווען ער איז שוין געלעגן מיט דער פּלײצע אויפן שניי, האָט ער אויפגעהערט צו מאַכן מיט די

הענט, און זיין גרויסער, דיקער גוף מיטן אַרויסטאַרטשענדיקן מאָסיוון בויך איז פאַרגליווערט געוואָרן ווי אַ פאַרפרוירענער טייל פון אַ געקוילעטער און צעשפּאָלטענער בהמה. נאָך אַ מאָל האָט הילכיק אויסגעשאָסן דער מענטש מיטן הויקערדיקן פּראָפיל — און אַניסימאָוו, אומקוקנדיק זיך אויף אים, איז שטיל אַראָפּגע־קראָכן אַראָפּ.

ער האָט אינגאַנצן געציטערט און טרויעריק געשמייכלט. דאָס טויטע פּנים פון מאַשיניסט האָט אויף אים גלייך געקוקט מיט די טריבע אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען צו זיין ווי פאַר־פרוירן. דאָס איז געווען זיין מאַיעסטעט, דער טויט, און אַניסי־מאָוו האָט ערשט איצט פאַרשטאַנען, אַז דאָס, אין וועלכן זיין גאַנץ וועזן האָט נישט געגלייבט, — איז געשען.

— דערהרגעט... — האָט ער זיך געטראַכט — גאָט אין הימל, וואָס זשע איז דאָס אַזוינס?...

דער דאָזיקער מאַשיניסט האָט געהאַט אַ ווייב און פיר קינדער, וואָס אַניסימאָוו האָט זיי אַלע געקענט. יעדן טאָג פלעגט ער דורכפאָרן אויפן לאָקאָמאָטיוו דורך דער סטאַציע און זיך באַגריסן מיט אַניסימאָוון. איצט איז ער געלעגן ווי אַ נבלה, ווי אַ קלאָץ, געשטאָרבן.

אַניסימאָוו איז פּאַמעלעך אַוועק פונם אָרט, ווו דער טויטער מאַשיניסט איז געלעגן אויסגעצויגן, ער איז אַוועק, באַ־מיענדיק זיך נישט צו קוקן אויפן מת און פלייסנדיק זיך אומ־זיסט צו דערקלערן דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אין אים גופא: אַז ער דאַרף איצט פילן — א פחד אָדער אַ צאָרן, אָדער אַן עקל. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי מ׳האָט מיט א יאָר צוריק דורכגעפירט פאר דער דאָזיקער סטאַציע אויף דער מלחמה אויך אזעלכע סאָלדאטן, ווי די, די זעלבע, אייגענע רוסישע זעלנער, און אויף זיי איז געווען אזא רחמנות, אזא שאַד געווען זיי דעמאָלט. ס׳איז דאן אזוי אומעטיק און טרויעריק געווען צוצו־זען, ווי זיי האָבן זיך אוועקגעטראָגן אין די אומבאקאנטע מרחקים, און ווי שטארק ס׳האָט זיך דעמאָלט געוואָלט טאָן פאר

זיי, פאר די רוסישע אייגענע זעלנער, טאָן עפּעס אָנגענעמס — כאָטש מיט עפּעס זיי העלפן.

— גאָט מיינער... גאָט מיינער... גאָטעניו. — האָט אומ־געלומפּערט איבערגעחזרט די צעטומלטע מחשבה און האָט נישט געקאָנט דערגיין קיין טאָלק. נישט געקאָנט זיך אָריענטירן אינם תּהו־ובֿהו פון די קאָשמארישע רעיונות און בילדער.

אַרום און אַרום האָט געשמעקט מיט פּולווער־רויך; און די שוואַרצע פיגורן פון יענער זייט וואַגאָנען האָבן מאָרנע און אייליק געשוויבלט, דאָ אַפּלויפנדיק צוריק, דאָ פאַלנדיק, דאָ אויפהייבנדיק זיך, דאָ קלעטערנדיק אויף די דעכער פון די וואַגאָנען, דאָ שנעל אַראָפּקייקלענדיק זיך אַראָפּ, כּדי אומבאַוועגלעך זיך צונויפצוקאָרטשען אויף די שינעס. פון דאַנען האָט אַניסי־מאָוו שוין נישט געזען די סאָלדאַטן, וואָס האָבן געמאַכט אַן אָנגריף; נאָר די שרעקלעכע קראַפט פון די סאַלוון האָט זיך דאָ דערנענטערט און דאָ דערווייטערט, צעטרייסלענדיק די צע־רודערטע לופט.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אויסלאָדן אין דערלופט מיט אַ שרעקלעכן קנאַלן עפּעס אויסערגעוויינטלעכס, שרעקלעך גרויס, פּונקט ווי דער הימל גופא האָט געפּלאַצט און זיך געריסן אויף טיילן. פונם אָרט, פון וואַנען אַניסימאָוו איז נאָר וואָס אַוועק, האָט מען געזען, ווי אין דער גראָלעך־בלאָער טונקלקייט האָט פון דער ווייטן זיך באַוויזן אַ העלער פייערדיקער שטערן און ווען דערדאָזיקער שטערן האָט זיך שוין געהאַט באַהאַלטן אין דער פינצטערקייט, איז אויפן דאָזיקן אָרט אויף אַ רגע געוואָרן שוואַרץ, -- האָט זיך געדאַכט, אַז איבער אַניסימאָווס סאַמען קאָפּ האָט זיך אויסגעבראָכן אַ קנאַלנדיקער דונער, אַז זיין ברוסט־קעסטל האָט אויפגעציטערט, ווי אַ דעקל פון אַ שאַכטל און מיט אַ אומגעהייערער קראַפט אויפרייסנדיק און פאַנאַנדערשיטנ־דיק דעם שניי, שוואַרצע שערבלעך, פייער, רויך און שניי־שטויב האָט עפּעס אומזעבאַרס, נאָר אַזעלכעס, וואָס מאַכט פון אַלץ אַ תּל — געשלאָגן גלייך אין דער שוואַרצער וואַנט פון די באַ־ריקאַדן. און דאָרט האָט זיך געהערט אַ געשריי, אַ וואָיען, אַ

נעיאָפּער און פון דאָרט זענען אין אַלע זייטן געלאָפן האַלב משוגע געוואָרענע מענטשן.

די שלאַכט האָט געדויערט אַ קנאַפּ פערטל שעה, נאָר אַניסימאָוון האָט זיך גדראַכט, אַז אַלץ האָט זיך געענדיקט אין איין מינוט.

ער האָט געזען, ווי אויבן, אויף אַ באַריקאַדע האָבן זיך באַוויזן פינצטערע סילועטן פון סאָלדאַטן, וואָס האָבן געשאָסן גלייך אויף אים; ער האָט דערהערט עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט צאָרנדיק און שרעקלעך אָנגעהויבן צו קוויטשען נעבן אים אויפן שניי; ער האָט געזען קופּקעס שוואַרצע מענטשן, וואָס זענען פּאַמעלעך אַוועקגעגאַנגען אין דער לענג פון דער ליניע און איבער דעם אייזנבאַן-גערטנדל, און ווי זיי האָבן עפּעס זייער רויק, נישט איילנדיק זיך, געשאָסן אויף די סאָלדאַטן; ער האָט געזען, דעם אויסגעטראָטענעם שמוציקן שניי, אויף וועלכן ס׳איז גע-ווען פאַנאַנדערגעוואָרפן צעקלאַפּטע מענטשן, וואָס האָבן גע-שווינבלט ווי ווערעם; ער האָט געזען, ווי פון הינטן, פון יענער זייט וואָקזאַל, האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן ארויסלויפן קופּעסווייז סאָלדאַטן און ווי שוואַרצע מענטשן זענען האַסטיק און נישט אין אָרדנונג געלאָפן אין אַלע זייטן, פאַרטייבנדיק די לופט מיט געשרייען און מיט אַ כאַאָטישער שיסעריי.

די קאַנאָנען זענען מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן, און ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ס׳איז געוואָרן שטיל, נישט קוקנדיק אויף די געשרייען און שאָסן, וואָס האָבן נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט. גראָע סאָלדאַטן זענען געלאָפן פון דער סטאַציע אין פעלד, האָבן דעריאָגט באַזונדערע, איינצלנע שוואַרצע מענטשן, וואָס זענען פאַרזונקען אין שניי, ווי די סאָלדאַטן האָבן אין דער גיך און פיבערהאַפט מיט זיי זיך געפּאָרעט און געלאָפן ווייטער. און אויף דעמדאַזיקן אָרט, איז געבליבן אַ שוואַרץ איינגעקאָר-טשעטע קופּקעלע. ס׳איז אָפּגעטאָן געוואָרן עפּעס אומגלייבלעכס, שרעקלעכס און געמיינס, אַזאַ נבלה, אַז אַניסימאָוון איז אַרי-בער אַ גרויל איבערן לייב און אינסטינקטיוו, נישט טראַכטנדיק גאָרנישט און גאָרנישט פילנדיק, אַ חוץ אַ חיהשן אומגעהייערן

שרעק, האָט ער מיט אַלע כּוחות זיך אַ לאָז געטאָן אַנטלויפן איבערן טאָר.

פון דער וואַסערלייטונגס-געביידע איז, אויך מיט אַלע כּוחות געלאָפן, זיך איבערשניידנדיק דעם וועג, אַ רונדקעפּיקער זעלנער אין אַ לאַנגן גראָען מאַנטל און מיט אַ ביקס אין איין האַנט נאָך מיט עטלעכע שויט פריער האָבן זיי ביידע דערזען איינער דעם אַנדערנס אויגן און אָנגעהויבן לויפן נאָך שנעלער. דעם זעלנערס פּנים איז געווען אַ יינגס, רויטס און אָן וואָנסן. ער איז צוגעלאָפן גיכער און מיט אַ פּנים, וואָס איז מיטאַמאָל פאַרקרומט און מאוס געוואָרן פון כּעס, האָט ער אַ נעם געטאָן די ביקס אין ביידע הענט און אַ שטופּ געטאָן אין אַניסימאָוון מיטן באַגנעט. אַניסימאָוו האָט זיך שנעל אַ דריי און אַ קער אויס געטאָן, ווי אַ פאַלנדיקע קאַץ און זיך אַ וואָרף געטאָן אָן אַ זייט. דער זעלנער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך אים, איבערחזרט דיק זיין באַוועגונג און איין רגע האָבן זיי ביידע ווי געטאַנצט, וואַרפנדיק זיך דאָ אַהער, דאָ אַהין און קוקנדיק איינער דעם אַנדערן מיט אויסגעגלאָצטע אויגן אין די שוואַרצאַפּל. נאָך דערנאָך האָט דער סאָלדאַט אויסגעשטרעקט די לאַנגע און שאַרפע ביקס און זיך אָנגעצילעוועט גלייך אין אַניסימאָווס בויך.

— אָי, שטיי... וואַרט... — האָט מיט אַ דינינקער שטים אַניסימאָוו אָנגעהויבן צו שרייען און, פאַרמאַכנדיק די אויגן, איז ער ווי פאַרחלשט געוואָרן אויפן אָרט, אויסגעצויגן פאַרויס די הענט.

אַניסימאָוו האָט דערהערט אַ פאַרטייבנדיקן שאָס, דורך די פאַרמאַכטע אויגן-לעפעלעך האָט ער דערזען אַ רגעדיק ליכט און עפּעס נישט מיטן געדאַנק, נאָר מיטן גאַנצן גוף האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער סאָלדאַט האָט נישט געטראָפן אין זיין ציל, — אַז די קויל האָט אַניסימאָוון נישט געטראָפן. און אין דער זעלבער צייט איז עמיץ שנעל אָנגעלאָפן פון הינטן און האָט טעמפּיק און יסורימדיק — אַזוי אַז פייערן האָבן אַ בליץ געטאַן אין די אויגן — אים אַ קלאַפּ געטאָן איבערן צאָפּ, אַ כאַפּ געטאָן פאַרן אַרבל און נישט איינהאַלטנדיק זיך פון גע-

דויף, איז יענער אומגעפאלן צוזאמען מיט אים אויפן נאסן, קאלטן שניי.

— לאז! — האט מיט א שארפן צארן אניסימאוו א געשריי געטאן, און צונויפפרעסנדיק די ציין, האט ער מיט אלע פוחות א זעץ געטאן מיטן עלנבויגן צוריק אין עמיצנס פנים, אויף וועלכן ס'האט געטאָרטשעט א ווייכע נאז, און דידאזיקע נאז האט א טראסק געטאן אונטער זיין קלאפ, און אויף דעמדאזיקן פנים האט אניסימאוו דערזען פולשטענדיק זינלאזע אויסגעגלאצטע אויגן, וואס אזעלכע האט ער נאך ביז איצט קיינמאל נישט געזען.

III

ס׳איז שוין געווען נאכט און איר שווארץ פנים האָט סודותפול געקוקט אין די פענצטער פון דער סטאַציע, וואָס זענען צעקלאַפּט און אויסגעהאַקט געוואָרן דורך קוילן און אויסגעדרייט דורך עפּעס א אומגלייבלעכער קראַפט. אויף דער סטאַציע איז געווען שטיל, נאָר ס׳האָט זיך געדאכט, אז אין דער דאָזיקער שטילקייט האָבן נאָך געציטערט געשרייען, שאָסן און זיפצן. אויפן זייטיקן וועג האָבן העל געברענט די וואגאָנען, וועלכע ווער חייסט, ווער און מיט וואָסערן צוועק האָט אונטערגעצונדן, איבערן רויטן פריילעך-שרעקלעכן פלאַם, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון די דאָזיקע ברענענדיקע וואגאָנען, איז דער הימל געווען אינגאַנצן שווארץ און נידעריק. דער רויך האָט מיט שווערע קוילן, זיך אויפגעהויבן אינדערהייך; און העכער, איבערן רויך האָבן אינדערפינצטערקייט די פונקען שוין געטאנצט עפּעס א גראציעזן און סודותפולן טאַנץ. פון אַלץ האָבן זיך געלייגט אויפן שניי נישט קיין גלייכע, אומרויקע שאָטנס און ס׳האָט זיך געדאַכט, אז די אומבאַוועגלעכע מתים, וואָס זענען געווען אויסגעלייגט רייענווייז אַנטקעגן וואָקזאַל, רירן זיך פאָרזיכטיק.

אומעטום זענען ארומגעגאַנגען און געשטאַנען סאָלדאַטן, באַלויכטן דורך דער שריפה. זיי זענען זיך צוזאַמענגעקומען, זיך פאַרנאַנדערגעגאַנגען, האָבן זיך איינגעבויגן צו דער ערד און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבן אויפמערקזאַם באַקוקט דאָס, וואָס זיי האָבן דעם טאָג אָפּגעטאָן און וואָס עס איז פאַר זיי

געוועזן גאַנץ אומנעריכט און נישט פאַרשטענדלעך. זייערע שוואַרצע שאָטנס זענען נאָך זיי נאָכגעקראָכן איבערן רויטן שניי, שנעל זיך איבערבייגנדיק איבער די שינעס, וואָס האָבן געגלאַנצט פונם פייער און איבער זיי האָבן זעלטן זיך אָנגעצונדן אין רויטע נאָדלען, באַגנעטן. אויף דער פּלאַטפאָרמע זענען געשטאַנען אָפיצערן און האָבן פון עפּעס נישט הויך גערעדט צווישן זיך, יעדער רגע פאַררייכערנדיק פּאַפּיראָסן. פון דער נישט ווייטער שריפה האָבן ביי זיי די אויגן שאַרף געגלאַנצט, ווי זיי וואָלטן געווען גלעזערנע און די דאָזיקע אויגן האָבן אויסגעוויזן צו זיין בייזע און ווילדע, ווי ביי רויב-חיות.

אינם צימער, ווו מ'האָט פאַרשפּאַרט אַניסימאָוון, איז געווען קאַלט און פּוסט. באַלויכטן איז דאָס צימער געווען נאָר דורך די פּאַסן פונם ווידערשיין פון דער שריפה, אָנגעטענדיק אין זיין אומרויקן פייערדיקן ליכט אַ פאַנטאַסטיש נישט געוויינטלעכן אויסזען. דאָס מעבל, וואָס איז פון לאַנג אָן אַניסימאָוון צו באַקאַנט, האָט אויסגעוויזן צו זיין צופיל אומבאַוועגלעך, ווי מצבות אויף די בית-עלמנס; און די לאָמפּ וואָס איז צעקלאַפּט געוואָרן דורך אַ קויל איז געהאָנגען אויפן סופיט ווי אַ פגר פון אַן אומגעהייערער פלעדערמויז. שאָטנס פון סאָלדאַטן און אָפיצירן האָבן זיך פּאַמעלעך און אָן דעם קלענסטן שאָרך געטראָגן איבער דער באַלויכטענער וואַנט און זיך געקרימט אין די ווינקלען.

די ערשטע צייט האָט אַניסימאָוו נישט געקאָנט באַדענקען און קומען צו זיך, כדי זיך צו פאַרטראַכטן איבער זיין לאַגע און צו זען, וואָס ער האָט צו טאָן. ער האָט שווער געאָטעמט, האָט אינגאַנצן אויפגעציטערט, פאַרמאַכנדיק יעדע רגע די אויגן און דאָ עפענענדיק זיי, נאָר ער האָט נישט געזען, ווו ער איז און וואָס עס קומט פאָר אַרום אים. אין דער גאַנצער רעכטער זייט פון זיין קאָפּ האָט ער געפילט אַ טעמפּן ווייטאָק און ער האָט נישט באַוווסטזיניק געשאָקלט מיטן קאָפּ, באַמיענדיק זיך פּטור צו ווערן פונם דאָזיקן ווייטאָק. נאָר דער ווייטאָק איז פון אים נישט אָפּגעטרעטן און אַ האַלב פּנים איז געווען שווער, ווי אַ שטיינערנס.

ווען מ׳האָט אים געכאַפּט, האָט ער זיך לאַנג אַנטקעגן געשטעלט, אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, ער האָט זיך געשלאָגן. אפילו זיך געביטן, ווי אַ חיה, נישט באַמערקנדיק אַליין דאָס. מ׳האָט אים געכאַפּט אי פאַר די האָר, אי פאַר דער באָרד אי פאַר די הענט, נאָר ער האָט זיך עקשנותדיק אַרויסגעדרייט און די גאַנצע צייט האָט זיך אים געדאַכט, אַז אָט, אָט מאַכט ער נאָך איין אָנשטרענגונג און ער וועט זיך געוויס אַרויסרייסן און גיצול ווערן. נאָר ווען מ׳איז אים בייגעקומען און מ׳האָט אים אָנגעקגעשטעלט אויף די פיס, האַלטנדיק פאַר ביידע הענט; האָט ער מיטאַמאָל פאַרשטאַנען אַז דאָס אַנטקעגן זיך שטעלן איז גוצלאָז, און ער איז שטיל געבליבן.

אין אַ פעסטער קופּקע זעלנער, גרויסע, רויטע און אויפ־געדרעגטע פון קאַמף, האָט אַניסימאָוו אויסגעזען קליין און מאַכטלאָז ווי אַ חיהלע, וועלכע יעגער יאָגן אַריין אין אַן אָרט, פונוואַנען עס קאָן נישט אַנטלויפן, און טאַקע ווי אַ חיהלע האָט אַניסימאָוו זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן מיט זיינע גלאַנצנדיקע, רונד געוואָרענע אויגן, איינציענדיק דערביי דעם קאָפּ אין די פּליי־צעס און שווער אָטעמנדיק.

— אָך, דו געמיינער יונג איינער, דו מנוול!... — האָט אויפגעבראַכט פון אַניסימאָווס ווידערשטאַנד און בכלל שטאַרק אין כעס, געזאָגט איינער פון די סאָלדאַטן, אָפּווישנדיק זיך דאָס בלוט פון דער באַק, און מיט אַ משוגענעם פנים און טעמפּע קאָלירלאָזע אויגן, האָט ער אים נאָך אַ מאָל דערלאַנגט פון אונטן אַ קלאַפּ אין דער גאָמבע. אַניסימאָוו האָט אַ קריץ געטאָן מיט די ציין און אַ הייב אויף געטאָן דעם קאָפּ, נאָר געשוויגן און ווייטער זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך.

— דו וועסט זיך ביי מיר שוין נישט אַרויסרייסן, דו מנוול איינער! — האָט מיט אַ טריומפירנדיקן גראָבן קול דער סאָלדאַט געזאָגט — דאָס וועט זיך דיר נישט איינגעבן, אומזיסט לאָבוז איינער, די טרחה.

— נו, וועסט גיין צו נישט! גייז די רגע! — האָט א

געשריי געטאָן אַן אַנדער סאָלדאַט און אַ שטופּ געטאָן אַניס־מאָוון אין פּלייצע.

עפּעס האָט זיך אין אַניסימאָוון דערוועקט פונם דאָזיקן שטויסן וועלכן ער האָט באַקומען דאַן, ווען ער האָט שוין גישט אַרויסגעוויזן קיין ווידערשטאַנד. ער האָט זיך שנעל אַ קער אים געטאָן, נאָר אַ נייער קלאַפּ, אַ אומבארחמנותדיקער און אַ זיכערער האָט אים אַ שטופּ געטאָן אויף צוויי טריט פאָרויס. צוויי סאָלדאַטן האָבן אים פעסט אַ כאַפּ געטאָן פאַר די הענט און אַוועקגעשלעפּט צום וואָקזאַל. ער איז געגאַנגען, אָנשפּאַרנדיק זיך מיטביידע פיס, טריט נאָך טריט, און פון הינטן האָט מען אים געשלאָגן מיט פריקלאַדן אין האַלדז, פּלייצע, און פון דידאָזיקע קלעפּ האָט טעמפּ און יסורימדיק אויפגעציטערט זיין האַרץ.

אַזוי האָט מען אים דערשלעפּט צו דער פּלאַטפאָרמע און אַ שטופּ געטאָן צו צוויי אַנדערע מענטשן, אויך אַזוי ווי ער צעשלאָגענע, פאַרבלוטיקטע און אָפּגעריסענע, וועלכע זענען געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט זעלנער.

בשעת־מעשה האָבן זיך אָנגעצונדן די וואַגאָנען, און די בלויע דעמערונג פונם פרימאָרגן האָט אָנגעהויבן ציטערן און איז געוואָרן באַשיינט מיט אַ העלן רויטלעכן ליכט.

צו זיי איז צוגעגאַנגען אַ הויכער פעסט געבויטער אָפיציר מיט גרויסע רויטע וואָנסן. נאָך אַ פינף אָפיצירן, בלישטשענדיק מיט די קנעפּ און בענדער, זענען געשטאַנען אָן אַ זייט.

— אַהאַ, יאָ!... — האָט מיט אַ הויכער סודותפולער שטים אויסגעצויגן דער אָפיציר, פונקט ווי אים וואָלט הנאה געטאָן עפעס אַ געהיימע זאַך, פון וועלכער ער אַליין ווייסט. — אַנאַטאָל פּעטראָוויטש! — האָט ער הויך אַ רוף געטאָן.

פון דער קופּקע אָפיצירן האָט זיך אַרויסגערוקט איינער, אַ דיקער און שוואַרצער, מיט קליינינקע שוואַרצע וואָנסעלעך. און ביז ער איז צוגעגאַנגען, האָט אַניסימאָוו אים געקוקט גלייך אין פּנים אַריין.

די שריפה איז געווען נישט ווייט פון דער פּלאַטפאָרמע, פון אַ זייט און דערפאַר האָט מען אַרויסגעזען ביי יעדן בלויז

אַ האַלב פּנים, וואָס איז געווען העל באַלויכטן, די אַנדערע העלפט פּנים איז אײַנגעטונקען פאַרפאַלן געוואָרן אין שוואַרצן שאָטן.

מיט אַ געפּיל פון גרויל, וועלכן ער האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען, האָט אַניסימאָוו געקוקט אויף דידאָזיקע אויף העלפט געטיילטע פּנימער, מיט אײנציקע גלאַנציקע אויגן, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס זענען נישט קיין פּראָסטע מענטשן, קיין זעלנער און אָפיצירן, וועלכע ער האָט זײַן גאַנץ לעבן געזען, נאָר עפּעס באַזונדערע, אויסטערלישע און נישט קיין געוויינטלעכע באַשעפענישן, אין וועלכע ס'איז נישטאָ קיין שום מענטשלעכס.

— כ'האָב דעם כּבוד אײַך פאָרצושטעלן, — האָט געזאָגט דער הויכער אָפיציר מיט דער זעלבער פאַרביסענער טריומפירנדיקער שטים, אַ קער טוענדיק זיך צו דעם צוגעגאַנגענעם אָפיציר — דאָס זענען הערן רעוואָלוציאָנערן.

ער האָט פּלוצלינג געענדערט דעם אויסדרוק און טאָן און אַרויסרײדנדיק פעסט און באַפעלעריש, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— ווער ביסטו?

אַניסימאָוו האָט אַ קוק געטאָן אויף זײַן שכן, צו וועלכן דידאָזיקע פראַגע איז געווען געווענדעט, און האָט אים דערקענט. דאָס איז געווען דער זעלבער מענטש מיט דער הויקערדיקער נאָז, יענער, וואָס האָט אויסגעזען צו זײַן דורך עפּעס פאַרהיפּנאָטיזירט און וואָס האָט געשאָסן אויף די זעלנער פון דער באַריקאַדע נעבן אַניסימאָוון.

— מיט אַ ביקס איז ער געווען, ווען מיר האָבן אים געכאַפּט, אײַער האָכגעבורט! — האָט אײנער פון די זעלנער געזאָגט.

— אַ... דערשיסן!... — האָט דײַטלעך און רויק דער פּאָלקאָווניק אַרויסגערעדט.

אַניסימאָוו האָט פאַרשטאַנען דאָסדאָזיקע וואָרט, ער האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען זײַן שרעקלעכע באַדײַטונג, די שרעקלעכע באַדײַטונג, וואָס דאָסדאָזיקע וואָרט האָט געהאַט נאָמענטלעך אין דערדאָזיקער רגע.

אַ פּנים, אַז דער מענטש, בנוגע וועלכן דער פּאָלקאָווניק האָט געלאָזט פאַלן דאָס דאָזיקע פאַטאַלע וואָרט, האָט

אויך נישט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון יענעם וואָרט, ווייל ער האָט זיך קיין ריר נישט געטון פון זיין אָרט, האָט נישט קיין געשריי געטאָן, האָט מיט קיין זאַך נישט אויסגעדריקט זיין אימה. צוויי סאָלדאַטן מיט גלייכע פינצטערע פנימער האָבן אים אַ נעם געטאָן אונטער די הענט און ערגעץ אַוועקגעפירט. ער האָט זיך נאָך אַ קער אום געטאָן, פונקט ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט געשוויגן און איז געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך אויפן אָרט, וווּ מ'האָט אים אַוועקגעשטעלט.

די פראַגע איז איצט געווען געווענדט צו אַניסימאָוון, נאָר געענטפערט האָט נישט ער, נאָר אַ קליינער שטשופּלער מענטש עפּעס, און אַ צעריסענעם וואַטענעם פּאַלטאָ און אַ היטל.

— מיר זענען פון קאָסטיוקאָווער זאַוואָד... אַ טאָקאַרזש ביך איך... כ'הייס פּעדוליעוו... — האָט ער איילִיק אַרויסגערעדט, אַרויסגייענדיק אין דער גיך פאָרויס און ווערנדיק אינגאַנצן באַוועגלעך. זיין אונטערשטע קינבאַק האָט זיך מאָדנע באַוועגט.

— ער האָט אויך געשאָסן, אייער הויכגעבוירט... — האָט מיט עפּעס אַ קלאָגעדיקן און האָפנונגסלאָזן טאָן אונטערגעזאָגט דער זעלבער סאָלדאַט.

און ווידער האָט דער פּאָלקאָווניק, דייטלעך און קורץ, געלאָזט פאַלן דאָס זעלבע אומפאַרשטענדלעכע וואָרט.

נישט קיין קלאָרער און מאָדנער געדאַנק איז אַניסימאָוון געקומען אין קאָפּ. זיין פנים איז פּאַמעלעך בלייך געוואָרן, און ער האָט געמאַכט אַ פיבערהאַפטע באַוועגונג צוריק, פונקט ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אַריינקוועטשן אין די רייען פון די סאָלדאַטן נאָר עמיצער האָט באַלד אים אַ כאַפּ געטאָן פון הינטן פאַר די הענט.

— דו? — האָט דער הויכער פּאָלקאָווניק שנעל צו אים זיך אַ קער אום געטאָן, באַמערקנדיק זיין באַוועגונג.

אַניסימאָוו האָט געשוויגן און האָט געקוועטשט מיט דער פּלייצע אויף די הענט, וואָס האָבן אים געהאַלטן.

— נאָ, נאָ, נאָ! — אויפהייבנדיק די גאָמבע, האָט דער פּאָלקאָווניק געזאָגט מיט אַ חוזק-טאָן.

— דאָס איז דער נאַטשעלניק פון דער סטאַציע... — האָט

באַמערקט דער דיקער פּאָרוטשניק, אָנשטעלנדיק אַניסימאָוון גלייך און פּנים אַריין זיין איינציק גלאַנצנדיק אויג.

— יאָ, איך בין דער נאַטשעלניק פון דער דאָזיקער סטאַ-ציע... — האָט אין דער גיך אַניסימאָוו געענטפערט, פּונקט ווי עמיץ האָט אים אַ שטופּ געטאָן און האָט פּלוצלינג אַ קרומען שמייכל געטאָן, באַמערקנדיק זיך צו געפעלן דעם אָפיציר און נישט אַראָפּלאָזנדיק זיין בליק פונם דאָזיקן איינציקן אויג, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין פאַרבלוטיקט.

— אַ — אַ!... אַזוי!... זייער אָנגענעם זיך צו באַקענען מיט אייך, — האָט דער פּאָלקאָווניק אויסגעצויגן קרימענדיק אַ העלפט פון זיינע ליפּן מיט איין רויטער וואָנצע. — זייט איר, הייסט עס דער נאַטשעלניק פון דערדאָזיקער סטאַציע?... אַזוי... ווי באַלד אַזוי, שאַדט גאָר נישט, אַז מיר זאָלן זיך דורכשמועסן געגויער, הער... דערלויבט מיר זיך דערוויסן, ווי איז אייער נאָמען?...

— אַניס׳מאָוו... — האָט טויב דער נאַטשעלניק געענטפערט.

— אַ — האַ... זייער אָנגענעם פּינדעסטוועגן... — האָט דער פּאָלקאָווניק ווייטער געצויגן, איינבייגנדיק דעם קאָפּ אויף אַ זייט, און אין זיין שטים איז געווען עפּעס קעציש, אַכזיורדיקס און ביטערקייט.

— ביז און דער פּרי אונטער אַ וואך!... — האָט ער פּלוצלינג אַ באַפעל געטאָן, אָפּקערנדיק זיך פון אַניס׳מאָוון.

— אייער הוילגעבורט*) און מיט מיר וואָס וועט זיין? — האָט אַן אַרבעטער, אויסציענדיק זיין האַלדז, נישט מיט קיין זיכערער שטים געפרעגט.

דער פּאָלקאָווניק האָט אַ קער טוענדיק זיין קאָפּ, דורך דער פּלייצע, אַ קוק געטאָן אויפן אַרבעטער.

— און מיט דיר ליבער פריינט, ווילסטו וויסן, וואָס וועט זיין?... מ׳וועט דיך דערשיסן... — האָט ער געענטפערט, נישט מיטאַמאָל און אַ פּנים, הנאה האָבנדיק פונם איינדרוק, וואָס זיינע ווערטער האָבן געמאַכט.

---

*) אויף רוסיש: חשע בלאַגאָראָדיע.

— אייער ווילגעבורט! האָט דער אַרבעטער, אַ ציטער טוענדיק אַ געשריי געטאָן.

אַ מאָדנע און קורצע מהומה איז דורכגעלאָפן איבערן המון זעלנער פונם דאָזיקן געשריי, עמיץ האָט שטאַרק און אָנגעשטרענגט אָנגעהויבן צו אָטעמען איבער אַניסימאָווס סאַמען אויער.

— שטיל זאָל זיין! — האָט אַ געשריי און זיך אַ בייזער געטאָן דער דיקער אָפיציר, אויפהייבנדיק שנעל דעם קאָפּ און גלאָנצנדיק מיטן אויג.

און אַלץ איז טויט־שטיל געבליבן, פונקט ווי דאָס וואָלטן נישט געווען קיין לעבעדיקע מענטשן און עפּעס גאָר אַ שרעקעוודיקע און רויקע חיה.

— פיר אים אָפּ! -- האָט דער פּאָלקאָווניק באַפוילן, ענערגיש אַ מאַך טוענדיק מיטן קאָפּ אין דער זייט פון פעלד.

מיט דערזעלבער שווערער און שאַרפער נייגעריקייט, מיט וועלכער אַניסימאָוו פלעגט אין די קינדערשע יאָרן קוקן, ווי מען שאַכט הינער, האָט ער איצט דאָ איינגעזויגן זיך מיט די אויגן אין דער באַלויכטענער העלפט פונם אַרבעטערס בלאַסן פּנים מיט אַ ברייט געעפנטן אויג. ער האָט געמיינט און געוואָרט אַז אָט, אָט וועט דערדאָזיקער מענטש זיך אַ וואָרף טאָן, וועט זיך אָנהייבן רייסן, ווי ס׳פלעגן זיך רייסן די הינער, בעת מ׳פלעגט זיין קוילען פון די הענט, אַז ער וועט אָנהייבן שרייען, און דאָס וועט זיין שרעקלעך; דער אַרבעטער איז אָבער געשטאַנען שווייגנדיק און האָט נאָר אויסגעצויגן און איינגעצויגן די אַראָפּגעהאָנגענע גאָמבע. און מ׳האָט געזען, ווי זי האָט אַלץ מער און מער אויפגעציטערט און איז שוין געשפּרונגען אין אַ שרעקלעכן טאַנץ. אַניסימאָוו האָט נישט אָפּרייסנדיק זיך, געקוקט אויף דידאָזיקע גאָמבע, און אַלע האָבן אויף איר געקוקט און מיט איר יעדער באַוועגונג איז געוואַקסן און געוואַקסן דער אַלגעמיינער אָנגעשטרענגטער שרעק.

— און ווער ביסטו? — האָט פּלוצלינג הויך און דייטלעך פון ווייטן אָנגעהויבן צו ריידן דער מענטש מיט דער הויקערדיקער נאָז. — דו פּלב איינער, דו מנוול... הרגעסט דיינע אייגענע ברידער, מנוול איינער... דיין מוטער...

— וואַ־אָס! שטיל! — האָט שאַרף און הילכיק דער פּאָל־קאָווניק אַ געשריי געטאָן, אַ כאַפּ טוענדיק זיך קראַמפּהאַפּטיק פאַרן רעוואָלווער און מאַכנדיק צוויי טריט צום מענטש מיט דער הויקערדיקער נאָז.

— אַליין שווייג!... פאַרוואָס זאָל איך שווייגן, ווען איך גיי שטאַרבן, אידיאָט איינער! — האָט דער מענטש מיט דער הויקערדיקער נאָז זיך צעשריען — אַ מיתה־משונה זאָלסטו איינ־נעמען... דו געמיינער קערל, דו פאַרפלוכטער פלב איינער!... דו מיינסט, איך האָב פאַר דיר מורא?... נאַ, שלאָג!... אַליין שלאָג, דו מנוול איינער, שלאָג!

מיט אַ שוואַכן געשריי האָט אַניסימאָוו זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט פאַרן פּנים און פאַרמאַכט די אויגן.

איינער נאָכן אַנדערן האָבן אַ בליץ געטאָן צוויי שאָסן. עמיץ האָט אַ געשריי געטאָן און מיטאַמאָל האָבן אַלץ זיך אָנ־געהויבן באַוועגן קופּעסוויז, טונקעלע סילועטן פון זעלנער האָבן מיטאַמאָל פאַרצוימט פון אַניסימאָוון יענץ אָרט און אַ כאַפּ טוענ־דיק אים פאַר די הענט, האָבן זיי אים אין דער גיך ערגעץ אַוועקגעשלעפּט.

און דאָס אַלץ איז איצט געשטאַנען פאַר אַניסימאָווס אויגן אין דער טריבער טונקלקייט פונם צימער.

איצט האָט ער שוין געוווּסט, אַז מאָרגן אין דער פרי, אין עטלעכע שעה אַרום, וועט מען אים דערשיסן.

IV

— מאָרגן וועט מען מיך דערשיסן! — האָט אַניסימאָוו געטראַכט, קוקנדיק מיט שאַרפֿע בלישטשענדיקע אויגן אויף דער קאַלטער טונקלקייט. — מאָרגן וועט מען מיך דערשיסן!

דאָס איז נישט געווען קיין געדאַנק, מחמת מ׳האָט נישט געקאָנט טראַכטן וועגן דעם, אַז אין עטלעכע נישט לאַנגע שעה אַרום וועלן קומען מענטשן, וועלכע ער האָט אין זיין לעבן אפילו נישט געזען, און וועלן אים דערהרגענען, אים, דעם ליידנדיקן לעבעדיקן מענטשן, דערהרגענען ווי אַן אַלטן פֿאַרכעוואַטן הונט. ניין, דאָס איז נישט געווען קיין געדאַנק — דאָס איז געווען פשוט אַ שווערער און קאַלטער דרוק אויפֿן מח, יענער דרוק, וואָס דאָס באַווייזן זיך פֿון אַ שרעקלעכן סודותפֿולן געשפּענסט מאַכט אויף אַ מענטשן, וועלכער גלייבט נישט אין אומנאַטירלעכס.

אַניסימאָוון האָט זיך צייטנווייז געוואָלט אַ קוועטש טאָן מיט די פּלייצעס און אַ לאַך טאָן פֿון דערדאָזיקער מאָדנער נאַרישקייט, נאָר אָנשטאָט דעם האָט זיך זיין פּנים אין דער פֿינצטערקייט געקרומט אין אַ ווילדער און קרענקלעכער גרימאַסע, אָננעמענדיק אַן אויסדרוק פֿון אַ שרעקלעך פֿאַרקריכטער מאַסקע פֿון אַ מענטשן, וואָס גייט אַראָפּ פֿון זין.

ער האָט זיך איינגעהילט אין פֿאַלטאָ, פּונקט ווי אין אַ שפּיטאָל־כאַלאַט, און מיט קורצע, נישט גלייכע טריט, אַ דאַרער, הויכער, ווי אַ געשפּענסט, האָט ער אָנגעהויבן אַרומשפּרייזן איבערן

ציטער, פאָרזיכטיק פאַרבייגייענדיק די מעבל־שטיקער און באַמיענדיק זיך עפּעס נישט צו טומלען. מערקווירדיק איז געווען דאָס, וואָס דידאָזיקע פאָרזיכטיקייט זיינע האָט זיך גענומען גאָר נישט פון שרעק: אַניסימאָוון האָט זיך נאָר ליידנשאַפטלעך געוואָלט, אַז קיינער זאָל אים נישט שטערן טראַכטן „וועגן דעם". ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער וועט רויק און פּינקטלעך עפּעס באַטראַכטן ביזן סוף, וועט זיך אַלץ ענדערן, — ער וועט אַלץ פאַרשטיין, און דאַן וועט אַלץ קלאָר ווערן גאַנץ פּשוט און גוט.

און ער האָט געטראַכט, געטראַכט, געטראַכט... זיין פּנים האָט אָנגענומען אַ פריילעכן אויסדרוק פון אַ מחשבה, וואָס איז אָנגעשטרענגט איבער דער מאָס. צייטנווייז איז ווי אַנטשטאַנען אַ העלער ישועה־ברענגענדיקער געדאַנק, נאָר אַנטשטאַנען איז דערדאָזיקער געדאַנק ערגעץ זייער טיף און נישט דייטלעך.

אַניסימאָוו האָט געמאַכט אַ אומנאַטירלעכע אָנשטרענגונג, כּדי דעמדאָזיקן געדאַנק אַרויסצורופן אויבן, אויף דער אויבער־פלאַך און אים אָנטאָן אין אַ לבוש פון אַ וואָרט. דער געדאַנק האָט האָט זיך געשטאַרקט. זיך אויפגעהויבן, האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנ־דערצעפלאָטערן און זיך דערנענטערן צו עפּעס אַ וואָרט, ס'איז געוואָרן לייכטער, דער קאָפּ האָט אָנגעהויבן ליכטיק צו ווערן און די אויגן האָבן אָנגעוואָרן דעם אָנגעשטרענגטן אויסדרוק. אַניסימאָוו האָט זיך אָפּגעשטעלט, כּדי צו כאַפּן דאָס וויכטיקסטע, ער האָט עס געכאַפּט און זיך געטראַכט, מיינענדיק, אַז ער רעדט טאַקע דאָס, וואָס מען דאַרף:

— מאָרגן וועט מען מיך דערשיסן !...

און דערנאָך האָט זיך ווידער אָנגעהויבן צו פלאָנטערן, דער געדאַנק איז מאָמענטאַל אָן אַ שפּור צעשמאָלצן געוואָרן אין מח, אויף די שלייפן איז אַרויסגעטרעטן אַ קלעפּעדיקער שווייס; אַ קאַלטע נעפּלהאַפטע פוסטקייט, ענלעך אויף דעם ווי אים וואָלט פּלוצלינג אַרומגעוויקלט אַ געדיכטער וואָלקן פון עפּעס אַ קאַלטן דאַמף — האָט אָנגעפילט די נשמה, און אַניסימאָוו האָט ווידער אָנגעהויבן מיט קליינע טריט שנעל און פאָרזיכטיק

צו שפּרייזן פון איין ווינקל ביזן אַנדערן און אָנשטרענגען זיין מידן הייסן מוח.

פלוצלינג האָט זיך אים פאָרגעשטעלט אַ באַקאַנט אָרט פון יענער זייט סטאַציע, ביים גרובן, וווּ ס'ליגט צוזאַמענגעלייגט אַ קופּע אַלטע שוואַרץ געוואָרענע שפּאַלעס און דער שניי ליגט אין רונדע קראָכעדיקע צוזאַמענגעווייטע בערגלעך, אַ זעלכע ווייסע, ריינע, וואָס קיין איין פוס האָט אויף זיי נאָך נישט געטראָטן.

די קופּע שפּאַלן איז דאָרט שוין איצט נישט געווען.

אַניסימאָוו האָט געוווּסט, אַז מ'האָט זיי צעשלעפּט אויף צו מאַכן באַריקאַדן לויט זיין אייגענער אָנווייזונג. נאָר דאָסדאָזיקע אָרט האָט זיך אים איצט פאָרגעשטעלט: דער פאַרקן פונם גערטנדל, די שוואַרצע קופּע פון באַאייזטע שפּאַלן און ווייטער — אַ ווייס, פריי פעלד, פון וואַנען מ'האָט ווייט געזען רויטע הייזלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי קליינינקע שפּיל — הייזלעך, פון דער סטאַציע און שיינינקע צוגן פון פאַרשידענע קאָלירן מיט שוואַרצע לאָקאָמאָטיוון, וואָס פלעגן לויפן איבערן גלייכן שטאָלענעם טאָר. און אָט, טאַקע דאָרט, אויפן שניי, מיטן קאָפּ צו די שינעס, וועט איצט אַניסימאָוו ליגן אַ טויטער, נישט אַ פּשוטער טויטער נאָר אַ דערשאָסענער. זיין קאָפּ און ברוסט וועלן זיין דורכגעלעכערט מיט קוילן; די בלאָע הענט וועלן פאַרבייגערט ווערן, ווי די צוזאַמענגעקאָרטשעטע פיסלעך פון אַ געקוילעטער הון; און די קני וועלן אין שאַרפע ווינקלען אַרויס טאָרטשען פון שניי־באַרג.

ס'וועט זיין קאַלט; ער וועט אינגאַנצן פאַראייזט ווערן האַרט ווי אַ שייטל האָלץ, מיט פאַרפרוירענע מענטנע אויסגעגלאָצטע אויגן און מיט אַ מויל, פול מיט שניי און רויטן אייז־ און דאַן וועט ער שוין גאָר נישט פילן, גאָרנישט זען און גאָר־נישט באַגרייפן און וועט אפילו נישט זען זיין טויטן קערפּער־

— דאָס איז דאָס שרעקלעכסטע... דאָס איז דאָס שרעקלעכסטע פון אַלץ... — איז עפּעס אַניסימאָוון איינגעפאַלן אין קאָפּ און אַ אומדערטרעגלעכע אינערלעכע בענקשאַפט, וואָס איז מסוגל איבער־

צוקערן די גאַנצע נשמה. האָט אָנגעהויבן זייגן זיין האַרץ. ס׳האָט זיך געוואָלט זיפצן מיט אַ דינענקן טרויעריקן זאָיען.

אַרום און אַרום איז געווען שטיל און דאָס קנאַקן פון אַ ברענענדיקן בוים האָט זיך זעלטן דערטראָגן אין פענצטער.

אַרומשפרייזנדיק אַ״ך שנעלער און שנעלער פון איין ווינקל צום אַנדערן, און איינהילנדיק זיך אין פאַלטאָ, ווי אין אַ שפיטאָל־כאַלאַט, האָט אַניסימאָיו אָנגעהויבן זיך צו גריבלען אין זיין זכרון. תחילת האָט ער אַליין נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס אייגנטלעך ער וויל זיך דערמאָנען! נאָר ס׳האָט זיך באַוויזן און ס׳איז שטאַרק געוואָרן אַ דעריבערונג וועגן דורכגעמאַכטן לעבן, צו וועלכן ווי ס׳ווייזט אויס, ס׳קומט איצט אָן, דער סוף.

ער האָט אָנגעהויבן אין די געדאַנקען דורכצוגיין זיין דורכגעמאַכט לעבן פון אָנהייב ביזן סוף און צו זוכן אויף זיין לעבנס־וועג עפּעס אַזעלכעס וואָס ס׳זאָל האָבן אַ צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס עס האָט געזאָלט מאָרגן פאָרקומען.

דאָס וואָס ער האָט אַרויסגערופן פונם גראָען נעפּל פון פאַרגעסנהייט, איז איצט אינגאַנצן דורכגעגאַנגען אין אָנגעשטרענגטן זכרון. ס׳איז אדורכגעגאַנגען אַ לאַנגע רייע טעג, יאָרן, באַגע־גענישן, מעשים, שטימונגען און דאגות, דאָס לעבן איז פאַר אים אויפגעשטאַנען בלייך און טריב און איז אים פאָרגעקומען אַזוי מאָנאָטאָן — גראָ, אָן אַ אָנהויב און אָן אַ סוף. צייטנווייז האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס לעבן זיינס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך לאַנג פאַר דעם, איידער ער איז געבוירן געוואָרן, אַז אַלע זיינע ליידן, קרענק, דערנידערונגען און זאָרגן זענען געווען בלויז אַ המשך פון צאָללאָזע צרות און אומגליקן, וואָס גייען פון דער צייט. פונקט ווי דאָס וואָלט געווען אַ ענדלאָזער וועג פון דער אייביקייט אין דער אייביקייט אריין, אַ וועג, אויף וועלכן ער איז אומבאַמערקט אַרויף, ערגעץ זייער ווייט פונם אָנהייב, כדי און עטלעכע רגע׳ס אַרום אַראָפּ צוגיין פונם דאָזיקן וועג אויך אַזוי ווייט פונם סוף, ווי אַ צופעליקער שאָטן, וואָס האָט זיך טרויעריק דורכגעגליטשט איבערן גרויסן שליאַך.

אַן אָרעמער איז ער אויף דער וועלט געקומען, אין אַ

גרויזאַמער אָרעמקייט האָט ער דורכגעלעבט זיינע אַלע קינדערשע יאָרן און פלעגט שטענדיק ווען דידאָזיקע יאָרן זיך דערמאָנען מיט אַ טרויעריקן עקל, באַוווּנדערנדיק די מענטשן, וואָס פלעגן ריידן וועגן זייער קינדהייט ווי וועגן אַ ליכטיקן יום-טוב פון לעבן. ער איז געווען אַן אָפּגעריסן, און קרענקלעך ייִנגל, אַ טיפּישער זון פון אַ בריוו-טרעגער אויף דער פּאָסט אַ קינד, אויף וועלכן די שווערע אַרבעט, קרענק און צרות פון די עלטערן האָבן אויף אייביק אַרויפגעלייגט זייער בלאַסן חותם. לערנען איז אַניסימאָוון אויסגעקומען נישט פיל און שווער, און דאָס, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט, איז געווען דער זאַפּט פונם לעבן, וואָס זיין פאָטער און מוטער האָבן אַרויסגעקוועטשט פון זיך. נאָך אַלס גאָר אַ יונג קינד, איז שוין אויסגעקומען צו טראַכטן וועגן שפּייז, און צו פופצן יאָר איז ער שוין אָנגעקומען אויף דער אייזנבאַן ווו ער האָט אָפּגעדינט פינף און צוואַנציק יאָר, אויף פאַרשידענע אַמטן, וואָס זענען אַלע געווען אַלץ איינס שווער, ביז צום עקל מאָנאָטאָן און פרעמד זיין נשמה. אים איז געווען שווער, אָפּט שפּלדיק און שווער; נאָר די פאָטער און מוטער, כל-זמן זיי האָבן געלעבט זענען, אַרבייטנדיק איבער די כּחות, געווען גליקלעך, וואָס זייער זון איז געלונגען אויסצומיידן דעם פאָטערס שווערן גורל.

זייער שווינדזוכטיקע פרייד איז געווען זינלאָז און שרעקלעך, נאָר דאָס שרעקלעכסטע איז געווען דאָס, וואָס ער אַליין האָט פאַרשטאַנען די דאָזיקע שמחה און צופרידנקייט און זיי געטיילט — זיך געפרייט מיט דער זעלבער פרייד פון זיינע עלטערן.

און דאָס איז געווען ענלעך צו יענער פרייד, מיט וועלכער עס פרייט זיך דער מענטש, וואָס איז פאַרטרונקען געוואָרן אין זומפּ ביזן האַלדז און וואָס זעט נישט ווייט פון זיך נאָך אַ מענטשן, וועלכן די שטינקעדיקע און דערשטיקנדיקע בלאָטע האָט שוין באַדעקט איבערן קאָפּ.

ווען ס'זענען אַריבער יאָרן און דאָס גליק פון אייביק פוילן אויף דער קליינער און ווייטער סטעפּ פאַרוואָרפענער סטאַ-

ציע איז דערגרייכט געוואָרן, — האָט אַניסימאָוו חתונה געהאַט. ער האָט חתונה געהאַט אויס ליבע מיט נישט קיין שיין, נישט איבערגעשפּיצט מיידל, וואָס האָט דורכגעמאַכט פּינקט אַזאַ שווער לעבען, ווי ער. און אין דערדאָזיקער ליבע איז געווען דער זעלבער גורל, מחמת אין די גליקלעכסטע מאָמענטן פון אָט דער ליבע איז נישט פאַרטונקלט געוואָרן דאָס באַוווסטזיין, אַז די פרוי זיינע איז אַזאַ נישט שיינע, אַזאַ קאַלירלאָזע און אַזאַ גאָרנישט; נאָר דער שטאַרקער באַגער צו האָבן, — ?וואָס זאָל נישט זיין — אַ נאָענטן, וואַרעמען, אייגענעם מענטשן האָט אָפּגעשוואַכט און דערשלאָגן דאָסדאָזיקע באַוווסטזיין, און עס איז נאָר פאַרבליבן אין דער נשמה אַלט אַזעלכעס, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו נאָגן זיין גייסט, אַרויסרופנדיק אַ בענקשאַפט נאָך אַ שיינער, סודותפולער, הייסער פּאַטעטישער ליבע, וועלכע עס וועט קיינמאָל נישט אויסקומען איבערצולעבן. זיין ווייב איז גיך פאַרעלטערט געוואָרן און האָט פאַרלאָרן יענע רעלאַטיווע ליבלעכקייט, וועלכע ס'האָבן איר, ווי נישט איז, געגעבן די יוגנט און פרישקייט. מיט אַ אומגעלומפּערט שרעקלעכער שנעלקייט זענען געבוירן געוואָרן קינדער. דאָס ווייב איז געוואָרן אַ בייזע, אַ מרשעת, אַ נודנע אַ האָפנונגסלאָז אָפּגעלאָזענע האַלבע זקנה און אויף איר פּנים איז אויף שטענדיק פאַרגליווערט געוואָרן אַ קלאָגלעכע מאַסקע פון דאגות און קנאה.

די קינדער זענען אויסגעוואַקסן בלוטאָרעמינקע, קראַנקע און שטשופּלע. די פריידיקע סטעפּישע לופט און די ליכטיקע זון האָבן נישט געקאָנט אויסרייבן ביי זיי דעם שרעקלעכן סם פון הונדערטער יאָרן נישט דערעסן צו זאַט און פון דער וועגעטאַציע פון זייער שטאַם. איין מיידעלע האָט געליטן אויף געדערם-אָפּשוואַכונג און איז שטענדיק געזעסן אין אַ קליין שטולעכל, ענלעך צו אַ שיפל, מערטירעריש אַרויסקוקנדיק פון איר ווינקעלע, פּונקט ווי אַ מייזל, וועלכע די קאַץ האָט צעביסן אויף טויט. נישט משמח געווען דאָס האַרץ האָבן דידאָזיקע קינדער, זיי האָבן די עלטערן פאַרשאַפט בלויז דאגות, שבר-לב און אַרייגעבראַכט אין כעס.

אַניסימאָוו האָט קנאַפּ פאַרקערט צווישן מענטשן און נישט געהאַט קיין מגא-משא כמעט מיט קיינעם, ווייל דאָס וואָלט גע־שאַפן אַ נויטוועגדיקייט פון הוצאות. ער וואָלט זיך געדאַרפט דאַן לאָזן קאָסטן אויף אויפצונעמען ביי זיך געסט און חוצ־דועם, וואָלט ער זיך געשעמט פאַר זיין אָרעמקייט און דערנידע־רונג. אַניסימאָוו האָט פיל געטרונקען און אין אַ שכורן צושטאַנד פלעגט ער וויינען וועגן זיין ביטערן מזל, וועגן זיינע צרות און פלעגט זיך קוועלן דורך אַ נישט קלאָרן טרוים וועגן אַן אַנדער פריי, לייכט און אָנגענעם לעבן, וואָס זאָל האָבן אַ זין.

שרעקלעך איז געווען זיין לעבן, ווי שרעקלעך עס איז געווען דאָס לעבן פון די אַלע, וואָס האָבן געבילדעט זיין סביבה, און דאָס טאָקע האָט גיך טעמפּ געמאַכט אַניסימאָווס באַ־וווסטזיין און פאַרבאָרגן פון אים דאָס שרעקלעכע אויסזען פון זיין דאַזיין.

ווי שטאַרק, ווי שרעקלעך שטאַרק ס'זענען ביי אַניסימאָוון נישט געווען די אינערלעכע רופענישן און דאָס לעכצן עפּעס צו ענדערן, עפּעס זיך צו דערוויסן, עפּעס צו שאַפן, — האָט זיך אים בכלל דאָך געדאַכט, אַז אַזאַ לעבן, ווי ער האָט געפירט, איז אַ נאָרמאַל לעבן, אַז אַזוי דאַרף טאַקע זיין, ווי עס איז, ווייל אַזוי לעבט דאָך נישט ער אַליין, נאָר אַזוי לעבן פיל, זייער פיל אַנדערע.

די קוועלענישן פון גייסט זענען ביי אַניסימאָוון געוואָרן אַ רגילות, ס'האָט אים אויסגעלערנט מורמלען, געמאַכט פאַר אַ מרוק, אויסגעלערנט אָפּט צו פאַרזוכן דעם „ביטערן טראָפּן" און ס'איז נישט געווען קיין כוחות זיך צו פאַרטראַכטן, זיך אומצו־קוקן און זיך מיאש צו זיין. ווי אַ קראַט (מולוורף), וואָס לעבט אונטער דער ערד אין אַ פינצטערקייט, האָט אַניסימאָוו נישט געזען די פינצטערקייט, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט, און האָט געמיינט, אַז ער לעבט בעסער פון פיל אַנדערע; אָבער אַלס נישט קיין קראָט, איז אים דאָס לעבן געווען נמאס און ער האָט פון דעם שטאַרק געליטן.

אַזוי איז געווען ביז דאָס פּלוצלינגדיקע ליכט פונם אַלגע־

מיינעם פּראָטעסט און אין דער אַלגעמיינער אָנשטרענגונג האָט, ווי אַ בליץ, פאַר אים אַלץ באַלויכטן און ווי אַ בליץ, אים דערהרגעט.

אַניסימאָוו האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט. עפּעס האָט זיך אין אים אָנגעשטרענגט ביזן לעצטן פּונקט און איז פאַרשטאַרט געוואָרן און דערוואַרטונג. און פּלוצלינג האָט אַניסימאָוו פאַרשטאַנען, אַז ער באַדויערט נישט, וואָס ער שטאַרבט, אַז אַזאַ לעבן, ווי אים איז אויסגעפאַלן אויפן גורל, איז נישטאָ וואָס צו באַדויערן.

— אויב ווייטער פירן אַזאַ מין לעבן — האָט ער זיך געטראַכט, — איז שוין בעסער דער טויט... אין טויט איז דאָך נישט פאַראַן קיין שום שרעקלעכס, נאָר פאַרקערט, ער איז בייטיק, ווי אַ נאַטירלעכער אויסגאַנג...

פאַרשאָלטן זאָל ווערן אַזאַ לעבן, ווי מיינס!

און ווען אַניסימאָוו האָט איבער דעם זיך פאַרטראַכט,—האָט ער זיך באַרויקט, איז שטיל געבליבן און זיין גראָ אויסגעמאַטערט פּנים, האָט אָנגענומען אַ רויקן און אַנטשידענעם אויסדרוק, יענעם זעלבן אויסדרוק, מיט וועלכן ער האָט זיך איינגאַנצן, איינמאָל פאַר אַלע מאָל, אַריינגעוואָרפן אינם קאַמף, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרום אים צו זידן און קאָכן.

נאָר אין דער סאַמער טיפקייט פון זיין נשמה האָט עפּעס געשייענדזשעט און ווי געטאָן. דאָס איז געווען אַ טעמפּער ווייטאָק. עפּעס האָט אים ווי געביסן אינעווייניק, געטאָטשעט, גענאָגט. אַניסימאָוו האָט זיך מיט אומרו צוגעהערט און צו זיך אַליין געזאָגט:

— וואָס-זשע נאָך?... כ'האָב דאָך באַשלאָסן?... מ'דאַרף נישט טראַכטן, מ'דאַרף נישט צו פיל אַריינקלערן... ווען כ'וועל טראַכטן, וועט ווידער זיין שרעקלעך... בעסער גאָר נישט טראַכטן.

אָבער דער אינערלעכער ווייטאָק האָט אַלץ אים זיך געלאָזט שטאַרק פילן, איז צוגעטראָטן צום האַרצן, און ווי אַ מויז, איז ער געוואָרן אַלץ דרייסטער און נאָענטער.

אַניסימאָוו האָט זיך שנעל אַ הייב אויף געטאָן און ווידער אָנגעהויבן שנעל אַרומצוגיין איבערן צימער, באַמיענדיק זיך מיט

זייַנע טריט צו פֿאַרטײַבן יענץ וואָס האָט נישט אויפֿגעהערט אים איבעווייניק צו טאָטשען.

דער ווייטאָק איז אָבער אַלץ געוואַקסן, און ס׳האָט שוין נישט בלויז געשווענדזשעט, נאָר ס׳האָט געריסן ס׳האַרץ און פֿונם דאָזיקן ווייטאָק איז געוואַקסן אַ שווערע פֿאַרצווייפֿלטע אויפֿגעבראַכטקייט.

און פּלוצלינג האָט זיך דער ווייטאָק דורכגעריסן און אָנגעפֿילט זײַן גאַנץ וועזן, אָנגעפֿילט מיט אַזאַ קראַפֿט, אַז ס׳האָט אים אָנגעהויבן דריקן בײַ דער ברוסט און רוישן אין די אויערן.

— יאָ, יאָ — האָט דער געדאַנק בײַ אים אין מח אָנגעהויבן צו מאַכן קאָזשעלקעס, איבערשפּרינגענדיק פֿון איין זאַך אויף דער אַנדערער — איך באַדויער נישט אַזאַ לעבן... בעסער שטאַרבן, איידער אַזאַ לעבן... נאָר פֿאַרוואָס עפּעס „אַזאַ" לעבן און נישט קיין אַנדערס?... ווער האָט געהאַט די העזה מיך אײַנצושפּאַנען אין אַזאַ לעבן?... ווער האָט בײַ מיר אַוועקגענומען, נישט אַוועקגענומען, נאָר מיר נישט געגעבן אַזאַ לעבן, וועלכעס איך וואָלט באַדויערט און נישט געהאַט קיין חשק מיט אים זיך צו שיידן? און דאָס איז אויך נישט אמת, — איך באַדויער אויך דאָס לעבן, וועלכעס איז מיר אויסגעפֿאַלן אויפֿן גורל! וואָסער לעבן דאָס זאָל נישט זײַן, וואָס פֿאַר אַ צרות און פֿאַרביטערונג אַזאַ לעבן זאָל מיר נישט האָבן געבראַכט, איז מיר דאָך אַ שאָד מיט אַזאַ לעבן זיך צו שיידן... יאָ, מיר איז אַ שאָד אפֿילו אַזאַ לעבן, מיר איז אַ שאָד, וואָס מ׳האָט מיר מײַן לעבן פֿאַרקריפּלט, מיר איז אַ שאָד, וואָס מ׳וויל עס פֿאַרניכטן, ווי עפּעס שרעקלעכס, בעת דאָס לעבן מײַנס, וועלכעס מ׳וויל בײַ מיר אַוועקנעמען, איז נאָר אַ אומגליקלעכס!... און ווי וואָגט עס זיך ווער נישט איז מיך צו דערהרגענען דערפֿאַר, וואָס איך האָב מײַן גאַנץ לעבן געליטן, דערפֿאַר, וואָס מיר איז געווען ביטער און שלעכט. שווער און ביטער?

דאָס... דאָס... דאָס... — האָט אַניסימאָוו אָנגעהויבן צו מורמלען, אָפּשטעלנדיק זיך אין מיטן צימער און בליצנדיק מיט די נישט נאָרמאַל ברייט געוואָרענע קראַנקע אויגן, און פּלוצ-

לינג האָט ער זיך מיט אַן אימפּעט אַ וואָרף געטאָן צום פענצטער זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער ראַם, און צעשניידנדיק זיך די הענט מיט די שויבן, האָט ער זי אָנגעהויבן צו רייסן און ברעכן.

פון יענער זייט פענצטער איז די שריפה שוין איינגעלאָשן געוואָרן, און די ברוינלעכע פינצטערקייט איז אַלץ געדיכטער צוגעטרעטן צום פייער, אָבער אין צימער איז געווען אַזוי פינצטער, אַז אין דרויסן האָט אויסגעוויזן צו זיין ליכטיק, ווי ביי טאָג.

— וואוהין קריכסטו! — האָט מיט אַ שרעקלעך גראָבער שטים אַ געשריי געטאָן דער זעלנער מיט אַ ביקס, וועלכן ער האָט געהאַלטן איבער דער לינקער פלייצע, צולויפנדיק צום פענצטער.

אַניסימאָוו האָט זיך אָפּגעשטעלט און איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן, האַלטנדיק זיך פאַר דער ראַם, און דער זעלנער האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט. פון דער פינצטערקייט האָט זיך אויסגעטיילט אַניסימאָווס בלאַס פּנים מיט די ברייט געוואָרענע אויגן און בינטלעך צעשויבערטע האָר זיינע; און אויף אַניסימאָוין האָט געקוקט אַ פינצטערער סילועט פון אַן אומבאַקאַנטן רונדן וואָנסעדיקן קאָפּ. אַ רגע האָבן זיי ביידע געקוקט איינער אויף דעם אַנדערן, פאַרחידושט ביז גאָר, נישט קאָנענדיק פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר, און ווידער האָט זיך איבערגעחזרט דאָס זעלבע וואָס איז פאָרגעקומען מיטן זעלנער, וואָס האָט אים געכאַפּט — ביידע, סיי דער זעלנער, און סיי אַניסימאָוו, האָבן נישט געוווּסט, וואָס זיי דאַרפן טאָן.

ס'איז געווען אין דעם עפּעס אומגעלומפּערטס, נאָר אַזעלכעס, וואָס איז שווער געווען אין דערזעלבער מאָס פאַר זיי ביידן.

אַניסימאָוו האָט, ווי באַזינענדיק זיך, אַ ריס געטאָן די ראַם און שטאַרק אָנגעהויבן צו שרייען:

— לאָז!

— מ'האָט בישט געהייסן! — האָט אויך מיט אַזאַ שטאַרקער אומנאַטירלעכער שטים אַ געשריי געטאָן דער זעלנער.

— אַ ליגן... לאָז!... רוף אַהער דעם פּאָלקאָווניק...

— ס'אַרע פּאַלקאַווניק! פּאַלקאָווניקעס האָבן זיך אים גאָר פאַרגלוסט?... רוק זיך אָפּ!...

זייערע אומגאַטירלעכע הויכע אָנגעשטרענגטע קולות האָבן איבערראַשט זיי ביידע, און אויף אַ רגע איז ווידער אַנטשטאַנען אַ שווייגן און אַן אומבאַוועגלעכקייט, און ווידער איז עפּעס אויפגעשטאַנען צווישן זיי ביידע. ס'איז געווען אַ רגע פון אַ אָנגעשטרענגטער שטילקייט, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד דאַרף פּאַרקומען עפּעס בייס, עפּעס באַזונדערס. נאָר אין דער זעלבער צייט האָבן זיך דערהערט זיך דערנענטערנדיקע קולות און טריט. און פּונקט ווי אַלס ענטפער אויף דידאָזיקע טריט, האָט אַניסימאָוו שווייגנדיק און עקשנותדיק אָנגעהויבן צו רייסן די פענצטער־ראַם. מיט אַ קלאַנג האָבן זיך אַ שאָט געטאָן די גלאָז־שפּליטער. דער זעלגער האָט פּלוצלינג אַ טרעט געטאָן פאָרויס און מיטן גאַנצן כוח, אויך שווייגנדיק און עקשנותדיק, האָט ער אַניסימאָוון דערלאַנגט אַ קלאַפּ מיטן פריקלאַד אין דער ביינער־דיקער ברוסט.

אַ הייסע געזאַלצענע כוואַליע האָט אַ זעץ געטאָן צום אַני־סילאָווס גאָרגל און נאָז, ער האָט זיך אַ קער אום געטאָן, און ווי אַ מענטש, וואָס ווערט פאַרכלינעט, פאַנאַנדערשטעלנדיק די הענט און גאָרבישט זעענדיק, האָט ער זיך אַ צעטומלטער און צעמישטער אָנגעהויבן דרייען און זיך אַנידערגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע.

— וואָס איז דאָ, יעפימאָוו? — האָט עמיץ געפרעגט פון יענער זייט פענצטער.

— אַן אַרעסטירטער איז געקראָכן אין פענצטער... האָט מיט אָפּגעריסענער, נישט קיין אַנטשלאָסענער שטים דער זעלנער געענטפערט.

עטלעכע שוואַרצע קעפּ האָבן אַריינגעקוקט אין צימער אַריין און האָבן לאַנג אומבאַוועגלעך געקוקט אין דער פינצטער־קייט. ס'איז געווען שטיל. אַניסימאָוון האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַ חלום, און דער קאָפּ האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן שטאַרק צו דרייען, עס האָט אים אָנגעהויבן צו שווינדלען אין די

אויגן. דער קאָפּ זיינער האָט זיך געדרייט אַריינשלעפנדיק אין שנעלן וואַסערווירבל דריי שוואַרצע, אומבאַוועגלעכע און עפּעס סודותפולע סילועטן אין דער פינצטער. דערנאָך זענען זיי פּלוצלינג פאַרשוווּנדן געוואָרן און די זעלבע שטים האָט געזאָגט הויך און צאָרנדיק:

— גענוג צו באַלאַמוטשן — שיס אים אין קאָפּ אַריין!... גאַנץ פּשוט!...

און די קולות זענען אַנטשוויגן געוואָרן.

אַניסימאָוו האָט זיך אונטערגעהויבן, מיט משוגענע אויגן האָט ער אַ קוק געטאָן אין פענצטער און איז אָפּגעקראָכן אָן אַ זייט. אים האָט שטאַרק איבערגעראַשט דאָס לעצטע וואָרט:

גאַנץ פּשוט.

און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז טאַקע באמת אַזוי פּשוט, איינפאַך; וויפיל ער זאָל נישט האָבן געשריען, וויפיל ער זאָל זיך נישט האָבן געקוועלט, ווי שאַרף און שרעקלעך ער זאָל נישט האָבן פאַרשטאַנען דעם גרויל פונם טויט, די ליידן און דאָס, אַז ער, אַניסימאָוו, איז אַ מענטש, וואָס האָט זיין איינציק לעבן, אַז ער האָט דאָס רעכט נישט צו שטאַרבן, נישט צו ליידן, נאָר — צו לעבן — וועט פון דעם דאָך גאָרנישט אַרויסקומען. און פּלוצלינג האָט ווידער פון דער טיפעניש אַרויסגעטויכט אַן אַלטער געדאַנק:

— מ'וועט מיך דערשיסן!

געוועזן עטלעכע סעקונדן פון פוסטקייט און טויטער זיכלאָזיקייט, דערנאָך האָט העלער און גענויער אים זיך פאָרגעשטעלט:

— מ'וועט מיך דערשיסן... וואָס איך זאָל נישט טאָן, ווי איך זאָל נישט בעטן, ווי שטאַרק איך זאָל זיך נישט קאָרטשען פון שרעק, ווי יענער אַרבעטער, — וועט מען מיך... אַוועקפירן צו דער קופּע שפּאַלעס, מ'וועט זיך אין מיר צילן אַזוי רויק, פּונקט ווי איך וואָלט נישט געשטאָרבן פון שרעק.

און ער האָט דערפילט, אַז די גאָמבע זיינע הייבט אָן

מאָדנע צו שפּרינגען, און אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער... אַני־
סימאָוו האָט געמאַכט אַן איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג, כּדי
איינצוהאַלטן די גאָמבע, זי זאָל נישט ציטערן, נאָר דאָ האָט
אים אָנגעהויבן אינגאַנצן צו שווידערן, ער האָט געוואָרפן מיטן
קאָפּ, מיט די הענט, געצוקט מיט די פּלייצעס, פּונקט ווי אים
האָט געשלאָגן און געטרייסלט עפּעס אַ זייטיקע גרויזאַמע קראַפט.
אים האָט זיך געדאַכט אַז דאָס וועט קיינמאָל נישט אויפהערן;
נאָר ווען ער איז געקומען צו זיך, זיך באַזינען און מיטאַמאָל
פאַרשטאַנען, אַז מיט אים איז פאָרגעקומען אַ לאַנגער אָנפאַל
פון פאַרגעסן, אַז עטלעכע סעקונדן כּסדר האָט ער אָן אַלץ פאַרגעסן;
האָבן די קראַמפן ביי אים שוין אויפגעהערט, נאָר דער גוף האָט
נאָך אַלץ געשווענדזשעט און געציטערט מיט אַ קוים באַמערקלעכן
קליינעם ציטער... מאָדנע איבערראַשט האָט אים, וואָס פון יענער
זייט פענצטער האָט זיך שוין אומעטיק געגרויט, ווי בעת אַ
הארבסטיקן פאַרטאָג איידער די זון גייט אויף.

אין צימער האָט מען אַלץ געזען און דער בלייכער שיין
האָט זיך שוואַך געלייגט אויף די ווענט, אויף דער פּאָדלאָגע,
און אויף זיינע ווייס געוואָרענע הענט. איין רגע האָט זיך אים
געדאַכט, אַז אַלץ איז שוין אַריבער און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט,
נאָר מיט אַ שרעקלעכער שנעלקייט, פּונקט ווי פון דער פרעמד־
זענען אָנגעפלויגן — אי דאָס באַוווסטזיין פון דער ווירקלעכקייט,
וואָס איז אומעגלעך אָפּצוווענדן און אי פון דעם, אַז אָט באַלד
וועט עס געשען. און ווידער דעראָזיקער שרעקלעכער פּיינלעכער
ספק און דאָס שאַרפע באַדערפעניש, גיכער, וואָס גיכער עפּעס צו
באַטראַכטן און פאַרשטיין... גיך, אויף אַ האַלבע רגע, ווי נישט
ווילנדיק, האָט אַניסימאָוו זיך דערמאָנט אָן דעם דערהרגעטן מאַשיניסט,
דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט נאָך אַנדערע, וועלכע האָבן זיך
אַראָפּגעקייקלט פון די באַריקאַדן און זיך ווי צוזאַמענגעדרייט אויפן
פאַרבלוטיקטן שניי, דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם
אַרבעטער, דערנאָך אָנם מענטשן, מיט דער הויקערדיקער נאָז
און די צוויי קורצע שאָסן, וואָס זענען באַגלייט געוועזן מיט אַ
לייכטן פּיינלעכן געשריי, און ער האָט צווישן בלייכן און קרענקלעכן

באָס פלוצלינג דערזען די שוואַרצע קופּע שפּאַלעס און שאַרפּע קני, זיינע קני, וואָס טאָרטשען אַרויס פון שניי...

און, ענדלעך, איז אים געוואָרן לעכערלעך, און אַניסימאָוו האָט באמת שטיל און קראַמפּהאַפט אָנגעהויבן צו לאַכן, נאָר איז באַלד פאַרשוויגן געוואָרן. דער קורצער ציטערדיקער קלאַנג פון זיין געלעכטער איז געווען צו שטיל און גלייכצייטיק צו הויך און אויסטערליש אין דער פוסטער, בלייכער טונקלקייט פון דער פרימאָרגן-דעמערונג . . . ווידער האָבן אַניסימאָווס געדאַנקען אָנגעהויבן זייער האַסטיקן גאַנג אַניסימאָוו האָט שוין פיל מאָל געהערט אַז מען באַשטראָפט מענטשן מיטן טויט און דעם טויט-אורטייל איבער זיי פירט מען טאַקע אויס. יאָ. ער האָט וועגן דעם געהערט און ווייסט עס גאַנץ גוט. דאָס איז דאָך אַזוי פּשוט. הייסט עס, אַז דאָס איז גאַנץ מעגלעך און דאָ איז נישטאָ קיין שום אומפאַרשטענדלעכס. מ׳פירט אויס איבער מענטשן דעם טויט-אורטייל, זיי ליידן פון יסורים און שרעק, נאָר דערנאָך שטאַרבן זיי און די ליידן זייערע און שרעק הערן אויף, פּונקט ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געווען. וועגן דעם האָט מען געקאָנט טראַכטן, נאָר טראַכטן מיט אַן עקל, און דער געדאנקט וועגן דעם האָט אַזוי אומאָנגענעם געווירקט אויפן מח... יאָ, נאָר דאָרט איז פונדעסטוועגן אַזעלכעס געווען פאַרשטענדלעך: דידאָזיקע מענטשן, וועלכע מ׳האָט דערהרגעט לויט אַן אורטייל פון געריכט, זענען געווען באַזונדערע מענטשן, פאַרברעכער. און, דער עיקר, — דאָס זענען געווען אַזעלכע, וואָס קאָנען בשום-אופן נישט פאַרגליכן ווערן צו אַניסימאָוון, ווייל יענע זענען געווען אמתע פאַרברעכער, בעתו ער, אַניסימאָוו, איז קיין שום פאַרברעכן נישט באַגאַנגען. אַזו האָט אַניסימאָוו אויפגעפּאַסט דאָס פּראָבלעם פון „פאַרברעכן און שטראָף".

— ניין, בעסער וועגן דעם נישט טראַכטן — האָט אַניסימאָוו באַשלאָסן...

אים איז מיטאַמאָל קאַלט געוואָרן און ס׳האָט זיך אים פאַרוואָלט עסן... דאַן האָט ער דאָס ערשטע מאָל זיך דערמאָנט און זיין פרוי און קינדער און זיך געוווּנדערט, וואָס ער

האָט זיך ביז איצט וועגן זיי נישט דערמאָנט. און אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ אין דעם איז טאַקע פאַראַן אַזעלכעס, וועלכעס מ׳דאַרף זיך קודם-כל אויפקלערן.

— גיכער מוז מען טראַכטן... גיכער דענקען... — האָט ער זיך אָנגעהויבן צו איילן, אומרויִק ארומקוקנדיק זיך אַרום זיך. ער האָט נאָך נישט תופס געווען דאָס, איבער וועלכן זיין צע-רודערטער געדאַנק האָט אַזוי פיבערהאַפט געאַרבעט. נאָר אים האָט קרענקלעך און שאַרף געפּייניקט, וואָס דער הימל און די פענצטער זענען געוואָרן אַלץ ליכטיקער און ליכטיקער.

— מ׳דאַרף אָנשרייבן דער פרוי... — איז אים אייגעפאַלן אין קאָפּ.

ס׳איז שוין געווען גענוג ליכטיק ביים פענצטער און ער האָט עס באַמערקט.

אַ טינטער איז יאָ געווען אויפן טיש, נאָר וואָס טוט מען: דער טינט אין טינטער איז פאַרפרוירן געוואָרן.

אַניסימאָוו האָט זאָרגפעליק אַריינגעאָטעמט אין טינטער, האָט דאָס אייז-הייטל דורכגעשטאָכן מיט דער פעדער און צוגעטראָגן דעם טינטער צום פענצטער.

אויפן אונטערשטן פענצטער-ברעטל איז שוין געפאַלן אַ גראָ און קאַלט ליכט, און וועלכן ס׳האָט זיך אויסגעטיילט אויך מיט אַזאַ בראָען און קאַלטן פלעק, אַניסימאָווס פּנים מיט די צעשויבערטע שוואַרצע האָר און מיט שוואַרצע שאָטנס אויף די קין-באַקן אונטער די אויגן.

שרייבן איז געווען שווער, די פעדער איז צוויי מאָל אַרויסגעשפּרונגען פון די פאַרגליווערטע כמעט פאַרפרוירענע פינגער, און דאָס האָט אין אַניסימאָוון געוועקט אַ שאַרף געפיל פון מיטלייד צו זיך.

תּחילת האָט זיך אים געדאַכט, אַז מ׳קאָן אים שטערן שרייבן, שרייבן דאַרף ער זיך צואיילן. צייטנווייז האָט ער מיט אַ שאַרפן שנעלן בליק געקוקט אין פענצטער, ווו ס׳איז איצט אומבאַוועגלעך, מיטן רוקן צום פענצטער געשטאַנען אַ לאַנגער גראָער סאָלדאַט אָנשפּאַרנדיק זיך מיטן עלנבויגן אָן דער ביקס.

אויף דעם גראָען רוקן פון זיין מאַנטל איז שוין געפאַלן אַ דייטלעך גראָ מאָרגן-ליכט

— „ליבע סאַשאַ"-האָט אַניסימאָוו אָנגעשריבן קוים אונטערשיידנדיק די אותיות כאָטש ס'האָט אויסגעוויזן צו זיין ליכטיק, און האָט נישט געוווסט, וואָס ווייטער צו שרייבן. ער האָט גאָרנישט געקאָנט אויסדריקן, ווייל מ'האָט געדאַרפט אויך אויסדריקן יענע פריידיק געפיל, וועלכעס ער האָט דורכגעלעבט די דאָזיקע צען טעג, און יענעם פייערדיקן און בלוטיגן תהו-ובהו און דעם טויט פון מענטשן און דער גרויל פון זיין איינזאַמער לעצטער נאַכט, און יענע אומגע-ומפערטס און אומזיניקס, וואָס ס'האָט געזאָלט מיט אים פאָרקומען, און די קופע שוואַרצע שפּאַלעס און די פערגליווערטע פאַרפרוירענע קני, וואָס טאָרטשען פון אונטערן שניי, און, וואָס ער וועט זיי, זיין פרוי און קינדער, שוין מער נישט זען, און זיין הילפסלאָזיקייט, און זיין רחמנות אויף זיך אַליין און יענעם צער, פון וועלכן אים וואָלט זיך געוואָלט טרייסטן און לאַסטשען, און יענע טרערן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אָנפילן זיינע אויגן, זיך אַראָפּקייקלען איבער די אויסגעדאַרטע און קאַלטע באַקן און פאַלן אויפן שטיקל פּאַפּיר פון זיין לעצטן בריוו.

און דאָס איז געווען אוממעגלעך און דער גרויל פון דער דאָזיקער אוממעגלעכקייט האָט אַרויסגערופן ביי אים אומבאַשרייבלעכן צער.

— גאָט. גאָט... גאָט אין הימל!... פאַרוואָס-זשע פייניקט מען מיך אַזוי... זאָג, פאַרוואָס?... האָט ער אָנגעהויבן צו שעפּטשען, כאַפּנדיק זיך פאַר זיינע צעשויבערטע האָר, און האָט זיך צעוויינט.

און לאַנג האָט ער געוויינט, קוקנדיק מיט די אויגן, וואָס האָבן זיך ווי אָפּגעשטעלט, אויפן פענצטער, אויפן ווייסן, ווייטן גלייכגילטיקן הימל.

דערנאָך האָט ער אָנגעשריבן:

— „זיי געזונט, שוראַטשקע. ווי וועט איר דאָרט קאָנען אויסקומען אָן מיר? כ'ווייס נישט, צו מ'וועט אייך איבערגעבן מיין בריוו: כ'וועל בעטן. זיי זשע מיר געזונט! וויין נישט שוראַטשקע, וואָס קאָן מען טאָן! פאַרגעס מיך נישט און זאָג

די קינדער, זיי זאָלן מיך געדענקן כ'קאָן נישט שרייבן מער.
זייט געזונט!"

פון אויבן האָט זיך אויף זיין מח אַראָפּגעלאָזט עפּעס אַ חייסער געדיכטער וואָלקן און אַניסימאָוו האָט געמאַכט אַ שרעקלעכע אָנשטרענגונג כּדי נישט צו חלשן.

צום פענצטער זענען צוגעגאַנגען עטלעכע מענטשן, קלאַפּנדיק מיט די ביקסן, דערנאָך זענען זיי אַוועקגעגאַנגען, און דער נייער וואַך־זעלנער איז קלאַפּנדיק מיטן פריקלאַד, דריי מאָל דורכגעגאַנגען פאַרן פענצטער, כאַפּנדיק עטלעכע מאָל ווי בגנבה אַ קוק אויף אַניסימאָוון. בלייך האָט דורכגעשימערט זיין גראָער סילועט מיטן טאַרטשענדיקן דינעם באַגנעט, פונם ביקס, וואָס איז געווען פאַרוואָרפן ביי אים איבער דעם לינקן אַקסל.

אַניסימאָוו איז אָפּגעגאַנגען אין דער טיף פונם צימער, האָט באַהאַלטן דעם בריוו אין בוזעם, האָט זיך אַנידערגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע מיטן פּנים צו דער וואַנט און האָט שטאַרק צוגעדרוקט צו דעם ברוסט דער בריוו. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דערדאָזיקער בריוו בינדט אים נאָך ווי עס איז, צוזאַמען מיטן לעבן, מיט דעם, וואָס וועט געשען מאָרגן, איבערמאָרגן און שטענדיק — ווען ער אַליין וועט שוין אין ערגעץ נישט זיין. — מיט דער פרוי, מיט די קינדער. מיט דעם, מיט וועלכן ער האָט אָפּגעלעבט זיין גאַנץ לאַנג לעבן און פון וועלכן ס'האָט אים איצט אָפּגעטיילט אַ קאַלטער טויטער שטריק. ביי אים איז שוין גאָרנישט געבליבן, אַ חוץ דעמדאָזיקן בריוו, און אים האָט זיך געוואָלט אויסגיסן אויפן דאָזיקן שטיקל פּאַפּיר זיין גאַנץ רעשט לעבן, -- יענע שרעקלעכע בענקשאַפט און יסורים, וועלכע זענען די איינציקע, וואָס דערמאָנען אים, אַז דאָס לעבן האָט זיך נאָך נישט געענדיקט. ער האָט שטאַרק צוגעדריקט דעם בריוו צו דער ברוסט און זיך באַגאָסן מיט ביטערע טרערן, וועלכע קיינער האָט נישט געזען און נישט געהערט.

און די פיס האָבן אים געגאָגט, דער קאָפּ האָט זיך שטיל געדרייט און אַ ווייסלעכער נעפּל האָט זיך אויפגעהויבן פון דער פּאָדלאָגע און אַרומגערינגלט זיין קאָפּ. און אַזוי, צודריקנדיק

צו זיין ברוסט דאָס שטיקל פּאַפּיר, אויף וועלכן ער האָט אָנגעשריבן זיין בריוו צו דער פרוי איז אַניסימאָוו מיט אַ פּנים, וואָס איז נאַס געווען פון טרערן, איינגעשלאָפן.

דער בלאַסער טאָג איז פאַרזיכטיק און פאַרשנדיק אַריינגעקומען אין צימער און געקוקט אויף אַניסימאָווס בלאַס פּנים, וועלכעס איז און איין טאָג אויסגעדאַרט געוואָרן ביזן ביין, און אויף וועלכן ס'זענען פאַרגליווערט געוואָרן טרערן און אַן אויסדרוק פון צער.

V

מ'האָט אים דערשאָסן אַכט און דער פרי.

די לעצטע זעונגען פון זיין חלום האָבן זיך אין אַ רגעדיקער שנעלקייט צונויפגעגאָסן מיט דערווירקלעכקייט: אים האָט זיך געחלומט, אַז ער קריכט איבער אַ שרעקלעך שמאָלן ערדישן קאָרידאָר, קריכט אויפן בויך, קוים מיט מי, און וואָס ווייטער, ווערט דער קאָרידאָר אַלץ שמעלער און צו קריכן ווערט אַלץ שווערער און שווערער. נאָר ער קריכט פונדעסטוועגן ווייטער און ווייסט, אַז נישט קריכן, טאָר מען נישט. פון הינטן שיט זיך אָפּ די ערד אויף יעדן שריט און ער פילט אַז ווייטער איז אַ טויבע וואַנט. ער קריכט, און אַ געפיל פון עפּעס אומבאַקאַנטן, זיך אָנריקנדיקן אומפאַרמיידלעכן שרעק דריקט אים אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער די ברוסט. אים איז שוין שווער צו אָטעמען. ער וויל כאָטש אַ געשריי טאָן, כדי כאָטש מיט אַ געשריי צו צעשטרייען דעמדאָזיקן אומדערטרעגלעכן שרעק, און פּלוצלינג דערזעט ער פאר זיך אויף אַ מרחק פון אפשר אַ סאַזשען, אַ פלאַטשיק צוגעדריקטן גראָען קאָפּ מיט אומבאַוועגלעך שמאָלע גרינלעכע אויגן, און נאָכן דאָזיקן קאָפּ אַ לאַנגן גליטשיקן קערפּער אויף וועלכן עס גלאַנצט אַ שוואַך אונטער-ערדיש ליכט.

— דאָס איז אַ רוישיקער שלאַנג! — שרייט אים עמיץ און די אויערן אַריין מיט אַ אומגעהייער שרעקלעכער שטים אין ער פילט, ווי די האָר רירן זיך שטיל אויף זיין קאָפּ. ער רוקט זיך אָפּ קראַמהאַפּט צוריק. נאָר פון הינטן איז שוין — אַ

ווייכע נישט דורכדינגעגדיקע הענט. ער שלאָגט זיך, אין שרעק, אָן דערדאָזיקער וואַנט, קאָפּעט זי מיט די פיס, דראַפּעט, קלאַפּט זי. נאָר זי, די ווייכע וואַנט. איז ווילנלאָז און ס'איז איר נישט בייצוקומען. ער באַמיט זיך אין איר איינצוגראָבן, נישט זען, פאַרמאַכט די אויגן, נאָר אָט הערט ער שוין אַ לייכטן סודותפולן פייף און זעט, זעט דייטלעך דורך די פאַרמאַכטע אויגן-לעפּעלעך, אַז יענער צוגעדריקטער קאָפּ מיט די גרינלעכע אייגעלעך ליגט שוין נישט, נאָר ער קריכט פּאַוואָלע, פּאַוואָלע, צו אים איבער דער ערד, און נאָכן קאָפּ שטראָמט עקלהאַפט אַ לאַנגער, גליטשיקער, גראָער קערפּער, אין דער שרעקלעכער לעצטער פאַרצווייפלונג צפּנט ער די אויגן...

פאַר אים איז געשטאַנען אַ הויכער, דאַרער אָפיציר אין אַ גראָען מאַנטל, אין קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן אַריין מיט זיינע קאַלטע שוואַרצאַפּל, האָט ער געזאָגט:

— נו, שטייט אויף, הער אַני...סימאָוו, ביטע!

אַניסימאָוו האָט זיך שנעל אויפגעהויבן אויפן עלנבויגן און אָנגעשטעלט זיינע שאַרפע אויגן אויפן אָפיצירס פּנים. דער־נאָך האָט ער מיטאַמאָל אָנגעהויבן לויפן אַהין אַהער, ווי נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן, און מיט אַ ערנסטן און מיושבדיקן אויסזען זיך אויפהויבן פון אָרט.

— איז שוין דען צייט? — האָט ער איילִיק געפרעגט.

דער אָפיציר האָט אַ קרומען שמייכל געטאָן.

— י— יאָ.

אַניסימאָוו האָט פון צעמישטקייט. נאָך מער אָנגעהויבן זיך צו פאָרן, ווי נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן, און אָנגעהויבן זוכן זיין היטל. אויף דער קאַנאַפּע איז דאָס היטל נישט געלעגן, אויפן טיש — אויך נישט געווען. אַניסימאָוו האָט אָן אַ טאָלק געזוכט און געשאַרט אַרום און אַרום און אים איז געווען משונהדיק און שרעקלעך נישט אָנגענעם, וואָס ער פאַרהאַלט דעם אָפיציר. די הענט האָבן ביי אים געציטערט, די אויגן אַרום געלאָפן אַהין און אַהער.

—נו, שוין? — האָט דער אָפיציר ברוגז אַ פרעג געטאָן.

— באַלד... דאָ איז דאָס היטל...

— וואָס דאַרפֿט איר דאָס היטל, מ'קאָן אָן אַ היטל! — האָט אומגעדולדיק דער אָפֿיציר זיך אָפּגערופֿן.

אַניסמאַוו האָט אים ווידער שנעל אַ קוק געטאָן און די אויגן אַריין און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— איבעריקנס, — אַלץ איינס... — האָט ער איילִיק, ווי פֿאַר זיך אויסגערעדט.

ס'איז אַנטשטאַנען אַ קורץ שווייגן און פּלוצלינג האָבן ביים אָפֿיציר אָנגעהויבן צו ציטערן די ליפּן.

אַניסימאַוו האָט שטיל אַ פֿיר־אום געטאָן די אויגן און זיך באַגעגנט מיט אַ משונהדיקן, צעשטרייטן ווי גאַרנישט באַגרייפֿנדיקן, בליק. נאָר דעם אָפֿיצירס פּנים האָט זיך ווידער מיטאַמאָל געענדערט.

— נו, שוין!... — האָט ער קורץ און שרעקלעך גראָב אויסגעשריען, אַ שטאַרקן צוק טוענדיק דעם קאָפּ אין דער זייט פֿון דער טיר.

אַניסימאַוו האָט אַ ציטער געטאָן, האָט זיך קראַמפּהאַפט פֿאַרקרומט און, קוקנדיק אויפֿן אָפֿיציר, געמאַכט עטלעכע שריט פֿאָרויס.

ווען מ'האָט אים אַרויסגעפֿירט אויף דער פּלאַטפֿאָרמע און אַ קופּקע אָפֿיצירן און סאָלדאַטן האָבן אויסגעשטעלט זייערע אויגן אויף אים, האָט אַניסימאַוו נאָך אַ מאָל אַ ציטער געטאָן און האָט זיך קרענקלעך־משונהדיק פֿאַררונצלט. ער האָט געהאַט אַ קראַנקן און אויסגעמאַטערטן אויסזען, דאָס פּנים איז ביי אים געווען גראָ, די אויגן איינגעפֿאַלן און די האָר האָבן געשטאַרטשעט אין אַלע זייטן.

דער זעלבער אָפֿיציר, וואָס האָט אים אויפֿגעוועקט, האָט עפּעס געזאָגט און פֿון די רייען פֿון די זעלנער זענען אַרויסגעגאַנגען צוועלף מענטשן און זיך געשטעלט הינטער אַניסימאַוון. דאַן האָט אַניסימאַוו צעמישט, אַ שמייכל געטאָן, אַ פֿיר געטאָן מיט די אויגן און געזאָגט הייזעריק און נישט דייטלעך:

— הער אָפֿיציר.

דער אָפיציר האָט זיך פאַמעלעך אומגעקערט:

וואָס איז?

— כ'ווייס נישט... — האָט אַניסימאָוו קוים מיט מי אַנגעהויבן צו ריידן, שמייכלענדיק אַלץ אַזוי יסורימדיק און ווי שעמענדיק זיך — אפשר, קאָן מען דאָך... אַ בריוו...

איינער פון די אָפיצירן, וואָס זענען געשטאַנען אין דער רייע, אַ דיקער און אַ שוואַרצוואָנסעדיקער האָט רונצלענדיק זיך, געענטפערט:

— איצט איז שוין... ווי קאָן מען דען איצט?...

— כ'האָב שוין אָנגעשריבן...

— אַ... נו. איז וואָס-זשע ווילט איר?

— צו קאָן מען אפשר איבערשיקן... לויטן אַדרעס?...

— איבערשיקן?... יאָ איוואַנאָוו, נעם... — האָט ברוגז און קורץ געענטפערט דער דיקער אָפיציר און זיין קורצער האַלדז האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט.

פון די רייען איז אַרויסגעגאַנגען אַ געשטופלטער ווייסוואָנסיקער יעפרייטאָר.

אַניסימאָוו האָט אַריינגערוקט זיין האַנט אין בוזעם און אַרויסגענומען פון דאָרט דעם בריוו. דער בריוו איז געווען אַ שמוציקער און צעקנייטשטער.

— זייט אַזוי גוט דאָס באַזאָרגן... — האָט ער אין דער שטיל אַ בעט געטאָן.

און ווען מ'האָט אים אַוועקגעפירט, האָט ער לאַנג און טרויעריק געקוקט אויפן דאָזיקן שטיקל ווייס פאַפיר, וועלכעס דער יעפרייטער איוואַנאָוו האָט זאָרגזאַם פאַררוקט און פאַרקנייטשטן בוזעם פון זיין גראָען מאַנטל-אַרבל.

מ'האָט אַניסימאָוון אַוועקגעפירט אויפן קליינעם צמענטאַזש, וואָס איז געלעגן אויף אַ האַלב ווייאָרסט פון דער סטאַציע. דאָרט איז געווען פוסט און שטיל; ס'האָבן זיך געוויילט בערגלעך פון קברים און זיך געשוואַרצט איינגעקרומטע צלמים.

דינע און טרויעריקע, זענען געשטאַנען אומבאַוועגלעכע בוזשאָטקעס מיט דינע בלימעדיקע צווייגלעך.

זיי זענען געגאַנגען נישט לאַנג. אַניסימאָוו איז געגאַנגען צווישן זעלנער אַליין. געגאַנגען איז ער אַזוי הכנעהדיק, פּונקט ווי עמיץ, אַ שטאַרקערער פון אים, האָט אים פעסט געהאַלטן פאַרן עלנבויגן און געפירט, און ער האָט נישט געהאַט קיין כח, נישט נאָר זיך ווידערצושטעלן, נאָר אַפילו צו טראַכטן וועגן דעם, וווהין ער גייט.

ער האָט שוין געהאַט נישט קיין ווילן, נישט קיין דייטלעכן געזונטן פאַרשטאַנד. ער האָט געקוקט אַרום זיך מיט שאַרפע אויגן, אויגן, וואָס האָבן איצט אַלץ געזען, געזען יעדע קלייניקייט און אויף דעם זיך אָפּגעשטעלט. אין זיין קאָפּ האָט משונהדיק אַ שימער געטאָן אַ געדאַנק, אַז דאָס אַלץ איז נישט שרעקלעך, אַז ווען מ׳האָט נאָר איבער זיך דעם ווילן און באַוווסטזיין פון יעדן קלענסטן טייל פון דער רגע — וועט שוין דאָס נישט זיין נישט שרעקלעך, נישט שמערצלעך און אַלץ וועט זיך ענדיקן פּראָסט און לייכט.

— מ׳וועט אויסשיסן און דערהרגענען... מער גאָרנישט, וואָס־זשע איז און דעם אַזאַ שרעקלעכס? אַלץ איז גאַנץ פּשוט און געוויינטלעך — האָט ער זיך געטראַכט.

נאָר שמערצלעך איז געווען טאַקע דאָס, וואָס אים איז בשום־אופן נישט געלונגען אַלץ צו זען און צו באַגרייפן.

יעדער קלייניקייט: דער רויטלעכער שטיוול פונעם זעלנער, וואָס איז געגאַנגען פאָרויס. די בלויקייט אויפן הימלישן האָריזאָנט, דער פונקט, וואָס האָט זיך געוויסלט ווייט אין ווייטן פעלד, די שפּרינגען, וואָס זענען זיך צונויפגעפלויגן פון ווייט און באַשאָטן דעם שוואַרצן קזשאַק, וואָס האָט זיך אונטער זייער שווערקייט אָנגעהויבן שאָקלען, ווייטער שוין, דאָס סקושיפּן פונעם שניי אונטער די פיס, — אַלץ האָט שטאַרק געשניטן די אויגן, אָבער אין אַלגעמיינעם האָט אַניסימאָוו פון דעם אַלעם גאָרנישט אַרויסבאַקומען, — און אין מח איז געווען אַ פוסטקייט, פּונקט ווי ס׳איז שוין פאַרלאָרן געגאַנגען די אַלגעמיינע הויפּט־פאַרבינדונג, וואָס אָן איר איז דאָס איבעריקע אַלץ געווען נישט וויכטיק, אויז נישטיק און טויט...

אַניסימאָוו האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אָנגעהויבן קוקן אונטער די פּיס, אויף די שפּורן פונם אָפיצירס קאַלאָשן, און האָט געקוקט אַזוי אויפמערקזאַם, פּונקט ווי פון דעם וואָלט געווענדט געווען אַלץ... ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ ערשט דאַן, ווען מ׳האָט אים איבערגעלאָזט אַליין.

ס׳איז געווען פּוסט און קאַלט.

און די רייע גראָע זעלנער, דער אָפיציר און די ביקסן, וואָס זענען אויסגעשטעלט גלייך אויף אים, האָבן גאָרנישט צוגעגעבן צו דערדאָזיקער פּוסטקייט און קעלט.

אַניסימאָוו האָט געקוקט אויף די זעלנער, זיי אַלע האָבן פון די אויסגעצויגענע לופעס געקוקט אויף אים און ער האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן צו זען בלויז דידאָזיקע רייע פּילפּאַרביקע, דערשראָקענע און נישט פאַרשטענדלעכע אויגן. אַלץ, חוץ דערדאָזיקער רייע, איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, און אין דערדאָזיקער קירצער רגע, צווישן דער קאָמאַנדע צו געבן אַ סאַלוו און דער סאַלוו גופא, האָט אַניסימאָוו אַ טראַכט געטאָן מיט אַ רגעדיקער דייטלעכקייט און קלאָרקייט:

— זיי דאַרפן מיך נישט דערהרגענען און איך דאַרף נישט שטאַרבן... אַלעמען איז שרעקלעך, וואָס מ׳וועט מיך באַלד דערהרגענען, אָבער מ׳וועט מיך פונדעסטוועגן... דאָס איז דערפאַר, וואָס איך באַזיץ נישט אַזאַ וואָרט, מיט וועלכן איך וואָלט זיי געקאָנט דערוויזן דעם גאַנצן שרעק און צער דערפון...

טויזנטער פייערדיקע ווערטער האָבן, ווי מיט בליצן, צעאַקערט זיין מוח; אין אַ אויסערגעוויינטלעכן באַמיען זיך עפּעס צו זאָגן, האָט אַניסימאָוו זיך אַ רוק געטאָן פאָרויס און געעפנט דאָס מויל.

ער האָט נאָך געזען אַ רגעדיק בלאַס פייער, האָט אָבער נישט געהערט דעם סאַלוו, — ער האָט נאָר דערפילט, ווי ער האָט אַ וואָרף געטאָן פאַרנט די הענט און זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פנים אָן דעם האַרטן שניי; ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז שוין נאָך אַלעמען און ס׳איז פאָרגעקומען אַזעלכעס, וואָס איז לגמרי בשום-אופן, נישט מעגלעך צו פאַרריכטן.

דאָס קנאַקן פון די ביקסן-שאָסן איז מיט אַ לויפּעדיקן שראַט

דורגעפלויגן ווייט און פעלד. ס'האָבן אַ ציטער געטאָן די דינינקע בזשאָזקעס, און אַ גאַפּע וואָס איז געזעסן אויף אַ ווייטן צלם, האָט, צעשוויבערנדיק אירע שוואַרצע פליגל, אַ פלי געטאָן און דער הייך און, פונקט ווי זי וואָלט אַראָפּגעפאַלן, איז זי נידעריק איבערן שניי אַוועקגעפלויגן פון די מענטשן.

אַראָפּלאָזנדיק די ביקסן און עפנענדיק די בלאָ-געוואָרענע ליפּעס, האָבן די זעלנער זינלאָז געקוקט אויפן מת און ס'איז געווען שטיל ביז ס'האָט נישט אויפגעהערט די לייכטע קאָנוווּלסיע אין שפּיץ פון ליבקן שטיוול.

דאָס בלוט האָט זיך גיך איינגעזאַפּט אין ווייסן שניי און איז זיך אויף איילַיק פאַנאַנדערגעשווומען אין אַ פאָרמלאָזן ראָזיקן פלעק.

אויספּאַטשקענדיק זיך אינם דאָזיקן בלוט האָבן די זעלנער אָפּגעשלעפּט אַניס'מאָוס טויטן גוף צו דער קאַנאַווע און דאָרט אים באַגראָבן.

דעם בלוטיקן פלעק האָט מען פאַרשאָטן מיט שניי, נאָר דאָס בלוט האָט זיך ווידער דורכגעשלאָגן איבער די אייבערשטע שניי-שיכטן. דער לאַנגער ווינטער האָט דעם בלוטיקן פלעק באַדעקט מיט שנייען, פרילינגצייט זענען זיי אָבער צעשמאָלצן געוואָרן און דער ברוין געוואָרענער פלעק האָט זיך ווידער באַוויזן אויף נישט לאַנג, כדי צוזאַמען מיטן שניי, אונטער די לוסטיקע שטראַלן פון דער העלער זון, צעשמאָלצן צו ווערן און אַריינצוקלייבן זיך אין דער לעבעדיקער ווייכער ערד אַריין.

איין טאג

(א פראגמענט פון א ראמאן)

...ס׳קאָן זיין אַז אין דערדאָזיקער נאַכט האָט זיך אַרסעניעוון געחלומט אַ העלער זוניקער פרימאָרגן, שמעלצנדיקע דורכזיכטיקע שאָטנס און טראָפּנס טוי, וואָס ציטערן פון זיין קריסטאַלענעם גליק. אים פלעגן זיך שטענדיק חלומען אַזעלכע חלומות, ווייל ער האָט געהאַט אַ ליכטיקע סובטעלע נשמה, וואָס איז שטענדיק געווען איבערפולט מיט שיינע טרוימען און געשטאַלטן פונקט ווי מיט אַ שטילער גראַציעזער מוזיק.

אויפגעוועקט האָט אים די שוועסטער, און אַרסעניעוו, נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעצוכעט פון שלאָף, נישט אויסטיילנדיק נאָך דער שוועסטערס צאַרטן פּנים מיט די גרויסע טונקעלע אויגן פון יענע טרוימערישע און איליזאָרישע געשטאַלטן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט אין שלאָף, — האָט ליבלעך און פריידיק צו איר אַ שמייכל געטאָן. די שוועסטער איז אָבער באַלד אַרויסגעגאַנגען פון צימער און שוין פון יענער זייט טיר האָט זי מיט אַ מאָדנער וואָרנדיקער שטים געזאָגט;

— ווייסט, ס׳ווייזט אויס, אַז היינט וועט טאַקע באמת עפּעס זיין... דער עולם גייט און גייט... שטיי אויף, טו אַ קוק.

עפּעס אומאַנגענעם אומעטיקס און שמערצלעכס האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן אין אַרסעניעווס ברוסט. דער אומגעהייער גרויסער קאָשמאַרישער ענין, וועלכער האָט שוין פון לאַנג אָן אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און געמאַטערט מיט זיין אומגעלומפּערטן טראַגיזם און גראָבער קראַפט, איז אים מיטאַמאָל געקומען

אין קאָפּ אַריין און ער האָט זיך איצט וועגן דעם דערמאָנט. דערדאָזיקער ענין האָט זיך מיטאַמאָל אים אַנידערגעשטעלט אין זיין גאַנצער שרעקלעכער גרויסטקייט, וואָס איז אוממעגלעך געווען אַרומצונעמען.

אין זיין נשמה איז נישט געווען קיין אפּקלאַנג. נאָר אַ צערייצטער מיטלייד, און אים האָט זיך שרעקלעך געוואָלט, ווידער זיך לייגן, איינדעקן איבערן קאָפּ, זיך פאַרטיפן אין זיינע חלומות און טרוימען, זיך אָפּזינדערן מיט אַ אומדורכדרינגלעכער וואַנט פון דעם אַלעם, וואָס איז אַזוי גראָב, הויך, חוצפּהדיק, איבעריק און אַזוי ווילד פרעמד זיין איינזאַמער נשמה.

די שוועסטערס שטים האָט אָבער ווידער זיך דערהערט פון יענער זייט טיר:

— ס'איז ממש אַ שרעק!

און אַרסעניעווס האַרץ, פּונקט ווי אָפּגעריסן, האָט שמערצלעך און הויך אָנגעהויבן קלאַפּן פון עפּעס אַ אומפאַרשטענדלעכער מהומה.

ער האָט גאָרנישט געענטפערט און איז אויפגעשטאַנען.

דער טאָג איז געווען אַ ווייסער און אין פענצטער אַריין האָט געקוקט אַ ווייסער קאַלטער הימל. ס'האָט זיך געדאַכט. אַז דער הימל האָט אָנגעפילט דאָס גאַנצע צימער: אַזוי איז דאָ אַלץ געווען ווייס און קאַלט. אַרסעניעוו איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָט אַ קוק געטאָן אונטן, אַראָפּ אויף דער גאַס.

תּחילת איז דאָרט געווען פּוסט. אַנטקעגן איבער זענען געשטאַנען הויכע הייזער מיט שוואַרצע בלינדע פענצטער, און דער הייך איז געלעגן אויסגעשפּרייט דער ווייסער טריבער הימל און אין דערנידער איז געלעגן דער, ביז אויסטערלישקייט, אויסגעראָלטער, גלייכער ווייסער וועג.

אויף דערדאָזיקער גאַס איז בכלל שטענדיק געווען אַ שוואַכע באַוועגונג, נאָר די פּוסטקייט אויף דער גאַס האָט זיך איצט אַרסעניעוון אויסגעוויזן צו זיין עפּעס אַ באַזונדערע און שרעקלעכע.

נאָר אין אַ רגע אַרום האָט זיך פון ווינקל אַרויסגערוקט אַן איינזאַמע שוואַרצע מענטשלעכע פיגור, וועלכע האָט, ווען מ'האָט

אויף איר געקוקט, פון אויבן, אויסגעזען, ווי זי וואָלט געווען צוגעדריקט צו דער ערד.

— דאָס איז, הפנים, געווען אַן אַרבעטער. ער איז גע־גאַנגען נישט מיט קיין איילקן טריט, טיף אַריינרוקנדיק די הענט אין די טאַשן און אויפשטעלנדיק דעם קראַגן. און אַרסעניעווס קאָפּ איז עפּעס אַנטשטאַנען א זיכערקייט, אַז דערדאָזיקער מענטש גייט נעמלעך „אהין", און אים איז אויסגעקומען אויסטערליש, וואָס ער גייט אַזוי, פּונקט ווי ער איז געגאַנגען נעכטן און שטענדיק אויף דער אַרבעט — קיין מינדסטע ענדערונג אין זיין אַרט גיין. ער איז געגאַנגען, נישט שרייענדיק, נישט רייסנ־דיק זיך און נישט אומקוקנדיק זיך אַרום און אַרום.

דערנאָך האָבן זיך פון ווינקל אַרויסגערוקט נאָך און נאָך אַזעלכע שוואַרצע פיגורן. זיי זענען געגאַנגען אַלץ געדיכטער און געדיכטער, און פּלוצלינג, ווי דורכרייסנדיק זיך דורך עפּעס אַ מניעה האָבן זיי גיך — מיט זיך פאַרגאָסן די גאַנצע ווייסע גלייכע גאַס, מיט שוואַרצע פלעקן, פון וועלכע ס׳האָט נעפּלימערט אין די אויגן און וועלכע זענען פאַמעלעך און נישט אָפּנייגנדיק זיך געשוואומען און האָבן זיך געטראָגן און איין ריכטונג.

און דאָס איז שוין טאַקע באמת געווען אויסערגעוויינטלעך און שרעקלעך.

אַרסעניעוו האָט זיך אָפּגערוקט פון פענצטער.

אין אַ שוואַרץ זשאַקעטל און אין אַ גראָ היטעלע אויף די געקרייזלטע האָר, איז אַריינגעקומען זיין שוועסטער.

איר פּנים איז געווען קוים קוים ראָזיק און די אויגן — נאָך טונקעלער און טיפער ווי שטענדיק.

— כ׳וועל גיין... — האָט זי געזאָגט, נישט קוקנדיק אויפן ברודער.

וווהין? — האָט פאַרחידושט אַרסעניעוו געפרעגט.

— אַזוי... כ׳וועל זיך דורכגיין איבער גאַסן כ׳וועל אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך דאָרט... כ׳קאָן נישט זיצן אַזוי...

— ווי דו ווילסט, — האָט אַרסעניעוו צעמישט זיך אָפּגע־רופן, שוואַך צוקנדיק מיט די פּלייצעס.

ער האָט זיך דערמאָנט — און דאָס איז אים געווען אומאָנגענעם — אָן יענע אומענדלעכע דיסקוסיעס, ווען ער פלעגט איר בחנם דערווייזן, אַז נישט מיט קיין גראָבער קראַפט, נישט מיט קיין שום מוסטערהאַפטער פאָלקס־ווירטשאַפט, נישט מיט געוואַלטטאַט און בלוט קאָן מען מאַכן גליקלעך די מענטשן. בלויז דידאָ־זיקע וכּוחים האָבן טריב און קאַלי געמאַכט דאָס צאַרטע געפיל פון שוועסטער און ברודער און זיי ביידע האָט זיך איצט נישט געוואָלט קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן, כּדי נישט צו זען דאָרט אַ שטומען פּראָטעסט, וואָס וויל נישט נאָכגעבן און שלום מאַכן.

פּאַשע איז אַוועקגעגאַנגען. ס׳איז אַריבער אַ שעה און דער ווינונג איז געווען פּוסט און אַרסעניעוו טריט האָבן הילכיק אָפּגעקלאַפּט אין די פּוסטע שטובן און אין עס־צימער האָט דער וואַנט־זייגער סודותפול און שרענג נאָטירט די צייט, וואָס האָט זיך איצט אַזוי באַזונדער און לאַנג געצויגן.

אַרסעניעוו האָט געטרונקן טיי, האָט געפּרוווט שרייבן, נאָר אַ שווער זייגעדיק געפיל האָט די גאַנצע צייט אים גענאָגט אין ברוסט, אים געמאַטערט און געצויגן צו די פענצטער. און יעדעס מאָל ווען אַרסעניעוו איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, האָט ער געזען אונטן דאָס זעלבע. וואָס פריער: אַ באַוועגונג, וואָס האָט ממש געמאַטערט דורך איר מאָנאָטאָנער אָנגעשטרענגטקייט. מענטשן זענען געגאַנגען איבער די גאַסן, דאָ גרופּנווייז און דאָ איינציקווייז. די גרופּעס האָבן געבילדעט, שוואַרצע פלעקן. דאָ האָבן זיך די מענטשן־גרופּעס דורכגעריסן דורך דער גאַנצער ברייט פון דער ווייסער גאַס, דערמאָנענדיק מיט זייער אומרויקן שוואַרצן שאָטן אַ מחנה קראָען אויפן ווייסן הימל. מענטשן זענען געגאַנגען און געגאַנגען נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף זייער וועג.

אַ ווייסע קעלט האָט זיך געגאָסן אין די פענצטער און די פאַרבן, וועלכע דער קעלט האָט דורכגענומען. האָבן זיך אויפן לייוונט געלייגט קאַלט, דורכזיכטיק און טויט.

אַרסעניעוו האָט מיט אומעט אַ וואָרף געטאָן די פּענזלען,

איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און זיך לייכט אָנגעשפּאַרט מיטן שטערן אָן דער שויב, וואָס איז געווען קאַלט, ווי אייז.

— מ'האַלט אַלץ אין איין גיין... — האָט ער זיך געטראַכט — וווהין גייען זיי?... אויפן טויט, אויף געוואַלטטאַט, אויף אַ גרויזאַמען משפּט!... לאָמיר אָננעמען, אַז זיי זענען גערעכט וואָס שייך דעם, וואָס זיי זענען אומגליקלעך און אַז זיי ווילט זיך עסן, אָבער צי פון דעם איז טאַקע געדרונגען, אַז דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן, אַז אַלע יענע אָנגעשטרענגטע באַמיוּנגען פון מענטשלעכן געדאַנק וועלכע האָבן דורות לאַנג געפירט די מענטשהייט אין דער הייך, צום פּראָגרעס, זענען געווען נאָר צוליב דעם, אַז איצט זאָלן אַלע דערגרייכונגען, אַז איצט זאָל אַלץ אָפּגעוואָרפן ווערן אָן אַ זייט צוליב אַ שטיקל ברויט אָדער אַן איבעריק שייטל האָלץ. און דער פויסט זאָל ווידער זיך באַווייזן אין פּראָנט, אַלס איינציקער מקלט און קראַפט... זאָלן זיי זיגן, צי ליגט דען אָבער אין דעם דער נצחון? צי וועט דען די מענטשלעכע נשמה פון דעם ווערן ריינער און ווייכער?...

אין דערדאָזיקער רגע איז אויף דער גאַס געווען פויסט און אין דערדאָזיקער פויסטקייט איז מיט אומגעריכטע האַסטיקייט שנעל דורכגעלאָפן אַ איינזאַמע פייניקע און וואַקלדיקע פיגור פון אַ פרוי.

ווו איז שאַשקע? האָט אַרסעניעוו זיך פּלוצלינג דערמאָנט און אַ פחד האָט מיטאַמאָל אַ ציטער געטאָן אין זיין האַרצן.

ער איז אַוועק אין קיך אַריין. דאָרט האָט זיך געפּאָרעט און געקלונגען מיטן געשיר די קעכין.

— ווייסט ניט, וואָס הערט זיך אויף דער גאַס? — האָט אַרסעניעוו זיך געפרעגט.

די קעכין האָט, אַרייִנגיסנדיק ברודיק וואַסער אין זליוו, געענטפערט:

— מ'זאָגט, אַז די אַרבעטער זענען אַוועק חרוב מאַכן דעם פּאַלאַץ... אומעטום זעט מען אַ גרויסן עולם!... מ'זאָגט, אַז אויפן בעוווסקי וועלן שיסן... סאָלדאַטן.

אַרסעניעוו האָט אויף איר אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן און איז אויטאָמאַטיש אַוועק צו זיך אין צימער אַריין.

— ס'וועט גאָרנישט זיין... — האָט ער באַרויִקנדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

נאָר פון דער רגע אָן האָט ער שוין נישט געקאָנט בלייבן אין דער היים, אין די טעמפּ־באַגרענעצטע, פּוסטע צימערן, וווּ נעכטן נאָך האָט אים געוואַרעמט די וואַרעמקייט פון אַ איינזאַמען, פריידיקן געדאַנק, און וווּ אַצינד איז געווען טויט־פּוסט, וווּ ס'האָט זיך איצט געגאָסן אין די פענצטער אַ ווייסער קאַלטער שיין און די ווידערהאַלנדיקע פּוסטקייט האָט געבוירן דייטלעך שרעקעדיקע קלאַנגען.

אַרסעניעוו האָט זיך אָנגעטאָן און איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס אַרויס.

— צוואָס האָב איך זי געלאָזט... כ'וואָלט געדאַרפט זי אָפּריידן, נישט לאָזן גיין — האָט ער, מאַכנדיק אַ קרומע העויה, זיך געטראַכט און זיך פאַרגעוואָרפן.

סאַשעס סימפּאַטיש און צאַרט געזיכט מיט גרויסע טונקעלע אויגן איז בלאַס געוואָרן און האָט זיך צעשמאָלצן אין דער אומענדלעכער און פאַרפלאָנטערטער גרויסקייט פון דער שטאָט, און אַרסעניעוו האָט געוווּסט, אַז ער וועט סאַשען נישט געפונען. נאָר אים האָט זיך פונדעסטוועגן געדאַכט, אַז ס'וועט זיין לייכטער און רויִקער ווען ער וועט זיין אויף די זעלבע גאַסן און וועט זיך געפונען אין דער זעלבער סכנה, צווישן וועלכע די שוועסטער זיינע איז נעלם געוואָרן.

ווען ער איז אַרויס אויף דער גאַס, האָט ער נישט געהאַט קיין באַשטימטן ציל, נאָר באַלד ווי ס'האָבן אים אַרומגעכאַפּט די ווייסע קעלט און דער ווייסער שיין פון דער גאַס, האָט דאָס האַרץ אים אָנגעהויבן צו קלאַפּן האַסטיק און שמערצלעך און דער גוף האָט אָנגעהויבן ציטערן מיט אַ קליינעם שמערצלעך צעשטרייענדיקן ציטער. ס'האָט זיך געוואָלט נישט ציטערן ס'האָט זיך אים געוואָלט באַרויִקן, זיך צוריקקערן צו דער שטילקייט און איינזאַמקייט, די פיס אָבער האָבן זיך שוין מעכאַניש געטראָגן פאָרויס און אים גע-

טראָגן אַלץ ווייטער און ווייטער. אַרסעניעוו האָט נישט געגלייבט, אַז ער וועט גיין „אַהין", נאָר לויט דער בענקשאַפט און אומעט, וועלכע האָבן אים געקלעמט דאָס האַרץ, האָט ער שוין געוווּסט, אַז ער וועט זען אַלץ.

איצט זענען שוין אי פאַר אים, אי פון הינטן, אי אַרום און אַרום, געווען די מענטשן, וועלכע ער האָט געזען דורכן פענצטער פון אויבן.

זיי זענען געגאַנגען, און אַרסעניעוו האָט מיט אַ שווייגע־דיקע נייגעריקייט זיך אין זיי איינגעקוקט און געזוכט אין זיי עפּעס באַזונדערס.

און אויף אַלע פּנימער איז טאַקע געלעגן עפּעס אַ אַלגעמיי־נער חותם, וועלכער האָט אַרסעניעוון אָן עפּעס דערמאָנט.

דאַכט זיך ערשט נעכטן נאָך זענען נישט געווען קיין צוויי מענטשן, ענלעך איינער צום אַנדערן אין דעם אומענדלעכן ווערקס־לען זיך פון זייער אויסדרוק, און אַצינד זענען אַלע פּנימער גע־וואָרן ווי איין פּנים — „אַלע יונים האָבן באַקומען איין פּנים" אַ מאָדנע אַלגעמיין מענטשלעך פּנים. נישט קיין דייטלעך, סודות־פול און זייער גרויס פּנים מיט ברייט געעפנטע, אויפגערעגטע און פרע־גנדיקע אויגן, אין דער טיפקייט פון דידאָזיקע אויגן פון דער טיפקייט פון זייערע שוואַרצע רונדע שוואַרצאַפּל האָט געקוקט אַ פאַרבאָרגענער פּחד.

פאַרקערעווונדיק אין ווינקל פון אַ גאַס, האָט אַרסעניעוו זיך פּלוצלינג דערמאָנט אָן וואָס עס האָט אים דערמנאַט, יענץ אַלגע־מיין געזיכט: פּונקט אַזאַ פאַרטיפטן און איינגעפרעגטן אויסדרוק האָט געהאַט סאַשאַ, ווען זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט גיין „אַהין", און ווען ס'איז געווען באַשיינפּערלעך צו זען, אַז זי ווייסט נאָך אַליין נישט, צוואָס זי וועט גיין, נאָר אַז נישט גיין, קאָן זי נישט.

אַרסעניעוו האָט אַ ציטער געטאָן און זיך אָנגעהויבן איילן: נישט קלאָרע און אויסטערלישע עמפינדונגען האָבן אָנגעפילט זיין נשמה.

אוז מענטשן האָבן זיך בינו־לבינו צוזאַמגעוואָמלט אַלץ

מער און מער. אין זייער באַוועגנדיקער שוואַרצער מאַסע זענען אַלץ זעלטענער געוואָרן די קאַלטע ווייסע צווישן שטחים. פון אַלע גאַסן און געסלעך, וועלכע אַרסעניעוו איז דורכגעגאַנגען, זענען געגאַנגען מענטשן. דאָס שטאַמפן פון די עקשנותדיקע אַלגעמיינע טריט איז געוואָרן אַלץ מאַסיווער און שווערער.

דאָס איז שוין געווען אַ גאַנצער המון.

און ווען אַרסעניעוו האָט נאָך אַ מאָל פאַרקערוועט צום ווינקל גאַס, האָט ער זיך מיטאַמאָל, ווי אין אַ טיפן וואַסער איינגעטונקען אין אַ געדיכטער באַוועגלעכער מאַסע. איין רגע האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַלץ באַוועגט זיך: ווי דער הימל, און די הייזער, די טעלעגראַפן-סלופּעס דיביימער און די מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו שווימען אין דער לענג פון גאַס. דער ווייסער וועג איז פאַרשוווּנדן געוואָרן און זיך צעשמאָלצן אין דער שוואַרצער מאַסע, וואָס איז געקראָכן אויף די ווענט פון די הייזער פונקט ווי די לעקעדיקע כוואַליעס פון עפּעס אַ שוואַרצן קאַנאַל.

— טאַטעלע מיינער! סאַרע, עולם מענטשן! -האָט שניידנ-דיק, ביים סאַמען אייער, אויסגעשריען אַ באַגייסטערטע ווייבערישע שטים.

ווייט, פון פאָרנט, איבערן געדיכטן ים פון באַוועגנדיקע קעפּ האָט אַרסעניעוו דערזען אַ ריי רונדע רויטע פונקטן, וועלכע זענען אומבאַוועגלעך אין אַ גלייכער קייט געשטאַנען אויסגעשטעלט פון איין עק גאַס ביזן אַנדערן עק גאַס.

— טו נאָר אַ קוק, ברודער: קאָזאַקן! — האָט עמיצער צווישן המון, נעבן אַרסעניעוון געזאָגט און די שטים פון דעם, וואָס האָט דאָס געזאָגט, איז געווען פול מיט אַזאַ שנאה, אַז אַרסעניעוו האָט זיך אויף אים אַרומגעקוקט און אַ טראַכט געטאָן;

— אָך, וויפיל שנאה און צאָרן דאָ איז איצט פאַראַן!...

ס'קאָן זיין, אַז מ'וועט באַדאַרפן צענדליקער יאָרן אויף דעם, מ'זאָל קאָנען אויסוואָרצלען און פאַרניכטן די פאָלגן פון דעם דאָזיקן איינעם טאָג!...

אַרום האָט זיך געהערט אַ געדיכט שווער טאָפּטשען ערגעץ ווו האָט מען געשריען מיט דורכשניידנדיקע קולות און פון

פאַרנט האָט אַלץ געזשומעט שטיל ווערנדיק כוואַליעווייז און אויפהייבנדיק זיך ווייטער, פיינלעך און שווער, איינס נאָך דאָס אַנדערע זענען פאַרביי אַרסעניעוון פאַרבייגעגאַנגען צענדליקער הונדערטער און טויזנטער רויטע און בלאַסע פנימער און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זיי אַלע האָבן אים מיט זייערע ברייט געעפנטע אויגן אַריינגעקוקט אין דער נשמה אַריין.

און די פענצטער פון הייזער זענען דאָ נישט געווען אַזעלכע בלינדע: פון יענער זייט טונקעלע שויבן האָבן זיך נישט דייטלעך באַוועגט מענטשן, צוגעלייגט די פנימער צום שויב, זענען זיי פאַרשוווּנדן געוואָרן און ווידער זיך באַוויזן.

צווישן דער שטופעניש און שטויסעריי, צווישן די מאַנאַטאָנע אויפגערעגטע פנימער, צווישן ווילדן געשריי און שווערן ריח פון דער מענטשלעכער, אַפילו בעתן פראָסט שווייסיקער, מאַסע האָט זיך אַרסעניעוו געפילט שרעקלעך נישט באַקוועם און איינזאַם, ווי אין דער מדבר.

– צוואָס בין איך אַהער געגאַנגען? – האָט ער שוין מיט פאָרוווּרף צו זיך אַליין געזאָגט. נאָר, אונטערגעכאַפּט דורכן אַלגעמיינעם שטראָם, איז ער אַלץ געגאַנגען און געגאַנגען, אַליין נישט וויסנדיק וווּהין, אומקערנדיק זיך יעדער ווײַלע, פאַרלויפנדיק אַנדערע זײַעם וועג און זיך דורכשטופנדיק דורך די שוואַרצע רוקנס, פלייצעס און הענט.

די רויטע פונקטן האָבן זיך אַלץ מער און מער דערנענטערט.

און אַרסעניעוו האָט שוין אין זיי געזען רויטע רונדע היטלען און אונטער זיי אומבאַוועגלעכע קאָפּ פון זעלנער, וואָס האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זיי האָבן נישט קיין פנימער.

פלוצלינג האָט זיך אַרסעניעוון אויסגעוויזן, אַז צווישן המון האָט אַ שימער געטאָן סאַשעס קאָפּ און איר היטעלע, נאָרוועגן ער האָט, איילנדיק, זיך אַ לאָז געטאָן צו איר דורכן געדיכטן המון האָט ער דערזען אַ אומבאַקאַנט מיידל. זי איז נאָר פון הינטן געווען ענלעך אויף סאַשן, נאָר דידאָזיקע ענלעכקייט האָט זיך אין אַרסעניעווס נשמה אָפּגערופן מיט וואַרעמקייט און אַן אויסטערלישער צערטלעכקייט. ער האָט זיך געלאָזט נאָכגיין דעם

ראָזיקן מיידל, נישט פילנדיק זיך שוין אַזוי איינזאַם צווישן המון. דערנאָך, ווען ער האָט זיך דורכגעמישט מיטן המון און ער האָט זי פאַרלאָרן פון אויג, איז אַרסעניעוון געוואָרן עפּעס אומעטיק: אים איז געווען אַ שאָד וואָס ער זעט זי שוין מער נישט און ער האָט שוין געזוכט נישט נאָר סאַשן, נאָר דאָסדאָזיקע מיידל אויך, און יעדעס ווייבערש פּנים האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ וואַרים געפיל.

די כוואַליעס פון המון האָבן אַרסעניעוון אַרויסגעטראָגן צו דער סאַמער קייט פון די זעלנער:

ער איז שוין געווען אין דער ערשטער ריי.

פאַר אים איז געזעסן אויף אַ פערד, וואָס האָט נערוועז געטרעטן מיט די פיס, פונקט ווי עס וואָלט געטאַנצט, אַ יונגער ווייסברעמיקער אָפיציר אויסציענדיק זיין לאַקירטן שטיוול אין שטייגביגל. דער אָפיציר האָט געהאַט קליינינקע העלע וואָנסעס וואָס זענען געווען פאַרדרייט מיט די שפּיצן אַרויף. זיין גראָער מאַנטל האָט זיך ווייך געזילבערט און געבלאַנקט מיט מעטאַלענע קנעפּ און מיט זיינע ווייסע האַנדשן האָט ער גאַוואַדיק געפאָכעט אין דער לופט.

— ביי אונדז דענקט מען נאָך פרייער ווי אין פראַנקרייך, — האָט ער הויך און דייטלעך געזאָגט, נישט קוקנדיק אויף קיינעם מיט זיינע קליינע לויפעדיקע אויגן.

— פיו...האָ אָאָ! ... פיו! ... — האָבן זיך ווי לוסטיק און פריינטלעך אויפגעהויבן אויסגעשרייען אַרום און אַרום און איין רגע האָט זיך געדאַכט אַז אָט וועלן אַלע פלוצלינג אָנהויבן הילכיק צו לאַכן, דיסקוטירן, פילדערן און ס'וועט פאַרקומען עפּעס פריינטשאַפטלעכס און לוסטיקס.

און דאָסדאָזיקע געפיל איז געווען אַרסעניעוון אַזוי אָנגענעם, אַז ער האָט אַליין באַמערקט זיין פרייליך, פריינטלעך-איראַנישן שמייכל. ער האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן און אומעטום געזען נישט קיין גראָבע, נישט קיין בייזע פּנימער, נאָר אַזעלכע, וואָס זענען געווען גרייט צו לאַכן. אים האָט זיך פאַרוואָלט

עפעס זאָגן און, דערזעענדיק נעבן זיך אַ בלויען ראַנד פון אַ סטודענטיש היטל, האָט ער אַ שמייכל געטאָן.

— איר ווייסט: מ׳זאָגט, אַז דער סעמ׳אַנאָווסקי פּולק איז אַריבער אויפן צד פון די אַרבעטער. — האָט אים דער סטו־דענט קוועלנדיק פון פרייד געזאָגט ענטפערנדיק גאַנץ אומגע־רעכט אויף זיין שמייכל.

— וואָס איך הער? — האָט מיט דעמזעלבן לוסטיקן טאָן געענטפערט אַרסעניעוו,

נאָר אין דערזעלבער רגע איז עפּעס פּלוצלינג פאָרגעקו־מען אַן ענדערונג.

אַלץ איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן און ס׳האָט זיך נאָר געהערט די אָנגעשטרענגטע באַוועגונג פונם המון.

אַרסעניעוו האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז ערגעץ פון הינ־טערן המון איז אַנטשטאַנען עפּעס אַזעלכעס, וואָס מען זעט נישט, און דאָס, וואָס איז אַנטשטאַנען, האָט זיך אָנגעהויבן דער־נענטערן און וואַקסן, זיך אָנרוקן גלייך אויף זיי. אַרסעניעוו האָט אַ קוק געטאָן דעם אָפיציר גלייך אין די אויגן אַריין און דער־זען, ווי זיין פנים האָט זיך גיך און מאָדנע געענדערט: ער איז מיטאַמאָל אַזוי בלאַס געוואָרן, אַז די שטריכן פון זיין פנים האָבן זיך אַזש אויסגעצויגן און פאַרשאַרפט געוואָרן. אין זיי האָט זיך, ווי אין אַ שפּיגל, אָפּגעשפּילט עפּעס שרעקלעכס. דאָס, וואָס איז געשען הינטער דעם המון און וואָס אַרסעניעוו האָט נישט געזען, נאָר געפילט. דעם אָפיצירס גרויסע פערד האָט זיך מיטאַמאָל אַ קער אום געטאָן בלויז אויף די הינטערשטע פיס.

— נישט דור־אָזן! — האָט מיט אַ שניידיקער דינער שטים פון טויט־שרעק אַ געשריי געטאָן דער אָפיציר און זיך איינגעבויגן איפן פערד. דעם פערדס רונדער גלאַנצעדיקער הינ־טער־חלק האָט זיך עפּעס ווי אַראָפּגעזעצט אויף אַ רגע, די פיס האָבן זיך צווויפגעקוועטשט און מיט אַ שרעקלעכער קראַפט האָבן זיי זיך ראַפּטום אַ ריס געטאָן און אַוועקגעטראָגן דאָס פערד. קנוילן נאַסע האַרטע שניי האָבן שמערצלעך אַ שלאָג געטאָן אַר־סעניעוון אין ברוסט און אין פנים אַריין און ער האָט נישט

קלאָר דערזען, ווי עפּעס אומגעהייער גרויס האָט זיך אַ וואָרף געטאָן גלייך איבער דער לופט, אויפהייבנדיק וואָלקנס שניי-שטויב.

— אהאַ, ער האָט מורא געקריגן, דער פּחדן! — האָט נאָך לוסטיקער אַ געשריי געטאָן דער סטודענט.

אַרסעניעוו האָט זיך אַ קער אום געטאָן.

דער המון האָט זיך האַסטיק פאַנאַנדערגערוקט אין ביידע זייטן, און אינם שמאָלן ווייסן דורכגאַנג, וואָס האָט זיך ווייט פון הינטן געעפנט, האָט אַרסעניעוו דערזען אַ געדיכטע מאַסע, וועלכע האָט צוליב דער ווייטקייט נאָך אויסגעזען בלאָלעך און וועלכע האָט אין אַ ברייטן שטראָם פון איין עק ביזן אַנדערן זיך פּאַמעלעך אָנגערוקט אויף אים. דער ווייסער שטח האָט זיך גיך פאַרקורצט, פּונקט ווי אַ שוואַרצע וואַנט פון מענטשן האָט אים אייליק אויפגעפרעסן, ווי מיט די ציין, באַוועגנדיק די אומ-געהייער גרויסע מאַסע שוואַרצע פיס, וואָס האָבן אָפּגעקלאַפּט, גייענדיק, נישט קיין ריכטיקן טאַקט.

— וואָס איז דאָס? — האָט אַרסעניעוו מעכאַניש געפרעגט ביי איינעם, וואָס איז געשטאַנען האַרט נעבן אים.

דער בערדיקער גרויסער מענטש, צו וועמען אַרסעניעוו האָט זיך געווענדט, האָט אַ קער געטאָן צו אים זיין פּנים און אויסגעשפּרייטע אויגן און האָט פייערלעך און שטיל געענטפערט:

— דאָס גייען די אַרבעטער!

און פון דידאָזיקע קורצע פּשוטע ווערטער איז געוואָרן קאַלט און שרעקלעך און איבערן קאָפּ איז אַריבער אַ קראַמפּ-האַפטער ציטער. עפּעס אַ פייערלעך געפיל פון דערהייבונג, וואָס איז אוממעגלעך צו דערקלערן, האָט מיטאַמאָל אָנגעפילט די נשמה.

מ'האָט שוין דייטלעך געזען די רייען פּנימער, וואָס האָבן זיך דערנענטערט. פיל מענטשן האָבן געטראָגן הויכע בראָקאַטע האַנטיכער פון פּענער. מ'האָט שוין געקאָנט זען, ווי אין סאַמע מיטן פונם המון, נישט פון פאָרנט, נאָר איינגעשפּרענקלט אין זיין נעדיכטער שוואַרצער וואַנט, גייען שוואַרצע הויכע מענטשן

מיט לאַנגע האָר, אין ברייטע בגדים. און אין די אויפגעהויבע־נע הענט פון דידאָזיקע מענטשן האָט עפּעס קרייצפּאָרמיק גע־בלאַנקט.

עמיצער האָט איין מאָל און נאָך אַ מאָל אַ שטויס געטאָן אַרסעניעוון אין רוקן; ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען אַ גרויסע מאָרדע איבער זיך און אַ גרויס, קלוג אויג, וואָס האָט, פרעגנדיק און ווי אומעטיק, אויף אים געקוקט.

אַ גרויס ברוין פערד, האָט, פאַרזיכטיק אויסבייגנדיק די מעכטיקע קני, אים געשטויסן אין רוקן.

אַרסעניעוו האָט אַ קוק געטאָן אויבן און זיין בליק איז געפאַלן אויף עפּעס אַ פלאַטשיק, קאָלירלאָז פּנים.

— רוק זיך אָפּ! — האָט הייזעריק אַ זאָג געטאָן אַ גע־שטופּלטער ווייסוואָנסיקער זעלנער, טרייבנדיק אויף אים זיין פערד.

אַרסעניעוו, וועלכער איז נישט געווען געוווינט צו גרויסע חיות, האָט זיך דערשראָקן. נאָר דאָס פערד האָט געקאָסעט מיט די אויגן, געטאַנצט און זיך נישט גערוקט ווייטער.

— זעסטו, דאָס פערד איז בעסער פון דיר! — האָט אַר־סעניעוו, אַליין נישט וויסנדיק צוואָס, געזאָגט מיט אַ ווייכן און מעלאַנכאָלישן פאָרוואורף.

— מיר אָבער פירן אָן מיט די פערד... — האָט פלוצ־לינג דורך די ציין פאַמעלעך און שטיל דער זעלנער געענט־פערט, — באַטראַכט זיך, וואָס דו זאָגסט, געדענק!

און אויף אַ רגע האָט אין זיינע קאָלירלאָזע טעמפּיקע אויגן אַ שימער געטאָן עפּעס לעבעדיקס, וואָס האָט זיך וואָרעם און נאָענט אָפּגערופן אין אַרסעניעווס האַרץ.

דאָס איז געווען זיין לעצטער באַוווסטזיניקער איינדרוק. דערנאָך איז אַנטשטאַנען עפּעס אַ משוגע דרייעדיקער קאָשמאַר, אין וועלכן ס'איז שוין נישט געווען קיין באַוווסטזיין, נישט קיין פנימער, נישט קיין געפילן, נאָר אַ גרויל און פּחד.

אַ מאַסע מענטשן האָט זיך אַ גאָס געטאָן און פאַרשטויסן אַרסעניעוון. ס'האָט אים אַ שלעפּ געטאָן פאָרויס און אָן אַ זייט.

דאָס פערד, דער זעלנער — אַלץ איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן פונקט ווי ער וואָלט זיי געזען בלויז אין חלום. די פּענער האָבן זיך געשאָקלט איבערן סאַמע קאָפּ, פאַרדעקנדיק דעם הימל און די מענטשלעכע פּנימער. אַרום און אַרום האָט זיך באַוועגט אַ פילפנימיקר כאַאָטישער המון מיט אַ זשומעריי, מיט אַ הו־האַ, וואָס האָט זיך געטראָגן ווי פון דער סאַמע ערד. ס'האָבן געשימערט און זיך פאַרבייגעטראָגן קאָנצענטרירטע, אויסגעקרימטע, רויטע און בלאַסע פּנימער, אַרסעניעוו האָט זיך געדרייט, ווי אין אַ וואַסער־שפּרודל, איז אָפּגעשטאַנען און זיך געשטופּט פאָרויס.

אַ שרעקלעכער קוויטש האָט אַ טרייסל געטאָן די לופט און פאַרגליווערט דאָס האַרץ. אומוואַרפנדיק אים, האָט, מיט געשרייען און פאַרקריפּלטע פּנימער, מיט שרעקלעך פאַרגלאָצטע אויגן אַ שטראָם געטאָן דער המון. און אַליין נאָך נישט ווויסנדיק אין וואָס דאָ האַנדלט זיך, וואָס דאָ קומט פאָר אַזוינס, האָט אַרסעניעוו אין פּאַנישן שרעק זיך געלאָזט לויפן צוריק, אויפן ראָג פון אַ געסל האָט מען אים צוגעדרוקט צו אַ וואַנט און אומדערוואַרט האָט ער פאַר זיך דערזען פערדישע מאָרדעס מיט אויסגעטאָרטשעטע ציין און דינע שאַרפע שווערדן, וועלכע האָבן זיך געשלענגלט אין דער לופטן.

— האַק!... האַק זיי!... האָט מיט אַ דינער שניידנדיקער שטים צמיצער געשריען פון יענער זייט זעלנערס פּלייצעס.

אַ גרויל האָט אַרומגעכאַפּט אַרסעניעוון, אַ רגע האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער שטאַרבט, ס'האָט אים אָנגעהויבן שטאַרק צו שווינדלען אין די אויגן.

זיי זענען געווען נישט פיל — אַ געזעמל מענטשן, וואָס זענען געווען אַרומגערינגלט און צוגעקוועטשט צו אַ קאַלטער שטיינערנער וואַנט. פון פאָרנט איז, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ און די אויסגעגלאָצטע אויגן, געשטאַנען אַ מענטש מיט אַ לאַנגן האַלדז און איבער אים האָט זיך געבאָמבלט בלויז אַ לאַנגער שמאָלער לייוונט פון אַ פאָן.

— דערוועג נישט, דערוועג נישט צו האַקן! — האָט ער מיט

אַ נישט מענטשלעכער שרעקלעכער שטים געשריען אויף די זעלי־נער, פֿאַרנדיק מיט זיין פאָן,

די פערד האָבן זיך געשטעלט „דיבאָם", זיך צוגעזעצט אויף די הינטערשטע פיס, אַ שנייעדיקער קאַלטער שטויב איז געפֿלויגן אין פנים אַריין, די זעלנער האָבן בשעת־מעשה געהאַט מאָדנע בלאַסע פנימער, אין וועלכע ס'האָבן זיך געפֿלאָנטערט אַ שרעקלעכער צאָרן און אַ טויט־שרעק. זיי האָבן קראַמפהאַפט מיט די שווערדן איבער די קעפ, זיך געריסן פאָרויס, ווי אויף צו דערלאַנגען אַ שרעקלעכן קלאַפּ, נאָר די שווערדן האָבן זיי נישט אַראָפגעלאָזט אויף די מענטשן. זיי האָבן מיט די שווערדן בלויז געפאָכעט.

— דערוועג נישט צו האַקן! — האָט ווייטער געשריגן דער הויכער מענטש.

פּלוצלינג האָבן די דיקע שוואַרצע מענטשן — אַלע זייער גרויסע און מאַסיווע, וואָס זענען געשטאַנען הינטער די פערד אָנגעטאָן מאָנאָטאָנע פּאָליציייִשע מאַנטלען — געשיקט און שנעל זיך אַ קער אום געטאָן און איידער אַרסעניעוו האָט באַוויזן זיך אַ קלער צו טאָן, האָט אַ שווערער שטומפּער קלאַפּ איבערן פנים אים אומגעוואָרפן אויף דער ערד. עפּעס אַ געל פייער האָט אין פונקן זיך אַ שאָט געטאָן פאַר זיינע אויגן.

— וואָס טוסטו? — האָט ער קורץ אַ געשריי געטאָן, האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיטן נאַקן אָן דער האַרטער וואַנט און זיך אַנידערגעזעצט אויפן שניי, גאָרנישט זעענדיק פאַר זיך, ווייל די רויטע פאָן, אַ קאַלטע און אַ נאַסע, האָט אים אַ שמייס געטאָן איבערן קאָפּ.

אַרסעניעוו האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, ווען און ווי אַזוי ער האָט זיך ווידער געשטעלט אויף די פיס, ער האָט נאָר געדענקט אַ שרעקלעכן געשריי עפּעס אַ קורצע פייפעריי און כריפּען און עמיצנס קאָפּ וואָס איז געווען פאַרבלוטיקט איבערן גאַנצן נאַקן, אויף וועלכן ער האָט זיך אויסגעגליטשט און איז אומגעפאַלן.

ביי אים גופא האָט גערונען בלוט איבערן פנים ס'האָט אים

שטאַרק אומדערטרעגלעך געשווענדזשעט אין די קינבאַקן, דער קאָפּ איז געווען שווער, ווי אַ שטיין. ער האָט זיך דערזען אין אַ קאַלטער פּוסטקייט. פאַר אים האָט זיך געעפנט אַ גלייכער און ווייסער שטח פון דער גאַס, באַשאָטן מיט היטלען, מיט עפּעס שמאַטעס, קאַלאָשן. ווייט פאָרויס, ביי דער סאַמע וואַנט פון אַ הויכן געלען הויז, האָבן אומבאַוועגלעך זיך געשוואַרצט צע־קנייטשטע בערגלעך און וואָס די דאָזיקע בערגלעך באַדייטן, האָט אַרסעניעוו פאַרשטאַנען.

—אַ־אַ־אַ! — האָבן מיט אַ שרעקלעכן צאָרן געשריען זייער פיל קולות.

„וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס... פאַרוואָס?...” האָט זיך מיט אַ עלנטן ספק און פאַרלאָרנקייט געדרייט אין אַרסעניעווס קאָפּ. די ליפּן האָבן ביי אים מאַכטלאָז געציטערט, איבער די באַקן האָבן געראָנען טרערן און בלוט, און ער האָט זיי אומבאַהאָלפן צעשמירט מיט די נאַסע הענט.

— שטייט, קינדער, שרעקט זיך נישט! — האָט זיך אין אַלגעמיינעם כאַאָס אויסגעטיילט עמיצנס שטים, און פאַר אַרסע־ניעוון האָבן ווידער, איינציקווייז און דערנאָך אין אַ געדיכטער מאַסע, מענטשן אָנגעהויבן צו לויפן, מיטרייסנדיק אים נאָך זיך.

אַ שאַרפער צאָרן האָט אַרומגעכאַפּט אַרסעניעוון, אים האָט אָנגעהויבן אומדערטרעגלעך ווײ צוטאָן און ער האָט אויך אָנגע־הויבן צו שרייען און צו לויפן.

ווייט פאָרויס, זיך בלאָנקענדיק און שוואַרצנדיק אויפן ווייסן שניי, איז און דער ברייט פון דער גאַס געשטאַנען אַן אומבאַוועג־לעך פײַנטלעכער פּאַס.

— ברידערלעך, שיסט נישט, ברידערלעך!... איר זענט דאָך אונדזערע, ברידערלעך!... האָבן דורכדרינגענדיק און רופנדיק געשריען יענע, וועלכע זענען געלאָפן פאַר אַרסעניעוון, און פּלוצלינג זענען אַלע אַזוי שטיין געבליבן, אַז אַרסעניעוו האָט זיך אַ שטויס אָן געטאָן אויף עמיצנס ברייטע שוואַרצע פּלייצע.

— באַלד וועט מען שיסן — האָט ווי גלייכגילטיק איינער נעבן אַרסעניעוון זיך אָפּגערופן.

אַרסעניעוו האָט אַ קער אום געטאָן זיין פאַרבלוטיקט ווילד פנים און געוואָלט עפּעס זאָגן. — אויף אַזוי ווייט אומגעלומפּערט און אויסטערליש איז אים אויסגעקומען דידאָזיקע פראַזע. נאָר אין דער זעלבער רגע האָט א טרוקענער און מעכטיקער קראַך צעריסן די לופט. ערגעץ פאָרויס האָט אַ פינקל געטאָן אַ לאַנגער געלער בליץ און שווער צו זאָגן, צי אין די אויערן אָדער אין סאַמע האַרצן האָבן זיך דערהערט קורצע מאָדנע קלאַנגען, ווי מיט אַ פייפערײ און פּאַטשערײ האָט עפּעס זיך אַריבערטראָגן איבערן קאָפּ ווי אַ וויכער. ס׳האָט זיך דערוואָרפן אַ פיל קולותדיקער גישט האַרמאָנישער און פאַרחידושטער אויסגעשרײַ און באַלד נאָכדעם האָט עמיצער הויך־אויסציענדיק און דייטלעך, ווי באַמיענדיק זיך דאָס צו טאָן, אָנגעהויבן צו זיפצן.

דער הויכער מענטש, וואָס איז געשטאַנען אַביסל אין אַ זייט, פאַר אַרסעניעוון, אין אַ באַראַנקענעם קראַגן, האָט מאָדנע אַ צוק געטאָן מיט ביידע אַקסלען און זיך פלוצלינג ווי באַלאָדן, אַנידערגעזעצט אויפן שניי און איז אומגעפאַלן. זיין היטל האָט זיך צוגעקייקלט צו אַרסעניעווס פיס. עמיצער האָט פון הינטן קורץ אויף אַ רגע אָן אים זיך אַ כאַפּ געטאָן און באַלד אָפּגעלאָזט און עפּעס ווייכס און שווערס איז אַ פאַל געטאָן מיט אַ זיפץ. און אַלץ אַרום איז עפּעס מיטאַמאָל שיטער געוואָרן און זיך אַראָפּגעלאָזט אַראָפּ פאַרמלאָז און שרעקלעך.

דאָס אַלץ האָט זיך איינגעשניטן אין אַרסעניעווס מאַרך מיט אַן אומגלייבלעכער שנעלקייט, פונקט ווי עמיצער האָט מיט אימפּעט אים אַריינגעשטאָכן אין קאָפּ אַ שאַרף מעסער און ווען דאָס מעסער איז שוין געווען אינעווייניק, — מיט דעם אַ דריי געטאָן.

נאָר עפּעס אַזעלכעס, דעם עיקר אייגנטלעך, האָט ער נישט פאַרשטאַנען. דאָס איז געווען עפּעס אַזוי אומגעלומפּערט און שרעקלעך, אַז זיין אָנגעשטרענגטער באַוווסטזיין האָט עס נישט געקאָנט משיג זיין און אין זיך אַריינגעמען. און אין דעם איז געווען דער גאַנצער גרויל.

אין די אויגן האָט זיך נאָר אויפגעהויבן עפּעס אַ קוועלנ־דיקער רויטער נעפּל.

און באַלד טאַקע האָט זיך דאָס צווייטע און דאָס דריטע מאָל, פאַרטייבנדיק צעריסן די לופט, מעטאַדיש האָט אַ בליש־טשע געטאָן דער געלער בליץ, עמיצער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַרסעניעוון פאַר דער האַנט און איז אַ פאַל געטאָן מיטן פּנים צו דער ערד, מיטשלעפּנדיק אים נאָך זיך. אַרסעניעוו איז אַ פאַל געטאָן מיטן פּנים אין שניי אַריין און האָט, הפּנים, פאַר־לוירן דאָס באַוווסטזיין. זיין אויער האָט נישט דייטלעך נאָטירט אין זכרון נאָך אַ ווייט, איצט שוין אַ שוואַך קראַכן, אַ פּייפעריי, אַ געשריי און פאַלן צו דער ערד. דערנאָך איז געווען אַ רגע פון קאַלטער און פוסטער שטילקייט.

ווען אַרסעניעוו האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט ער גלייך פאַר זיך דערזען אַ ברייטע, רויטע קאַלוזשע און אַ בלוטיקן, צוזאַמענגעקלעפּטן קנויל, פון וועלכן ס׳האָבן געטאַרטשעט האָר און ביינער.

אַרום איז געווען פוסט, איינצלנע שוואַרצע פיגורן זענען נאָך ערגעץ געלאָפן, שרייענדיק און מאַכנדיק מיט די הענט, מ׳האָט שוין אָבער נישט געקאָנט פאַרשטיין, צי זיי זענען גע־לאָפן פאָרויס, אָדער צוריק, און אַרסעניעוון האָט זיך אויסגע־וויזן, אַז דאָס זענען משוגעים. אַרום און אַרום איז געווען אַ ווייסער צעטרעטענער שניי, נישט קיין באַוועגלעכע, שוואַרצע פלעקן און רויט בלוט.

עמיצער האָט געזיפצט, אָפּגעריסן און שרעקלעך, עמיצער איז געקראָכן איבערן שניי, אַ צעקנייטשטער און צעריסענער, ווי אַ צוגעקוועטשטע פליג, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ בלוטיק־שמו־ציקן פּאַס. וואָס עס איז פאָרגעקומען אַרום, הינטן און פאַר אים — האָט אַרסעניעוו שוין נישט געזען. אים האָט אַרומגע־כאַפּט אַ טויט־שרעק און אַ טויט־רחמנות.

בלויז מיט אַ שאַרפער שטרעבונג אין דער נשמה האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך יענעם, וועלכער איז געקראָכן איבערן שניי, אים דעריאָגט, אַ כאַפּ געטאָן אונטער די אָרעמס און אָנ־

געהויבן אים אויפהייבן. און נאָך עפּעס מענטשן זענען צוגע־לאָפן פון אַלע זייט און עמיצער, האָרט פאַר אים, פלייצע צו פלייצע, האָט זיך גענומען שלעפּן יענעם און העלפן אים.

דער צעדריקטער, פאַרבלוטיקטער מענטש האָט שטיל גע־זיפּצט און קאָנוואולסירט קוקנדיק אויף זיי, שוין נישט מיט קיין פאַרשטענדלעכן בליק.

אַרסעניעוו האָט נישט געוווּסט, צי דער המון האָט זיך אַ רוק געטאָן אַנטקעגן, אָדער צי זיי האָבן זיך דערשלעפּט צום המון, נאָר אין דער פאָלגנדיקער רגע האָבן אים שוין געהאַלטן פיל פריינטשאַפטלעכע הענט און זיי האָבן שוין אַוועקגעלייגט דעם פאַרווונדעטן, דידאַזיקע אָנגעלאָדענע, שווערע מאַסע, אויף אַ קליין קורץ שליטעלע.

— געשטאָרבן — האָט עמיצער אַ זאָג געטאָן.

אַרסעניעוו האָט אַרויסגעלאָזט די האַנט, וועלכע איז הילפס־לאָז אַראָפּגעפאַלן צו דער ערד, און זיך אָפּגעשטעלט.

„כ׳וועל באַלד אַראָפּ פונם זין! איז דייטלעך און שטרענג געבויבן געוואָרן אין זיין מוח אַ קריסטאַל־ריינער, וואַרנענדיקער געדאַנק, און ער האָט געפילט, ווי אין דער סאַמע טיפקייט פון זיין נשמה איז אַנטשטאַנען עפּעס אומגעהייער גרויס, איי־ביקס און פעסטס, ווי אין אים איז עמיצער געשטאָרבן אויף שטענדיק.

„הייליקער גאָט, הייליקער אומשטערבלעכער״... האָט ער דערהערט.

און באַלד נאָכדעם האָבן זיך פיל הייזעריקע, גראָבע און שרעקלעכע קולות, שרעקלעכע אין זייער פייערלעכן צער, אויפ־געהויבן ארום אין אָנוואָרפנדיק און ווערנדיק אַלץ העכער און העכער, האָבן זיי זיך אויסגעצויגן אין דער לופט.

דאָס שליטל איז פאַמעלעך אוועקגעקראָכן איבערן שניי. שטרענג און טרויעריק האָט זיך געשאָקלט דער בלאָער, טויטער קאָפּ פונם הרוג מיט די צונויפגעקלעבטע, נישט־זעעוודיקע אויגן און אַרום און אַרום איז געוואַקסן אַ נישט־האַרמאָנישער, עפּעס

אַ לעכערלעכער, און גלייכצייטיק זייער שרעקלעכער, פילשטימי־
קער ניגון:

„הײליקער גאָט, הײליקער אומשטערבלעכער, האָב רחמנות
אויף אונדז"...

אַ שרעקלעכער אויפרייס פון אַ נייעם, נאָך נישט פאַר־
שטענדלעכן געפיל האָט אַ שטיק געטאָן אַרסעניעוון ביים האַלדז.
ער האָט נישט געקאָנט מיטגיין מיט אַלע, און וואַקלענדיק זיך,
האָט ער זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט.

ס'האָט זיך שוין געהאָט אָנגערוקט דער בין־השמשות. פּאַ־
מעלעך איז פון אים אָפּגעשווומען דער שוואַרצער המון, זיך
צונויפגיסנדיק מיטן בלאָען, טרויעריקן בין השמשות, און אין
דער אָוונטיקער, קראַנקער לופט, שוין ווייט איבערן אומגעהיי־
ער גרויסן זיך דרייענדיקן המון, האָט זיך געהערט אַ דראָענדי־
קער און סודותפולער געזאַנג.

אַרסעניעוו איז אַוועק אַהיים.

ער איז געגאַנגען אָן אַ היטל, שטאַמלענדיק עפּעס אונ־
טער דער נאָז, טרעטנדיק נישט גלייך און שטיל.

ס'האָבן זיך געלויכטן פייערן, מחנות מענטשן זענען מיט
אַ געפילדער און טאָפּטשען אָנגעלאָפן און פאַרשווונדן געוואָרן
אין דער פינצטערניש, בלאַנקענדיק אים אין די אויגן מיט זיי־
ערע בלאַסע, נישט דייטלעכע פּנימער;

II

ביינאַכט איז אַרסעניעוו אויף אַ שליטל, טראָגנדיק זיך אי־בער אויסגעפרוירענע גריבער, ווידער געפאָרן איבער די גאַסן פון דער שטילער שטאָט, וואָס האָט זיך ווי אויסבאַהאַלטן פון עפּעס. און אַ קייט פון גאָלד, וואָס האָט זיך געצויגן העט־ווייט, האָבן, — שווער צו זאָגן צוואָס, -- געבערענט געלע לאַמטער־נעס און איבער זיי איז נידעריק געהאָנגען די פינצטערניש.

הינטער אים איז פאַרבליבן זיין פוסטע און ליידיקע דירה, אין וועלכע סאַשע איז נישט געקומען, זיך נישט צוריקגעקערט און להבא האָבן אויף אים געוואַרט אַ ביטערער אומעט אָן אַן אויסגאַנג און אַ שווערער פינצטערער שרעק.

ווען מ׳וואָלט געקאָנט אויפעפענען אַרסעניעווס נשמה, וואָלט זיין צער, שרעק און יאוש אפשר אָנגעפילט די גאַנצע וועלט; ער איז אָבער געזעסן רויק אָן אַ זייט, אויפן סאַמען עק זײַ־אָרט פון שליטן און האָט אומבאַוועגלעך געקוקט אויף דעם פאַרביילויפעדיקן שניי: די פוסטקייט אַרום איז געווען אַזוי גרויס און ער האָט אַזוי ווייניק אָרט פאַרנומען — ווו אים האָט זיך אויסגעדאַכט — אין דערדאָזיקער פוסטקייט מיט זיין טונקל, שווייגעדיק, מאַכטלאָז פיגורל.

ס׳האָט זיך באַוויזן דער גרויסער בנין פונם שפּיטאָל, פינצטערער ווי דער צער אַליין, און זיך שנעל אָנגעהויבן צו דערנענטערן אים אַנטקעגן. דאָס שליטל האָט זיך אָפּגעשטעלט. אין די קאָרידאָרן פון שפּיטאָל איז געווען פוסט און ליכ־

טיק ס'האָט זיך געטראָגן אַ שווערער ריח פון קרענק, ס'האָבן זיך באַגעגנט מענטשן אין ווייסע ריינע קיטלען. עמיצער האָט אַרסעניעוון דערלאַנגט אַ בויגן פּאַפּיר מיט די נעמען פון די פאַרווונדעטע. ער האָט שנעל, ווי דורך אַ בליק אַרומגעכאַפּט דאָס פּאַפּיר מיט די אויגן, נאָר ער האָט גאָר נישט געקאָנט פאַנאַנדערנעמען פונקט ווי ער וואָלט איינגאַנצן פאַרגעסן לייענען. און נעבן אים איז געשטאַנען אַ מענטש אין אַ ווייסן כאַלאַט און באַזאָרגט געוואַרט.

— דאָ איז נישטאָ... — האָט אַרסעניעוו ענדלעך זיך אָפּגערופן טויב און נישט דייטלעך.

— נישטאָ, זאָגט איר?

אַרסעניעוו האָט אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ, וועלכער איז איצט געווען אַזוי שווער אַז ער האָט ווי איבערגעוועגט און געשאָקלט דעם גאַנצן גוף. ריידן האָט אַרסעניעוו נישט געקאָנט, מחמת אין זיין האַלדז איז געווען עפּעס אַ דומפּער קיילעכיקער קנויל.

דאָ האָט מען אים אַוועקגעפירט איבערן קאָרידאָר, צווישן טויטע עלעקטרישע לעמפּלעך, און מ'האָט פאַר אים געעפנט אַ טיר.

אין איר שוואַרצן פּירעק איז געשטאַנען אַ פינצטערקייט. עמיצער איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר אים האָט אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט איבער דער וואַנט און די פינצטערקייט איז מיט אַ שוואַכן טראַסק פאַרשווונדן געוואָרן.

אַ שאַרפע קעלט איז אַריבער איבער אַרסעניעווס גוף.

אי אין דער נאָענט, און אי אין דער ווייט זענען געלעגן מתים. זיי זענען געווען נאַקעטע און זייערע קערפּער האָבן געבלאַנקט נאַקעט און שרעקלעך.

אַרסעניעוו האָט געמאַכט עטלעכע טריט פאָרויס און אַ קוק געטאָן אויף ערשטן פּנים פון אַ מת. דאָס איז געווען זייער אַ גרויסער, דיקער מענטש, אַ מענטש וואָס האָט הפּנים געהאַט אַ שרעקלעכן כּח, אַ גבור מיט אַ מאַסיווער אַרויסגעצרוקטער ברוסט פון אַ שיינער שטאַרקער חיה. אויף דער ברוסט האָט ער געהאַט איין פינקטלעך טונקל רויט פלעקעלע.

— דאָס איינגאַנצן! ... האָט מיט אַ פלוצלינדיקער איראָניע

אַרטעניצוו אַ טראַכט געטאָן, אַליין נישט באַמערקנדיק דעמדאָזיקן געדאַנק.

אונטער דער באַנק איז אָנגערונען אַ טונקל קאַלוזשקעלע בלוט.

אַרסעניצוו האָט שטומף אַ קוק געטאָן אויפן קאַלוזשקעלע בלוט, איז אַ ווייל שטיין געבליבן פאַר דעם און אַוועק ווייטער, זיך איינקוקנדיק אין יעדן מת.

נאָר זיין בליק, וואָס האָט באַקומען אַ באַזונדער קרענקלעכע שאַרפקייט, האָט שוין געטאָן אַ לויף איבער דעם גאַנצן צימער און האָט איינגעפרעגט אין מוח אַ קאָשמאַרישע ריי נאַקעטע אומבאַוועגלעכע קערפּער, מיט פאַרוואָרפענע קעפּ און מיט טויטע טריבע ווייסע אויגן. ס'איז געווען שרעקלעך, וואָס זיי ליגן אַזוי רויִק און אומבאַוועגלעך, נאַקעטע, בעת מען קוקט אויף זיי און מען רעדט וועגן זיי.

— דאָ אויך נישטאָ, — האָט אַרסעניעוו, מיט דערזעלבער טויבער שטים, איינשלינגענדיק עפּעס מיט אַ שווערער ספּאַזמע, אַ זאָג געטאָן.

דאַן האָט מען אים אַרויסגעפירט פון צימער. די עלעקטרי איז אויסגעלאָשן געוואָרן און ווידער האָט די פינצטערקייט מיט אַ שוואַכן טראַסק איינגעשלונגען די נאַקעטע מתים, פּונקט ווי זיי וואָלטן צעשמאָלצן געוואָרן אין דער שוואַרצער פוסטקייט, און ס'איז געווען עפּעס אומפאַרשטענדלעך, ווי אַזוי האָט עס געקאָנט אַזוי גיך פאַרשווינדן ווערן דער דאָזיקער פאַרבלענדנדיקער שרעקלעכער, נאַקעטער, וואָס האָט נישט קיין נאָמען און ווערנדיק אַפילו פאַרשווונדן, שטייט עס דאָך פונדעסטוועגן פאַר די אויגן.

אַרסעניעוון האָט מען אַוועקגעפירט דורכן הויף.

ס'איז געווען פוסט, פינצטער און קאַלט. דעם גרויסן טריבן הויף האָבן אַרומגענומען טונקעלע געביידעס. ענלעך צו טרומנעס און אין זייער שוואַרצער מאַסע האָבן בלויז ערטערווייז גלייכגילטיק זיך געגעלט שלעפעריקע פייערן. דער שניי האָט זיך געבלאָט, אויבן, ווייט, האָבן געגלאַנצט שטערן.

ישט ווייט אַ שטעלעכל מיט אַן אָפּענער טיר זענען געשטאַנען מענטשן. טונקעלע, איילנדיקע, זענען זיי האַסטיק און שטיל אַריין און שטעלעכל און פון דאָרט אַרויס, ביי די טירן האָט אַרסעניעוו איבעראַשט און דורכגענומען מיט שרעק אַ מאָדנער עקלהאַפטער ריח פון אַ געשמאָלצענעם שניי. מיסט און נאָך פון עפּעס זיס — שאַרפס. אין שטעלעכל האָט געקאָפּטשעט אַ לאָמפּ און אויף די הילצערנע ברייטע בענק זענען געלעגן מתים. לכתחילה האָט זיך אַרסעניעוון אויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ קופּע שמאַטעס, נאָר פון דערדאָזיקער קופּע האָבן געטאָרטשעט אומבאַוועגלעכע שוואַרצע פיס, איינס פון אַנדערן אָפּגעזונדערט מיט די פינגער.

„באַלד וועל איך זי דערזען", האָט פלוצלינג מיט אַ אומבאַגרייפלעכער זיכערקייט אַ שלאָג געטאָן אַרסעניעוון אין קאָפּ.

אין די אויערן האָט זיך אויפגעהויבן אַן אומגליק אָנזאָגעדיק געקלינגעריי און גערויש, פונקט ווי ערגעץ וואָלטן מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו קלינגען און הודזשען טויזנטער ווייטע גלאָקן; אין די פיס האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן אַ פייניקנדיקע שוואַכקייט, אין דער ברוסט — אַ מאָדנער דינער ווייטאָק, אַרסעניעוו האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, איז אָבער געגאַנגען פון הינטן אַרום און איז דורכגעגאַנגען פאַר אַ ריי מתים וואָס זענען געלעגן אויסגעלייגט ווי שטיקער האָלץ.

אים האָבן פאַרשטעלט דעם וועג זייערע הענט מיט צונויפגעקוועטשטע פויסטן. ער האָט זיך שטאַרק איינגעבויגן, שטומף זיך אומקוקנדיק. אַ מאַסע שמוציקער מאַרך, וואָס איז אַרויסגערונען פון אַ קאָפּ אָן אויגן, — אַ פויסטן ווי אַ טאָפּ, — מאַרך וואָס איז געווען עקלהאַפט, אָפּשטויסנדיק און שרעקלעך, — האָט אויף אַ רגע צוגעשמידט צו זיך אַרסעניעווס ברייט געוואָרענעם בליק; און דערנאָך האָט ער דערזען זיך פאַנאַנדערגעשאָטענע לאַנגע האָר...

דאַן איז אים פינצטער געוואָרן און די אויגן און מיט קראַמפּהאַפט צוגעפּרעסטע פינגער האָט ער מיט אַזאַ נישט מענטשלעכער קראַפט אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט דעם וועכטער,

וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען אַז יענער האָט קרענקלעך און דערשראָקן אַ געשריי געטאָן. אָך!

— נישט זי... דאָס איז נישט זי... דאָס איז קרוגליקאָווע...

איר האָט אַ טעות האָט זיך אים געדאַכט, אַז ס'האָט געשריען אַ אויפּערגעווײנטלעך הויכע און דורכדרינגענדיקע שטים איבער זיין אייער און ער אַליין האָט שוין געזען אַ נישט באַקאַנט טויט פּנים, מיט פּוכקע בלאָע ליפּן, נאָר ער האָט נישט געקאָנט פאַר-שטיין. דאָס האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט מיט א שרעקלעכער קראַפט, די אויגן זענען געקראָכן פון די אויגן-לעכער און אויף טרוקענע אָפענע ליפּן איז נישט געווען קיין אָטעם.

— אָבער נישט זי איז דאָס, דאָס איז גאָר קרוגליקאָווע, זאָג איך אייך דאָך! — האָט דער וועכטער איבערגעחזרט.

אַרום האָבן זיך געשטופּט און געווימלט מענטשן מיט בלאַסע רחמנותדיקע פּנימער, אַריינקוקנדיק אַרסעניעוון אין די אויגן אַריין.

אַרסעניעוו איז פּלוצלינג, מיטאַמאָל געקומען צו זיך, האָט קאָנוואולסיוו אַ שמייכל געטאָן און פילנדיק, ווי דאָס בלוט פליסט פּאַמעלעך אָפּ פון קאָפּ, האָט ער זיך נידעריק איינגעבויגן איבער דער טויטער.

זי איז געלעגן רויק, צונויפלייגנדיק די הענט אויף דער ברוסט און אַריינרוקנדיק זיי אין אַ פּשוטער באַראַנקענער קליינער מופטע. דאָס באַראַנקענע היטעלע איז געלעגן נישט ווייט פון איר און אויפן היטעלע האָט עמיצער אַוועקגעלייגט אַ לאַנגע, שפּילקע א דינע ווי אַ שטאָכל.

— אָך, גאָט מיינער, גאָט מיינער! — האָט עמיצער צי-טערדיק און נישט דרייסט אַ זיפץ געטאָן.

אַרסעניעוו האָט מיט בלאַנקעדיקע אויגן אַ קוק געטאָן אויף דעם, וואָס האָט גערעדט, האָט זיך אַ קוק אום געטאָן און איז אַרויסגעגאַנגען.

די קעלט און דאָס גלאַנצן פון די שטערן, ריינע און שיינע, האָבן אים באַגעגנט אויפן הויף. זיי זענען שוין אָבער נישט אַריינגעדרונגען אין זיין מאַרך, אין וועלכן ס'איז, אַלץ דער-שטיקנדיק, אַלץ אָנפילנדיק, געשטאַנען אַ כאַאָס פון בלוט פון

די טויטע קערפער, פון אויסגעקרומטע הענט, פון נאַקעט און שרעקלעך אויסגעטאָרטשעטע ציין. און צווישן דעם אַלעם האָט מיט אַ מילדן שרעק געדוט אַ יונג, שיין פּנים מיט צעשאָטענע האָר, מיט הענט הכנעהדיק אַריינגערוקט אין דער באַראַנקע־נער מופּטע.

דערנאָך האָבן זיך ווייטער אויסגעצויגן אים אַנטקעגן געלע דעסנס פון לאָמטערנעס און הויכע הייזער, וואָס האָבן אויף אים שווייגעדיק געקוקט מיט פינצטערע אויגן.

די נאַכט האָט זיך געריקט ווייטער און זיך דערנענטערט צום פרימאָרגן, און מחוץ דער צייט און שטח, ווי אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט, און גלייכצייטיק אַריינגעדריקט מיט אַ שרעקלעכער קראַפט אין איר געדיכטן באַדנזאַץ דורך דער בלוטיקער האַנט פונם טויט און ליידן, איז אַרסעניעוו געפאָרן פון איין שפּיטאָל אין אַנדערן און פאַר זיינע פאַרשטאַרטע אויגן, אין וועלכע ס׳איז שוין נישט געווען קיין האָפענונג און נישט געווען קיין אַנדערער אויסדרוק, אַ חוץ אַ פאַרשטאַרטער פּחד, — זענען פאַרבייגעגאַנגען לאַנגע רייען טויטע קערפער, קעפּ מיט בלאָע ליפּן, אויסגעטאָרטשעטע ציין, נאַקעטע, פאַרוואָרפן מיט שמאַטעס און צוגעדעקטע מיט רויטע צלמים אויף ווייסע ליילעכער, אונטער וועלכע ס׳האָבן דייטלעך געטאָרטשעט ווינקלען און בערגלעך פון טויטן קערפער.

דאָס איז געווען אַ כאַאָס פון טויט און צרות, וואָס זענען נישט פאַרשטענדלעך און וואָס אַ לעבעדיקער מענטש קאָן זיך נישט משער זיין.

ווען אַרסעניעוו האָט פאַרמאַכט די אויגן, האָט זיך פאַר אים מיט אַ שרעקלעכער שנעלקייט אָנגעהויבן דרייען עפּעס טרויעריקס און שרעקלעכס, וואָס איז אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן, אַזעלכעס, וואָס איז געווען פול מיט פאַרשטימלטע פּנימער, פאַרביינערטע הענט, פיל מיט בלוט און שמוץ.

ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אין זיין נשמה האָט אַן אומגעהייער גרויסע שטים געשריבן איבער זיי מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער קראַפט אין זיי, די מאַסע אָרעמע מתים, שרעקלעכע,

שווייגנדיקע און טרויעריקע, האָבן זיך געגקאָרטשעט ווי האַרבסטבלעטער אין אַ שלעכט וועטער, און שווייגנדיק אין גרויסן צער, האָבן זיי עמיצן גערופֿן אײַנשטעכנדיק אין יענעם זייערע ווײַסע, אומבאַוועגלעכע אויגן.

און די פּנימער זייערע האָבן זיך געוועקסלט, געוועקסלט אָן א סוף: דאָ אַ קינדעריש־קליינס, אַזאַ שוואַך פּנימל, דאָ אַ קאָפּ, וואָס איז טיף אַריין אין די פּלייצעס, וואָס האָט מיט די שאַרפֿע, ווייסע ציין דורכגעביסן די ליפּן, דאָ אַ רויטע באָרד פֿון אַ פּשוטן און, אַפֿילו טויט זייענדיקן גוטמוטיקן מענטש, די רונדע, טויטע, נאַקעטע פּלייצעס, באַשאָטן מיט דער פּראַכט פֿון טויטע האָר, און אַ רונדע ברוסט, וועלכע איז, אַפֿילו אינם גרויל פֿונם טויט אויך אַזאַ זינדיקע און אומפֿאַרשעמטע — דאָס אַלץ האָט זיך ווי אַ וויכער אַריבערגעטראָגן אין זיין זכּרון און אומענדלעכע, שרעקלעך אויפֿגעבראַכטע רייען.

און אַ שרעקלעכע שטים האָט געשריגן אין דער נשמה, וועקנדיק די טויטע, און זיי האָבן זיך געדרייט פֿאַר די פֿאַרמאַכטע אויגן, בלאַנקנדיק טריב מיט זייערע בלוטיקע ווונדן און מיט זייער טויטן, ווייסן בליק.

דאָס גאַנצע גלויבן, דער גאַנצער כּח, די גאַנצע פֿרייד זענען אַוועק פֿון אַרסעניעווס נשמה און איר פּוסטקייט איז געווען בלויז דער טויט, אַזאַ שטומער, פֿינצטערער און קאַלטער, ווי דער קבֿר.

III

דער בלאָער טאָג איז אויפגעשטאַנען פון יענער זייט הייזער און זייערע הייסע ווענט זענען גראָ געוואָרן, טריב בלאַנקנדיק מיט די שויבן פון די פענצטער. דאָס, וואָס איז געווען אַרסעניצוו מיט זיין ריינער, טרוימישער און מילדער נשמה, איז איצט צעשפּעטערט, באַדעקט מיט בלוט און שמוץ, אַוועקטראָגנדיק מיט זיך דעם עקלהאַפטן, שאַרף־זיסלעכן ריח פון טויט, און צעקנייטשט, קליינינק און נישטיק. — קוים דערקראָכן צו דער טיר פון זיין דירה. איר הויכע טיר, פּונקט ווי סודות־פול פאַרמאַכטע אויגן, איז פאַר אים אויפגעשטאַנען. ס'האָט זיך דערהערט אַ שוואַכער, זיפצעדיקער קלאַנג, ס'איז אַריבער אַ מינוט פון שווייגן און די טיר האָט זיך געעפנט. הינטער איר האָט זיך געעפנט אַ בלאַלעכע פוסטקייט פון צימערן, וואָס זענען נאָך נישט אויפגעשטאַנען פון שלאָף אין גלאַנץ פון די קאַלטע פּאַסאַדסקע פּאַדלאָגעס.

— דאָס פריילין איז צוריקגעקומען! — האָט איילנדיק מיטגעטיילט אַ באַקאַנטע שטים.

— אַ! — האָט אַרסעניצוו געענטפערט; איז, וואַקלענדיק זיך, אַריינגעגאַנגען אין צימער אַריין און שטומף זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש. ער האָט אַרויפגעלייגט דעם קאָפּ אויף די צונויפגעלייגטע, ציטערדיקע הענט און, פילנדיק ווי עס נאָגן ביי אים שטיל און שוואַך די פיס, האָט ער פאַרמאַכט די אויגן. און באַלד טאַקע האָט זיך פאַר אים אויפגעהויבן אַ רגעדיקער

קאַלטער נעפּל און אינם דאָזיקן נעפּל האָבן זיך אַ טראָג געטאָן אין אַן אומעגדלעכער ריי אַ פאָרמלאָזער קאָראָהאָד פון מתים.

— וואָלאָדיע, טייערער און ליבער! ווו ביסטו געווען? — האָט אים גערופן אַ שטים, אַזאַ וואַרעמע און מיט אָן אַ סוף ליבע — כ'האָב זיך אַזוי אָנגעליטן... מ'האָט מיך אַרעסטירט... און דו?

אַרסעניעוו האָט שטורמיש זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט. מיט אַ ליידנשאַפטלעכער פרייד האָט ער אַ כאַפּ געטאָן סאַשן פאַר די האַנט און איז מיטאַמאָל שטיין געבליבן. די פרייד איז מאַכטלאָז געשטאָרבן... אים האָט זיך פלוצלינג אויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַלץ איינס: טאַשע האָט זיך צוריקגעקערט, נאָר די פריערדיקע רויקייט, דאָס פריערדיקע, גליקלעכע, ליכטיקע לעבן וועט זיך שוין נישט צוריקקערן און אַזאַ לעבן וועט שוין מער נישט זיין. אין אַרסעניעווס נשמה איז אַריינגעדרונגען עפּעס בייזעס, קאַלטס און שרעקלעכס, אין וועלכן ס'איז נישט פאַראַן קיין אָרט פאַר דער פריערדיקער, שטילער פרייד.

אַ גראָער שיין האָט זיך בגנבה געגאָסן אין די פענצטער, ס'איז געווען גראָ און קאַלט. סאַשעס גרויסע, טונקעלע אויגן האָבן געקוקט טרויעריק און נישט ווי שטענדיק.

און פלוצלינג האָט אַרסעניעוו מיט אַ שרעקלעכער קראַפט צונויפגעביילט די פויסטן און אין אַ שרעקלעכן אויפשוווּנג פון כּעס און שנאה, משוגע אויסגעצויגן די אויגן און, זיך פאַרכליענדיק, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען:

— גאָט מיינער, וואָס איז דאָס אַזוינס?... סאַשע טייערע, סאַשע, אַ גאַנץ לעבן וועל איך נישט פאַרגעסן דידאָזיקע נאַכט... וואָס האָבן זיי געטאָן... די פאַרשאָלטענע חיות!

און ער האָט זיך צעוויינט, איינגאַנצן זיך צוזאַמענקאָרטשענדיק אין אַ קנויל. אין זיין נשמה זענען פאַרשווּנדן געוואָרן אַלע שטאָלצע און שיינע טרוימען און ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט דער פרייער, ריינער געדאַנק.

— טייערער, ליבער מיינער! — האָט איינבייגנדיק זיך איבער זיין קאָפּ, סאַשע געוויינט — וואָס קאָן מען טאָן... ס'ווייזט

אויס, אַז דיראַזיקע קרבנות זענען נייטיק פאַר דער צוקונפט...
אַנדרעע וועט דערפאַר זיין לייכטער צו לעבן!

— אַנדרעע! — האָט מיט אַ מאָדנעם שפּאָטישן שמייכל אַרסעניעוו אַ געשריי געטאָן. — צי וועט אָבער זיין בעסער יע־נע, וועלכע האָבן עס געטאָן?...

— וואָס־זשע — האָט זיך סאַשע אָפּגערופן, איינקוקנדיק זיך אומרו‌יִק אים אין די אויגן — ס'וועט קומען זייער רו אויך...

— כ'ווייס עס... — האָט ער, פּלוצלינג אַ לאַך טוענדיק, קאַלט און צוריקגעהאַלטן געענטפערט.

און אין זיין פּנים איז פאָרגעקומען אַ מאָדנע שרעקלעכע ענדערונג: דער אויסדרוק פון שרעק און מאַכטלאָזן צער איז פאַרשוואונדן געוואָרן, די אויגן זענען געוואָרן קיילעכדיק און האָבן קרום אַ קוק געטאָן אין ווינקל, די ליפּן האָבן זיך צו־נויפגעפּרעסט, אויף די באַקן זענען אַרויסגעטרעטן רויטע פלעקן.

— וואָלאָדיע, וואָס איז מיט דיר? — האָט סאַשאַ אַ דער־שראָקענע, אַ געשריי געטאָן, טרייסלענדיק אים פאַר דער האַנט.

ער האָט נישט געענטפערט, האָט געקאָסעט מיט די אויגן און דין געלאַכט.

ער האָט געשוויגן, מחמת דאָס משוגעת פון גרויסן יאוש האָט אים צוגעדריקט די נשמה.

ער האָט געשוויגן, נאָר אַלץ האָט זיך אין אים געריסן אַ געשריי צו טאָן, אַ קלאַפּ צו טאָן אין דער ערד, זי צעשמע־טערן, צו פאַרניכטן אַלע מענטשן און צו שרייען אָן אַ סוף, אַזוי, אַז די גאַנצע וועלט זאָל דערהערן דעמראָזיקן היל־ביקן שלעכטס אָנזאָגנדיקן קול פון יאוש און... נקמה.

אין דאָרף

I

די זון איז אונטערגעגאַנגען, און די דעכער פון די כאַטעס האָבן אויסגעזען ווי גאָלדענע: אויף די גערטנער און אויפן וועג האָבן זיך געלייגט לאַנגע, גרינע שאָטנס. די ווייסע העמדער פון די זעלנער און די טונקעלע, גרויסע פערד האָבן משונהדיק און אַרויפוואַרפנדיק אַ פחד פילפאַרביק געמאַכט די גאַס. דער קאָרנעט טשערקעסאָוו איז, גלאַנצנדיק מיט די לאַקירטע שטיוול, שטיל געגאַנגען איבער דער גאַס און מיט נייגעריקע האַסטיקע אויגן געקוקט דורך די פּאַרקנס אויף די הויפן און אויף די גערטנער. דאָרט איז געווען פוסט און טויט־שטיל. די פינצטערע פענצטער האָבן בלינדלעך און סודותפול געקוקט אויף דער גאַס, אָפּשפּיגלענדיק אין די פאַרשטויבטע שויבן טשערקעסאָווס פּנים און ווייסן מונדיר. און אין די גרינע גערטנער זענען שווייגנדיק און ווי האַלטנדיק עפּעס פאַרבאָרגן, געשטאַנען דערנער-קוסטעס, קעפּלעך קרויט און געלע טעלער פון אייערבלומען, וואָס האָבן זיך געשאָקלט אויף זייערע לאַנגע און דינע שטאַמען. אין די הויפן האָט מען נישט געזען קיין לעבעדיקע נשמה און ס'האָט אויסגעזען, אַז זיי — די זעלנער, אָפיצירן און פערד — זענען מיט זייער גאַנצן גערויש, קלאַנג און פילפאַרביקייט, אַריינגעפאַלן אין עפּעס אַ טויט, פוסט אָרט.

טשערקעסאָוו האָט געוואוסט, פון וואַנען דאָס נעמט זיך: אַלע פויערים האָבן, נאָך מיט צוויי שעה פאַר דעם, ווען די זון איז נאָך געשטאַנען הויך אין הימל, זיי באַגעגנט ווייט פון דער

ראַגאַטקעביים בזשאָזע-וועלדל, וואָס מ'זעט פון דאַנען קוים אַרויס. אַן אומגעהייער גרויסער, שוואַרצער און פאַרשטויבטער המון איז געשטאַנען אויפן וועג און האָט זיך איבער אים שרעק-לעך געשאָקלט און ס'האָט געבלאַנקט אַ וואלד פון קאָסעס, ווידלעס, גראָבע שטעקנס און העק, וואָס זענען געווען אַריינגעזעצט אין לאַנגע, פרישע הענטלעך. דערנאָך איז דער עסקאַדראָן, אויפהייבנדיק קנוילן שטויב, שווער געשפרונגען איבער אַ ווייך, צעאַקערט פעלד, אויף דער זון האָבן, ווי נאָלדענע שלענגלעך, געבלאַנקט שווערדן, און דער המון איז מיט אַ וואָיען, טופּענדיק און קלירנדיק מיט אייזן, געלאָפן אין אומאָרדנונג און מהומה, איבער די נידעריקע ערטער, בלאָטעס און איבערן קנאַקעדיקן ראַנד פון בזשאָזע-וועלדל. און היגטן, פון יענער זייט וועלדל, זענען געבליבן בלאַנקען אויפן גראָז און אין שטויב, קאָסעס און העק און ס'האָבן זיך געקאָרטשעט, דאָ אויפהייבנדיק זיך און דאָ פאַלנדיק, גראָע פויערישע פיגורן, בעדעקט מיט שטויב און בלוט.

טשערקעסאָוו גופא איז געשפרונגען אויפן רעכטן פלאַנק רייטנדיק אויף זיין ברוינעם פערד, און האָט מיט זיין אָפּטיילונג זעלנער געטריבן דעם המון צו די געביידעס פון דער פאַבריק, וואָס האָבן זיך געצייטלט פון יענער זייט וועלדל. ער איז געשפרונגען באַגייסטערט, די אויגן האָבן ביי אים געפונקלט פרייד-לעך און אומהיימלעך. אַ פריילעך געפיל פון אַ יעגער האָט אין אים געשפּילט אַזוי, אַז ער האָט אַפילו געשטשירעט זיינע ווייסע, גלייכע ציין, פונקט ווי אַ לוסטיקער, יונגער הונט. נאָר טשערקעסאָוו גופא האָט דעם המון נישט געשלאָגן מיט זיין שווערד און אויף אים נישט אויפגעהויבן די האַנט. ער האָט געגעבן אַן ערן-וואָרט זיין כלה, אַן איידל און מעלאַנכאָליש פריילין מיט טונקעלע אויגן, אַז ער וועט נישט אויפהייבן זיין האַנט צו שלאָגן און חוץ דעם, וואָלט אים דאָס געווען דער-ווידער און שרעקלעך. ווען פאַרן סאַמען קאָפּ פון זיין פערד האָט זיך באַוויזן אַ שטויביקער גראָער אָדער שוואַרצער קאָפּ פון אַ פויער, האָט טשערקעסאָוו זיך באַגנוגנט בלויז דערמיט, וואָס ער האָט איבערן דאַזיקן קאָפּ קאָנוווּלסיוו געפאָכעט מיט

זיין שווערד, און ווען אַ פרעמדע שווערד האָט פון פאָרנט אָדער אָן אַ זייט פון אים זיך אויפגעהויבן און געשניטן די לופט, האָט טשערקעסאָוו זיך אַליין איינגערעדט, אַז ער זעט עס נישט און טאַקע זיך געמאַכט נישט זעענדיק, ווי מאַכנדיק מיט די הענט, איז שווער און הילפסלאָז געפאַלן אויפן גראָז אַ גראָער, פאַרבלוטיקטער רוקן.

דער המון האָט מען טיילווייז אַריינגעשטויסן אין פאַבריק הויף, ווו מ'האָט די מענטשן אָנגעהויבן צו שמייסן מיט ריטער, און טיילווייז אין וואַלד, און טשערקעסאָווס אָפּטיילונג האָט מען מיט אַנדערע מיליטערישע אָפּטיילונגען געשיקט צו פאַרנעמען דאָס דאָרף.

וויפיל מאָל איז שוין טשערקעסאָוון אויסגעקומען דורכצוגיין מיטן פאָלק איבער דערפער. רייצן פערד און מענטשן פלעגן שלאַנק אַריינטרעטן אין די שמאָלע, נידעריקע גאַסן, אין אַלע פאַרקנס, טויערן און קרייץ-וועגן פלעגן ווערן בונט פון די ווייס-רויטע מחנות שרייענדיקע יונגלעך און לאַכנדיקע שנעל-אויגיקע מיידלעך. דעמאָלט פלעגט שטענדיק זיין פריילעך און אָנגענעם. ס'פלעגט זיך וועלן זיצן אויפן פערד, זיצן שיין און זיך ווערטלען מיטן עולם. אַצינד זענען די גאַסן געווען פוסט, ווי אַלץ וואָלט אויסגעשטאָרבן, און נאָר טיף אין די הויפן האָבן געבילט די אויפגערעגטע הינט. דאָס איז געווען נישט געוויינטלעך, אויסטערליש און האָט געוועקט אין דער נשמה עפעס זוכנדיקס און אומרויִק-גרויזאַמס.

II

טשערקעסאָוו האָט פאַרקירעוועט אָן אַ זייט און זיך פּלוצלינג אָנגעשטויסן אויף אַ געזעמל זעלבער. זיי זענען געשטאַנען איינער הארט נעבן אַנדערן, ווי אַ וואַנט פון ווייסע העמדער, און הינטער זיי האָבן אין די צוימען, צוהערנדיק זיך מיט פאַרדאַכט צום גערויש, געמאַכט מיט די אויערן די הויכע און טונקעלע פערד.

עפּעס אומגעריכט אויסטערליש, אינטערעסאַנטס און פאַרבאָטנס האָט אַ שלאָג געטאָן טשערקעסאָוון איבער די אויגן. אַ הויכער ווייס־וואָנסעדיקער דראַגונער, שטשירענדיק מיט די ציין און זידלענדיק זיך, האָט געהאַלטן פאַר ביידע הענט, וואָס זענען געווען פאַרבויגן פון הינטן, עפּעס אַ מויד, און אַן אַנדער זעלבער האָט גראָב און איילִיק געריסן אויף איר דאָס העמד און קלייד. די מויד האָט געשוויגן און זיך געריסן פונם זעלבערס הענט, וואַרפנדיק מיטן צאָפּ און בלישטשענדיק מיט די נאַקעטע טונקעלע פּלייצעס.

— אָ, נו, נו! אָט אַזוי! אויסגעצייכנט!... לייג!... — האָבן די זעלבער געשריגן מיט אַ שטאַרקן געלעכטער און פייפעריי.

איין רגע האָט טשערקעסאָוו געוואָלט זיך אַ וואָרף טאָן אויף די זעלבער און אויף זיי אָנשרייען, נאָר עפּעס ברענעדיקס און משונהדיק־אָנגענעמס האָט אים פון דעם אָפּגעהאַלטן.

— וואַרט, וואַרט אַקאָרשט, כ'בעט דיך!... כ'וועל דיר ווייזן ווי מ'טוט עס ביי אונדז אין טיפליס!...

אַ שוואַרצער, דיקער דראַגונער האָט אַ שטויס אָפּ געטאָן זיין חבר און אַ כאַפּ טוענדיק דאָס מיידל פאַר די פאַרבונדע־נע, רונדע און אָפּגעבערענטע הענט, האָט ער זי אַ שטופּ געטאָן און אומגעוואָרפן אויף די קני.

— זע, כ׳בעט דיך, וויאַזוי ביי אונדז, אין טיפליס, ווערט עס אָפּגעטאָן! — האָט שווער אָפּאָטעמענדיק דער טאָטער גע־פּלאַפּלט אין אַ זייער שלעכטן רוסיש און אַ כאַפּ טוענדיק דאָס מיידל פאַרן האַלדז, האָט ער זי אַ בייג איין געטאָן מיטן פּנים צו דער ערד. זי איז געשטאַנען אויף די קני, אָנשפּאַרנדיק זיך מיטן שטערן אין שטויב, און דער טאָטער האָט זיך פון הינטן אויף איר אָנגעלייגט. די מויד האָט קורץ און שניידנדיק אָנגע־הויבן שרייען און זיך רייסן גראַבלענדיק זיך מיטן פּנים אי־בערן שטויב.

— האַלט, האַלט, כ׳בעט דיך! — האָט דער טאָטער אויס־שטעלנדיק די אויגן אָנגעהויבן צו שרייען. פון אים האָט זיך אויף עטלעכע טריט געשפּירט אַ ריח פון אַ הייסן, אויפגערעגטן שווייס.

די זעלנער האָבן אָנגעהויבן צו ליאַרעמען און פילדערן אַרויסלאָזנדיק ווילדע אויסגעשרייען.

טשערקעסאָוו האָט דערפילט, ווי אין זיינע אויגן האָט זיך עפּעס אָנגעצונדן און די פיס האָבן ביי אים אָנגעהויבן צו צי־טערן. דעם מיידלס פּנים האָט ער נישט געזען און נאָר די רונ־דע, שלאַנקע פיס און פולע. אָפּגעבערענטע פּלייצעס זענען אים געקראָכן אין די אויגן.

— דער רוח ווייסט, וואָס דאָס איז! — האָט טשערקע־סאָוו קרום לאַכנדיק אַ צוק געטאָן מיטן אַקסל. ער האָט גע־פילט, אַז דאָס, וואָס ער האָט איצט געזען, איז אים דערווי־דער. אָבער גלייכצייטיק האָט ער אויך געפילט אַ נייגעריקייט און — אַז ער שעמט זיך פאַר עפּעס. ער איז אין דער גיך אַוועק ווייטער, אָבער זיינע אויגן האָבן, קעגן זיין ווילן, זיך געריסן אַהין, אין יענער זייט, ווו דער זעלנער, דער טאָטער, איז באַגאַנגען אַזאַ שענדלעכע טאַט איבערן מיידל. אומעטום,

אויף די הויפן, איבער די גערטנער און כאַטעס האָבן זיך אַרומגעדרייט זעלנער אין ווייסע העמדער און איבערן גאַנצן דאָרף איז געהאָנגען אַ געשריי און געלעכטער. ס'האָבן געבילט חינט, הינער האָבן געקוואָקעט און געקלאָגט האָבן הויכע, ווייבערישע קולות. דער הימל האָט אָנגעהויבן פינצטער צו ווערן.

III

— טשערקעסאָוו! טשערקעסאָוו!...—האָט צו אים געשריגן פון א הויף דער פּאָרוטשניק ניעזוואַצקי, און זיין ווייס פּנים מיט די רויטע אייגעלעך און געלע וואָנסעלעך, וואָס האָבן געטאָרטשעט אויבן אַרויף, האָט סודותדיק און רופנדיק געלאַכט.

טשערקעסאָוו איז אַריינגעגאַנגען אין יענעם הויף אַריין.

— וואָס זאָגט איר אויף דעם! — האָט ניעזוואַצקי גע־שריגן אַזוי הויך, פּונקט ווי ער וואָלט געדאַרפט ריידן צו עמיצן וואָס שטייט אויף יענעם ברעג טייך, — מיר האָבן נאָר וואָס אין גאָרטן געמאַכט אַ פריילעכן שפּאַס מיט צוויי מיידלעך, זיי אָנגעשראָקן, אָבער מיידלעך, מוז איך אייך זאָגן, אַזעלכע... מך!... — ניעזוואַצקי האָט אַ טשמאָק געטאָן מיט די ליפּן. — זיי האָבן זיך דערשראָקן און אַנטלאָפן אין כאַטע אַריין... קומט איר גייט מיט מיר?

פון דער נאָענט האָט טשערקעסאָוו דערזען, אַז דעם אָפי־צירס פּנים ברענט עפּעס אומנאַטירלעך און די אויגן ווינקע גלאַנצן.

— איין מיידל וועט איר נעמען, די אַנדערע — איך!... גוט?... וואָס? — האָט דער אָפיציר געשריגן.

— הערט שוין אויף!... — האָט טשערקעסאָוו שוואַך אָפּגע־ענטפערט, פילנדיק ווי אַ נאָגנדיקע נייגעריקייט פאַרכאַפּט און שטרענגט אָן זיין קערפּער.

— נו, וואָס?... נאַרישקייטן!... זיי זענען וועלן סיי ווי סיי

אויסנוצן! און די מיידלעך וועלן אפילו זיין צופרידן... זיי וועט עס שמייכלען און פאַר זיי וועט דאָך זיין אַ כּבוד, וואָס פּריצים... דערצו נאָך אָפיצירן!... קומט!... האָט זאַרגלאָז ניעזוואַצקי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

טשערקעסאָוו איז, נישט אַנטשיידנדיק שמייכלענדיק, נאָכגעגאַנגען ניעזוואַצקין אויפן גאַניק ער האָט נאָך נישט געגלייבט, נאָך וואָס ער גייט, נאָר נישט גיין האָט ער שוין נישט געקאָנט זיך צוריקקערן.

אין הויז איז געווען פינצטער און ס'האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון שעפּסן-פעל.

— וואַרט נאָר... צו אַלדע ריחות!... — האָט דער אָפיציר דערשראָקן אויסגעשריען.

טשערקעסאָוו האָט אין דער גיך אַ קוק געטאָן איבער ניעזוואַצקיס פּלייצע.

עפּעס ווייס, לאַנגס און ציטערדיקס איז געקראָכן גלייך אויף זיי. אין דער ערשטער רגע איז אוממעגלעך געווען צו דערגיין, וואָס דאָס איז אַזוינס און אַן אימה האָט באַהערשט די אָפיצירן אין אַ מינוט אַרום אָבער האָט ניעזוואַצקי שוין באַרויקט און באַוואונדערט, אַ געשריי געטאָן:

— דאָס איז דאָך דער אַלטער זיידע זייערער!... טפו זאָל ער ווערן!...

דער אַלטער, אין גאַנצן אַווייסער און שרעקלעכער זיידע איז געקראָכן איבער דער ערדישער פּאָדלאָגע זיי אַנטקעגן. זיינע בייניקע און אויסגעקרומטע הענט האָבן אָנשטרענגענדיק זיך געגראַבלט די ערד, און די פיס זיינע האָבן זיך מאַכטלאָז געשלעפּט. ער האָט פון דער נידער געקוקט ניעזוואַצקין אין די אויגן אַריין, און שרעקלעך איז געווען דער בליק פון דעם זקנס האַלב-טויטע, טונקעלע אויגן, וואָס זענען געלעגן איינגעפאַלן אונטער די ווייסע ברעמען. ביי דער סאַמע טיר האָט ער זיך פּלוצלינג אַ כאַפּ אָן געטאָן פאַר דעם טיר-ווענטל און ציטערדיק אין גאַנצן און שאָקלענדיק זיך, האָט ער אָנגעהויבן זיך אויפצוהייבן.

וואָס ווילסטו? — האָט נאַריש און צעמישט ניעזוואַצקי אַ זאָג געטאָן. — לאָז... דו...

— ניין, בשום-אופן נישט פאַרפלוכטער יונג... כ׳וועל נישט לאָזן!... האָט דער זקן אָנגעהויבן כריפּען, ברייט פאַנאַנדער-שטעלנדיק די הענט — וואוהין קריכסטו, אַ רוח אין דיינע ביינער אַריין!

אויף אַ רגעלע האָט ניעזוואַצקי אַ רוק אָפּגעטאָן זיך צוריק, נאָר אין זיינע אייגעלעך האָט אַ שימער געטאָן עפּעס ביטרעס און אכזריותדיקס. ער האָט זיך איינגאַנצן צוזאַמענגעצויגן, פּונקט ווי ער וואָלט זיך מכין געווען אַ שפּרונג צו טאָן, און פּלוצלינג האָט ער שנעל, אויף א גנבישן שטייגער, אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שייטל פון שווערד דעם זיידן איבער זיין פליכיקן שמוציקן שאַרבן, וועלכער האָט אַ קלינג געטאָן פון דעם, ווי אַ ליימענער טאָפּ.

— אַ... ווי!—האָט צאַרנדיק דער פּאַרוטשניק אַ געשריי געטאָן אָט האָסטו דיר!... דעם זקנס אויגן זענען לעבערלעך און שרע-קלעך ווי אַרויסגעשפּרונגען פון די אויגן-לעכער, ער האָט אַ אָכצע געטאָן, זיך אַ שאָקל געטאָן צוריק, דערנאָך פּאַרנט. און איז שווער אין הויז אַ פאַל געטאָן אויף אַ זייט, פּאַרויס

IV

עפעס אַ בייגזאַם טונקל פיגורל, אַרויסרייסנדיק זיך פלוצלינג פון יענער זייט טיר, ווי אַ חיהלע, האָט זיך שנעל פאַרבייגעטראָגן פאַר די אָפיצירן אין הויף אַריין.

— שטיי!... האַלט!... אַך, איר!... — האָט ניעזוואַצקי געשריגן און אַ קלאַפּ טוענדיק זיך מיט דער פלייצע אונגם טירברעטל, איז ער אַרויסגעשפרונגען אין הויף אַריין.

טשערקעסאָוו איז געבליבן אַליין. ער האָט געהערט, ווי איבערן הויף האָט געטופּעט, קלינגענדיק מיט די שפּאָרן דער אָפיציר, ווי דער פּאַרקן צום גאָרטן האָט געטרעשטשעט און ס'האָט אַ געשריי געטאָן אַ דינענקע שטימעלע פון אַ פרוי באַמיענדיק זיך ווי פריער נישט צו זען די צונויפגעקאָרטשעטע ווייסע קופּע אין ווינקל, איז ער אַוועקגעגאַנגען ווייטער, און נאָך אַלץ נישט גלייבנדיק, נאָך וואָס ער גייט, האָט ער מיט אַ מאָדנער האַרץ-קלאַפּעניש געעפנט די טיר און איז אַריינגעגאַנגען אין כאַטע.

אין דער כאַטע איז געווען שטיל און ריין. די אויפגערוימטע בענק זענען געשטאַנען ביי די ווענט. די הייליקע בילדער האָבן נישט העל געבלישטשעט און פינצטערן ווינקל. ס'האָט זיך געטראָגן אַ קרעפּסטיקער געשמאַקער ריח פון ברויט און קאַפּושניאַק. אין ווינקל, פון יענער זייט קאַרטונענעם פאָרהאַנג, האָט זיך עמיצער באַהאַלטן, און מיטן אינסטינקט האָט טשערקעסאָוו געטראָפן, אַז דאָס איז אַ פרוי און אַז זי וועט אים

ער האָט נישט דרייסט געמאַכט אַ פּאָר טריט צום פֿאָרהאַנג און אים שטיל און פֿאָרזיכטיק אַ רוק אָפּ געטאָן אָן אַ זייט, דאָרט, צוקוועטשנדיק זיך צו דער וואַנט און צודריקנדיק צו דער ברוסט די הענט, איז געשטאַנען אַ נישט הויכע שטשופּלע מויד, און אירע טונקעלע אויגן האָבן געקוקט אויף טשערקעסאָוון דערשראָקן און ווילד. טשערקעסאָוו איז האַרט צוגעגאַנגען צו איר. עפּעס שפּרינגענדיקס און אומגעדולדיקס האָט אים ווי געשטופּט צו איר. די מויד האָט אויף אים געקוקט, נישט פֿינטלדיק מיט די אויגן.

— דו... האָט טשערקעסאָוו שטיל אָנגעהויבן און אַליין געהערט, ווי זיין שטים האָט אויפגעציטערט.

די מויד האָט פּלוצלינג שטיל אָנגעהויבן צו וויינען און נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פֿונם אָפֿיציר. אין כאַטע איז געווען פּוסט און פֿינצטער. אין די פֿענצטער האָבן געדופּט די קאַרשן-ביימער און ס׳האָט זיך געהערט, ווי ערגעץ האָט געקוויטשעט אַ „ברוגעס-שטאָרך“.

— אַזאַ שיינע און וויינט גאָר! — האָט נישט וויסנדיק, וואָס צו זאָגן, טשערקעסאָוו זיך אָפּגערופֿן און זי גענומען פֿאַר דער האַנט. מ׳האָט געזען, ווי איר ברוסט האָט זיך נישט גלייך און אומרויק אויפגעהויבן אונטערן ווייסן גראָבן העמד, און ווי אירע באָרוועסע פֿיס זענען געווען אַרומגענומען מיט אַ בונטער פּלאַכטע. טשערקעסאָוו האָט זיך פּלוצלינג איינגעבויגן און אַ קוש געטאָן דער מויד אין באַק. די מויד האָט זיך אַ רוק אָפּ געטאָן אָן זייט און אירע שוואַרצע אויגן האָבן זיך אַזוי געעפֿנט, אַז איר געזיכט איז געוואָרן פֿאַרקריפּלט. טשערקעסאָוון האָט אָנגעהויבן שווינדלען אין קאָפּ און די פֿיס — צו נאָגן. דאָס באַוווסטזיין פֿון זיין מאַכט און אומבאַשטראָפֿלעכקייט האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ חיה. ס׳איז געווען אַ בושה און שרעקלעך. ס׳איז געווען זיס, — זיסלעך, וואָס ביז איצט איז עס נאָך נישט פֿאַרזוכט געווען — צו אָנערקענען, אַז די־דאָזיקע פֿרוי איז אין זיין פֿולער מאַכט, און אַז ער קאָן טאָן מיט איר, וואָס ער וויל.

פּלוצלינג האָבן זיינע הענט אָנגעהויבן צו ציטערן און די

ציין האָבן זיך פעסט צוגעפּרעסט. די אויגן זענען געוואָרן רונד און משוגע.

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס מיידל פאַרן קראַגן פון העמד און זי אַ צי געטאָן.

ס'האָט זיך אָפּגעריסן די שנור און פאַר אים האָבן עפּעס צו האַסטיק און ווי אומגעריכט אַ ציטער געטאָן צוויי נאַקעטע, רונדע שוואַרצהנעוודיקע ברוסטן.

ער איז אויף אַ רגע פאַרכליניעט געוואָרן און האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אין די אָרעמס, זיך באַמיענדיק דאָס צו טאָן וואָס גראָבער און איר פאַרשאַפן וואָס מער ווייטאָק.

דאָס מיידל האָט נישט געשריען. אין אירע, ברייט געעפנטע, אויגן איז געווען עפּעס זינלאָזס און צעלכעס, וואָס איז ווייט פון אים.

און ווען ער האָט זי אַ וואָרף געטאָן גלייך אויף דער פּאָדלאָגע, האָט זי נאָר געציטערט און שטיל געשעפּטשעט:

— אָ... אָ... פּאַניטשו*)... אָ...

אונטער אים האָט שוצלאָז זיך געצאַפּלט אַ קליינער, וואַרע-מער פרעמדער און שוצלאָזער גוף, און די קני פון זיינע רייטוזן האָבן, זיך פּאַטשנדיק, געריבן איבער דער שטויבעקער ליימענער פּאָדלאָגע.

דאָס פּנים איז טשערקעסאָוון געווען רויט, שוויציק, מיט זינלאָז אויסגעטאָרטשעטע אויגן, און ער אַליין האָט נישט באַמערקט, ווי פון מויל-וו בקי אויף דער גאָמבע פליסט ביי אים הייסע אויפגערעגטע סליונע.

ווען טשערקעסאָוו איז ארויס אויף דער גאַס, איז שוין געווען אָוונט. איבער די כאַטעס און די טאָפּאָליעס האָבן זיך מילד און דורכזיכטיק אָנגעצונדן שטערן.

---

*) יונגער פּריץ.

V

ס׳איז שוין געשטאַנען אַ פינצטערע נאַכט אָן אַ לבנה. אויפן הימל איז געווען אַזוי פיל שטערן. אַז ס׳האָט זיך גערדאַכט, אַז ער איז געדיכט באַשטויבט מיט גאָלד.

דער עסקאַדראָן איז טויב אויפטרייסלענדיק די ערד, אַרויס אין פעלד אַריין און האָט זיך אויסגעצויגן איבערן שליאַך, וועלכער האָט זיך קוים געווייסלט אין דער פינצטערניש און שוואַך זיך געשטויבט אונטער די פיס פון די פערד.

ס׳איז געווען פינצטער און שוואַרץ. די צעאַקערטע ערד אין ביידע זייטן וועג האָט אויסגעזען ווי אַ עפּעס תהום און דער וואַלד האָט אין דער ווייטן זיך געשוואַרצט שרעקלעך און סודותפול, ווי אַ פיינטלעכע מחנה, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין דער שטיל. שוואַרצע זעלנער האָבן פאַמעלעך זיך געשאָקלט אויף שוואַרצע פערד און זיך צונויפגעשמאָלצן אין איין שוואַרצע, שווער זיך באַוועגנדיקע מאַסע. ס׳האָט זיך געהערט אַ שטילער געשפּרעך און ערטערווייז האָבן דאָ זיך אָנגעצונדן און דאָ אויסגעלאָשן רויטע פייערלעך. פון פאָרנט איז געפאָרן אַ גרופּע אָפיצירן און זייערע העלע מאַנטלען האָבן בלאַס און אילוזיאָריש זיך געגראָט אויפן פינצטערן הינטערגרונט פונם סטעפּ, ס׳האָבן געפּאָרשקעט פערד.

טשערקעסאָוו איז געפאָרן אַליין פון הינטן און גערייכערט, פאַרטראַכטנדיק זיך וועגן עפּעס.

אונטער אים האָבן פליסנדיק און איינטאָניק זיך געדירט די וואַרעמע זייטן פונם פערד און אין פנים אַריין האָט זיך גע־צויגן אַ קוים באַמערקלעך נאַכט־ווינטל.

אים איז איצט געווען שווער אויפן האַרצן און ער האָט זיך פאַר עפּעס געשעמט.

אין די דערינערונגען זיינע האָט זיך דורכגעטראָגן דאָ עפּעס נאַקעטס, נייעס און עפּעס ברענענדיק־זיס, און דאָ די פרעגעדיקע אויגן פון זיין כלה.

— וואָס־זשע... אַלע זענען אַזעלכע... ווען נישט איך, וואָלט עס געטאָן אַן אַנדערער... אַ מצוה אויף זיי, אויף די בונטאָווטשיקעס... אַזוי דאַרף מען זיי באַהאַנדלען!... — האָט ער זיך באַרויקט. נאָר עפּעס אַ נישט קלאָרער פאַרדרוס אויף זיך, אויף זיין כלה און אויף עפּעס, וואָס האָט געקלעמט זיין האַרץ, האָט אים געפּייניקט און געקרייצט. און אים האָט זיך געוואָלט פאַר עפּעס אָדער עמיצן אויסגיסן זיין געפיל.

— אָבער געשיקט, ממזרל האָט ער עס אָפּגעטאָן... כ'לעבן!... געשיקט! — האָט מיט אַ טרוימערישער הנאה פון פאָרנט געזאָגט אַ שטילע זעלנערישע שטים.

— שוטה! — האָט ברוגז און ווי עפּעס אומעטיק גענטפערט אַן אַנדער שטים.

— באַ — באך!... — האָט פלוצלינג אַ קנאַק געטאָן פונפאָרנט צוויי שאָסן און צוויי קורצע פייערלעך האָבן אַ בליץ געטאָן אין דער פינצטערניש.

אַלץ האָט אַ ציטער געטאָן, ביי אַלעמען האָט זיך אַרויס־געריסן אַן אָך און אַלץ איז פאַרגליווערט געוואָרן עמיצער האָט אַ זיפץ געטאָן:

— דער...הרגעט!

און פלוצלינג איז די פינצטערקייט פון דער נאַכט דורכ־געשניטן געוואָרן דורך ווילדע געשרייען.

— אַ פאַרבאָרגעניש! האַלט! כאַפּ זיי!... שלאָג זיי!...

---

*) אַ באַהעלטעניש אויף נאַכצוקאַטשעווען דעם שונא.

וואשע בלאגאראדיע!... האלט! — האבן ווילד און נישט האר־פאניש אנגעהויבן קולות הויך צו שרייען און צו דונערן.

טשערקעסאוו האט אומבאוווסטזיניק א צי געטאן מיטן צוים פון פערד און איבעריאגנדיק דעם עסקאדראן, איז ער שנעל אוועק פארויס.

מיט א שרעקלעכן געהילך, ווי א לאווינע, מיט א געשריי און קלאנגען האט זיך די גאנצע שווארצע מאסע פערד און מענטשן געטראגן פארויס, די ערד האט זיך געטרייסלט און געזיפצט, א שטויב, וועלכן מ׳האט נישט געזען אין דער פינצטער־קייט, האט זיך אויפגעהויבן פון הינטן און מיט א געדיכטן וואלקן באדעקט דעם סטעפ. פאר טשערקעסאוון, האבן, אפשיידנדיק, זיך געטראגן שווארצע סילועטן פון שפרינגענדיקע פערד, און אין א מינוט ארום איז ער שוין געשפרונגען פון פארענטש.

פאר זיך האט ער געזען נאר די אויסגעשטרעקטע מארדע פון זיין פערד און ווייטער דער וויסטער וועג אין צוויי טונקעלע פלעקן, וואס האבן האסטיק זיך גערוקט פון פארנט.

— פויערים! — איז עפעס טשערקעסאוון דורכגעפלויגן א געדאנק אין קאפ, און א שרעקלעכער צארן, א גרויזאמער און דערשראקענער, האט צעמישט אלע זיינע געדאנקען. די האנט האט נישט ווילנדיק א קוועטש געטאן דעם שווארצן שייט פון זיין שווערד און די ציין האבן א סקושיפע געטאן.

— שטיי! — האט ער א געשריי געטאן, לאזנדיק דאס פערד לויפן פייל אויסן בויגן.

אין דערדאזיקער רגע האט ער דערזען אזעלכעס, וואס איז פאר אים געווען נישט פארשטענדלעך, אבער שרעקלעך: אין דער קווער פון גאנצן וועג האט זיך געשווארצט עפעס לאנגס, קרומס, הארנדיקס, פונקט ווי דארט וואלט געלעגן א טשערעדע אקסן אדער שדים. אויסגלאצנדיק פון שרעק די אויגן און פאר־לירנדיק די שווערד, האט טשערקעסאוו מיט אן אויסערגעוויינט־לעכער, נאר בחינמדיקער אנשטרענגונג אנגעצויגן די לייצעס, באר ס׳איז שוין געווען שפעט.

דאס פערד האט זיך אן עפעס אומגעשיקט פארטשעפעט.

מיט דער זייט, האָט ער אַ שפּרונג געטאָן פאָרויס איין מאָל
און נאָך אַ מאָל, זיך באַמיענדיק זיך איינצוהאַלטן און נישט
אַ נידערצופאַלן; פון הינטן איז, דערשראָקן כראַפּנדיק, אָנגעפלויגן
אַ ן אַנדער פערד; אַ ווילדער געשריי איז געהאָנגען אין די
לופטן, און טשערקעסאָוו, אָנציענדיק די לייצן און כאַפּנדער
מיט די הענט די לופט, איז אַ פלי געטאָן מיטן קאָפּ אַראָיק
אַ שאַרפער אייזן פון אַן אויסגעדרייטן אַקער האָט מיט יפּ
טרוקענעם קראַך אים צעריסן דעם בויך, און איבער אים אנאַ
אויף אַ רגע אויסגעוואַקסן אַ כאַאָטישער געזעמל פון מענטש,ז
פערד, געווער...
עפּעס אַ פערד האָט מיט דער גאַנצער שווערקייט צע-
קוועטשט טשערקעסאָוון דעם שאַרבן, וועלכער האָט געפּלאַצט ווי
אַ ליידיקער טאָפּ און האָט געמאַכט אַ סוף צום גרויל פון זיין
שרעקלעכן, אומגעלומפּערטן טויט אויפן שפּיץ אייזן.
ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די נאַכט גופא האָט געיאָמערט
און געקוויטשעט אין פּאַנישן שרעק און יסורים, און אין טונ-
קעלן וועלדל האָבן עטלעכע אָפּגעזונדערטע קולות, פּונקט ווי
וואַלד-שדים, וואָס מ׳זעט נישט, צאַרנדיק און פריידיק געשריגן:
— הור-ראַ!...

דער פויער
און דער פריץ

I

אין דער פרי איז אויפן פריצישן הויף געקומען אַ דאַרער אָפּגעריסענער פויער. צי דאָס איז געווען אַ מענטש, אָדער אַ מאַלפּע, אָדער פשוט אַ קנויל פאַרטריקנטע בלאָטע, — איז שווער געווען צו זאָגן. אויפן הויף איז געווען ריין ליכטיק פון קליינעם גאָרטן האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון בלומען און פון געבראָטן פלייש — פון די אָפענע קיך־פענצטער. אויפן באַלקאָן, אונטער אַ לייוונטענעם מאַרקיז איז געשטאַנען אַ טיש און פריילעך האָבן געגלאַנצט אויף אים אַ ניקל סאַמאָוואַר און אַ שניי־ווייס טישטוך.

דער פריץ אַ הויכער מענטש און אַ דוואָריאַנישן היטל אין אַ פרישער מאַרינאַרקע און הויזן פון טשעסוטשא שטאָף, איז געזעסן און אַ וויג־שטול און געלייענט אַ צייטונג. מיט אירע זייער גרויסע זייטן האָט שטיפעריש געשאָרכעט אַ ווינטל, אַ ווייכס און לוסטיק ווינטל, ווי ווייך, ווילד און לוסטיק ס'איז געווען אויך אינם ראָזיקן פרילינגס־טאָג.

דער פויער איז געגאַנגען גלייך צום באַלקאָן, געגאַנגען איז ער אָבער טריט ביי טריט, אָפּשטעלנדיק זיך נאָך יעדן טריט און אויסוואַרטנדיק.

איבערקערנדיק די זייט פון דער צייטונג, האָט דער פריץ דערזען דעם פויער און, ווי זיין שטייגער איז, אויף אים שטרענג אַ קוק געטון פון אונטער דער צייטונג.

— וואָס דאַרפסטו, — האָט ער געפרעגט. — פון וואַנען ביסטו? ווילסטו עפעס זאָגן?

דער פויער איז געבליבן שטיין אויפן אָרט ווי דער פריץ האָט אים דערזען, מיט עפעס אַ מאָדנעם, טעמפּלען און אומעטיקן אויסדרוק. פון זיינע קליינע פאַרזויערטע אייגעלעך, ענלעך אויף שפּאַריגקעס, האָט ער אַ קוק געטאָן דעם פּריץ גלייך אין די אויגן אַריין און דערנאָך, האָט ער, אַ טרייסל טוענדיק מיט די אַראָפּגעלאָזענע האָר, טיף זיך פאַרנייגט. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן און ווידער שווייגנדיק דערביי זיינע מאָגערע קרומע קני אונטער די ליוועטענע גראָבע הויזן מיט־לאַטעס.

— אַ... הילטש אַ נדבה... דער אייבערשטער וועט דיר געבן!.. — האָט דער פריץ מיט נישט קיין איבערגעלייגטן פאַרדרוס לייכט אַ מאַך געטאָן מיט די האַנט און איבערגעבלעטערט אַ זייט פון דער צייטונג.

דער פויער איז נישט אַוועקגעגאַנגען און מ׳האָט געהאַט דעם איינדרוק ווי ער וואָלט נישט געגלייבט, אַז גאָט וו׳ט אים געבן דאָס וואָס ער באַדאַרף און אויך אין דעם, אַז דאָס האָט טאַקע געזאָגט דער פריץ. ער איז נישט אַוועקגעגאַנגען און האָט, ווי פריער, געקוקט אויפן פריץ מיט אַ אומפאַרשטענדלעך אומעטיקן בליק. דערנאָך האָט ער זיך ווידער פאַרנייגט, נישט נידעריקער און נישט הייכ׳קער ווי פריער, פונקט ווי ער וואָלט דאָ אָפּגעטאָן אַ לאַנג באַקאַנטע עובדה, צו וועלכער ער איז שוין לאַנג געווען צוגעוווינט.

— טראָג-זשע זיך אָפּ פון דאַנען. — האָט דער פריץ, לייכט צערייצט און נישט ליב האָבנדיק קיין שנאָרערס, אַ געשריי געטאָן — ס׳שטייט דאָך געשריבן: דער אייבערשטער וועט געבן... גיי, טראָג זיך אָפּ!

די זון האָט געשיינט, דער הימל האָט זיך געבלויט.

דער פויער איז געשטאַנען אויף זיין אָרט און זיין קורצע פאַרקריפּלטער שאָטן האָט זיך נישט באַוועגט אויפן ריינעם געלן זאַמד פונם הויף. דער פריץ האָט באַשלאָסן נישט צו לייגן אויף

אים קיין אַכט און געמאַכט אַן אָנשטעל אַז ער באַמערקט אים נישט. ס'זענען אַריבער עטלעכע מינוטן. דער פֿויער האָט שטיל אַ זיפֿץ געטאָן, האָט זיך אַנידערגעשטעלט האַלב אַ קער טוענדיק זיך אָן אַ זייט, האָט נאָך אַ מאָל אַ קוק געטאָן אויפֿן פֿריץ און איז שטיל אַוועק, פּלאָנטערנדיק מיט די פֿיס, צום טויער.

ח

ס׳איז געווען הייס. פאַרמיטאָג איז דער פריץ, ווי זיין שטייגער איז, אַוועק זיך באָדן.

א גרויסער, פליישיקער און שטאַרק פאַרשוויצטער, איז ער פון יענער זייט גאָרטן געגאַנגען צום טייך. דער ברעג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט באַרג־אַראָפּ און פון דער הייך האָט מען געזען דעם ברייטן בלאָען שפּיגל פונם טייך, פון וועלכן ס׳האָט אַפילו בעת אַ היץ געטראָגן אַ פרישקייט און אַ ריח פון וואַסער; אין פון יענער זייט טייך האָבן זיך העט ווייט, באַדעקט מיט אַ בלוילעכן. נעפּל, געצויגן לאָנקעס. א גאָלדערנער פונק פון אַ קירכע־קאָפּ אין אַ ווייטן דאָרף האָט צאַרט און בולט געברענט אויפן סאַמן עק האָריזאָנט.

אונטערן פאַרקן פון גאָרטן, אויפן עק פונם לאַנגן גרוב, איז געזעסן דער זעלבער פויער און האָט געקוקט, אויסדרייענדיק אַ פּיס, אויף זיינע דינע לאַפּטשעס. דערזעענדיק דעם פריץ האָט ער אויפגעהייבן זיינע קליינינקע, נישט פאַרשטענדלעכע אויגן און אַראָפּגענומען דאָס היטל.

דער פריץ איז פאַרבייגעגאַנגען וואַקלענדיק זיך פון רעכטס אויף לינקס און פון לינקס אויף רעכטס, און דאָס האָרעדיקע האַנטעך האָט זיך ביי אים אויף דער פלייצע געוויגט אין טאַקט צו זיינע טריט.

אויפן ברעג איז ער לאַנג געזעסן נאַקעט און זיין ווייכער, אין די זייטן מיט שמאַלץ באַגאָסענער, גוף, צוגעוואַרעמט

פון דער זון, האָט געבלאַנקט און זיך געצערטלט. און פון הינטן, אויפן אָפּהאַנג איז געשטאַנען דער פויער, דייטלענדיק זיך אויסצייכנענדיק אויפן בלאָען הימל, און האָט געקוקט.

זיין אָנוועזנהייט האָט באַאומרויִקט דעם פּריץ, און ווען ער איז, אויסבאָדנדיק זיך, אַ פרישער, מיט נאַסע האָר צוריקגעגאַנגען אַ היים און דער פויער האָט זיך אים דאַן נאָכגעשלעפּט, האָט דעם פּריצס נעדוולד, ענדלעך געפּלאַצט.

— ווּעסט זיך פון מיר אָפּטשעפּען צי נישט, דו טייוול איינער? — האָט ער, האָסטיק זיך אַ קער אום טוענדיק בייז אַ געשריי געטאָן זיך אָנגיסנדיק אינגאַנצן מיט בלוט — וואָס ווילסטו?

-- נאַשע בלאַגאַראָדיע! — האָט הייזעריק און מאָנאַטאָן דער פויער אָנגעהויבן צו ריידן — שוין דער פערטער טאָג, ווי כ׳האָב נישט געגעסן... מיר זענען היי און תבואה-שניידער... נישטאָ קיין אַרבעט... כ׳גיי ממש אויס פון הונגער...

— בין איך אפשר אין דעם שולדיק, וואָס? — האָט זיך דער פּריץ אָנגעצונדן.

— וואַשע בלאַגאָראָדיע..

דער פויער האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט און מיט דעם זעלבן פּאַרטראַכטן הכנעהדיקן אויסזען, אויך אַזוי פאַמעלעך און פשוט, ווי ער האָט גערעדט, האָט ער זיך אַנידערגעשטעלט אין שטויב אויף די קני.

דער פּריץ האָט ברוגז אַ קוק געטאָן אויף דעם פויערס פאַרשטויבטן גראָען קאָפּ, האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַוועק.

די זון האָט געבראָטן גלייך אין פויערשן קאָפּ ס׳איז געווען שטיל און הייס.

III

דעם אָוונט-טיי האָט מען געטרונקען אין גערטנדל אונטערן לינדן-בוים. די זון איז שוין געשטאַנען נידעריק און האָט פאַרגילט דעם שטויב, וועלכן ס'האָט אויפגעהויבן די נאָר וואָס דורכגעגאַנגענע טשערעדע. פון יענער זייט טויער האָט דער קוטשער געשפילט אויף אַ האַרמאָניע. דער הימל איז געוואָרן צערטלעכער און פון גאָרטן האָט זיך געטראָגן אַ גרינע קילקייט. דער פריץ איז געזעסן אין פאָטעל און פאַרענדיקט אויסטרינקען דאָס צווייטע טעצל טיי, וועלכער איז, נאָכן הייסן נאָכמיטאָקדיקן שלאָף געווען אויסערגעוויינטלעך געשמאַק. אין דער לופט איז געווען אַזוי שטיל, אַז ס'האָט זיך עפּעס געוואָלט קוקן אין הימל, וווּ ס'האָט זיך ווייך און רויִק געשמאָלצן דער בליק.

— האָט רחמנות... — דער פערטער טאָג... — האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ הייזעריקע שטים פון יענער זייט פּאַרקן.

דער פריץ האָט אַ ציטער געטאָן פון אומגעריכטקייט.

פון יענער זייט פּאַרקן האָט אויף אים געקוקט דער זעלבער פויערשער קאָפּ, מיט אַ פּנים אָפּגעברענט פון דער זון, און מיט קליינע אומפאַרשטענדלעך גישט אויסדרוקספולע אויגן.

— ביסט ווידער דאָ! האָט דער פריץ משוגע אָנגעהויבן צו שרייען, אויפשפּרינגענדיק פון אָרט, אַזוי אַז אין האַלדז ביי אים האָט עפּעס אַ קוועטש געטאָן.

— פאָל, פאָל, אום גאָטעס ווילן! הער אויף — האָט, מאַכנדיק אַ זויערע מינע פונם געשריי, די פריצטע אָנגעהויבן

מאַכן מיט די הענט אויף אים, און די ווייסע שפיצן פון איר פעניוואַר, האָבן אַנטבלויזט פּוכקע ראָזיקע עלנבויגן.

— ס'הייסט „הער אויף״! ס'טו געזען אַזוינס; אַ גאַנצן טאָג גייט ער מיר נאָך דער דאָזיקער אָקס, און טרעט נישט אָפּ פון מיר! — האָט דער פּריץ אַ צי געטאָן מיט די פּלייצעס און זיך געבייזערט, — סעמיאָן! סעמיאָן! — האָט ער אָנגעהויבן הויך צו שרייען.

דער קוטשער האָט פון יענער זייט טויער אויפגעהערט צו שפּילן אויף דער האַרמאָניע און איז אַריינגעקומען אין הויף אַריין.

— נעם די רגע אַוועק דעם דאָזיקן לאָבוז... ער האָט מיך דערעסן, ווי דער רוח ווייסט וואָס!

דער דיקער קוטשער איז פויל צוגעגאַנגען צום פויער.

— נו... רוק זיך... גיי! טראָג זיך אָפּ... פּיל אייערע שלעפּן זיך דאָ אַרום! מיר קאָנען אייך שוין.

דער פויער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און ווידער עקשנותדיק געווענדט זיינע אויגן צום פּריץ. דער קוטשער האָט אַ נעם געטאָן דעם פויער פאַר די פּלייצעס און אום אַ קער אום געטאָן.

— דו, וואָס טוסטו... — האָט פּלוצלינג דער פויער, באַליידיקט, אָנגעהויבן, — כ'טשעפּע דען דיך? כ'בין געקומען צום פּריץ, צו זיין רחמנית... לאָז, וואָס כאַפּסטו זיך!

— נו, נו!... האָט דראָענדיק דער קוטשער אָנגעהויבן און ווידער אים אַ נעם טוענדיק, אים אַ שטויס געטאָן אין רוקן. — גיי, ווען מ'זאָגט דיר מיט גוטן! טראָג זיך תיכף אָפּ פון דאַנען, ווען נישט...

— אַ שאָד אייך צו געבן אַ הונגעריקן אַ שטיקל ברויט...— האָט מיט אַ וויינעדיקער שטים דער פויער אָנגעהויבן — כ'בעט... וואָס-זשע... איר האָט נישט גאָט אין האַרצן... איר זענט צו פעט געוואָרן.. פּריצים, בעוונתינו הרבים, אַ ברעקל ברויט פאַר אַ הונגעריקן איז..

— דו האָסט נאָך די העזה צו ריידן! — האָט דער פּריץ אַ געשריי געטאָן, שטאַרק רויט ווערנדיק פון פּעס.

— וואָס שרייסטו אַזוי די גאַנצע צייט... איך האָב דיר דען מיט עפּעס פּוגע-בכבוד געווען!

— סעמיאָן. — האָט דער פּריץ אַ קוויטש געטאָן — דער־לאַנג אים אין קאַרק און טרייב אים אַרויס!...

סעמיאָן האָט נאָך אַ מאָל אַ קער געטאָן דעם פּויער פאַר דער דאַרער פּלייצע און לייכט אָנציענדיק זיין רויטן נאַקן, וואָס איז געווען איבערגעצויגן מיט אַ ראָזיק ציצן העמד, האָט ער דערלאַנגט דעם פּויער איינמאָל און נאָך אַ מאָל א קלאַפּ אין האַלדז.

דער פּויער האָט פאַרלאָרן דאָס היטל, האָט זיך אַ גליטש געטאָן און נישט קאָנענדיק זיך איינהאַלטן אויף די פיס, איז ער אַנידערגעפאַלן אין שטויב.

פון יענער זייט טויער האָט מען זיך הילכיק צעלאַכט.

דאָס געלעכטער האָט סעמיאָנען אַריינגעגעבן חשק זיך ווידער צו נעמען צום פּויער. ער האָט אויפגעהויבן פאַרן קראַגן דעם געפאַלענעם פון דער ערד און אים אַ שטויס געטאָן מיטן שטיוול אונטערן רוקן.

— ראַטעוועט... — האָט מיט אַ דינענקער און דערשראָ־קענער שטים דער פּויער אָנגעהויבן צו שרייען נאָך הילף, באָר סעמיאָן האָט אים נעשלעפּט פאַרן קראַגן און לייכט אַרויסגע־שטופּט פון יענער זייט טויער, אויפן שטויביקן וועג.

לאַנג האָט מען נאָך געהערט, ווי דער פּויער האָט געשריען און ווי סעמיאָן האָט זיך געזידלט, אָנרייצנדיק אויף אים הינט.

ס'איז שוין געוואָרן פינצטער. די שטערן האָבן זיך שטיל אָנגעצונדן אויפן סאַמעטענעם הימל, און ווייט אויפן וועג האָט, קוים צו הערן, אַלץ געקלונגען און געקלונגען די ווייַנעדיקע שטים;

— קריסטוס-פּאַרעטער... פּריצים מ'שטיינס-געזאָגט... אַ תוגנע־

ריקן מענטשן... אוּ–אוּ... זיי האָבן אַלץ פאַרכאַפּט... אוּ–אוּ...
וואַרט... איר וועט זיך שוין אויסבעטן אַ שוואַרץ יאָר...
אין הויז האָבן זיך אָנגעצונדן פייערן.

IV

די נאַכט איז געווען אַ לבנהדיקע און וואַרעמע. די פענצטער אין גאָרטן זענען געווען געעפנט און האָבן זיך געשוואַרצט אויף דער וואַנט, וואָס איז געווען ווייס פון דעם לבנה־שיין. די בלעטער אויף די ביימער און קוסטעס האָבן געגלאַנצט פון טוי פון יענער זייט גאָרטן האָט געשריען אַ פויגל, און די לבנה אַ תּלע און שטילע, איז נישט באַמערקלעך געשווימען איבערן הימל, אויפהייבנדיק ווייסע נעפּלען אויף די לאַנקעס.

דער פריץ איז געשלאָפן. זיין אומגעהייער גרויסער גוף האָט קוים געפּלימערט אויפן בעט און אַ לייכט כראָפּן האָט שטיל צוגעפּייפט אין דער פינצטערניש, דער שיין פון דער לבנה האָט זיך געלייגט אויף דער פּאָדלאָגע, ווי אַ זילבערנער פלעק.

פּלוצלינג האָט פון יענער זייט פענצטער עפּעס אַ שימער געטאָן און פאַרשוווּנדן געוואָרן. ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ס'איז געוואָרן נאָך שטילער. ס'האָט ווידער אַ שימער געטאָן אַ שאָטן און אַ סילועט פון אַ טונקעלן צעשויבערטן קאָפּ האָט זיך אומבאַוועגלעך באַוויזן אין ליכטיקן פירעק פונעם פענצטער. און פונקט אַזאַ שאָטן האָט זיך געלייגט אויף דער פּאָדלאָגע. דער פּריץ האָט ווידער אָנגעהויבן פּייפן מיט דער נאָז און עפּעס אַ מורמל געטאָן אין שלאָף.

ווייט, אין הויף פון די עופות, האָט אַ קריי געטאָן דער האָן, און דאָס קלינגעדיקע נביאותדיקע קרייען האָט זיך אַוועקגעטראָגן הויך אין טונקעלן הימל איבערן פּאָלוואַרק.

דער שוואַרצער שאָטן פֿונם פֿויער האָט פֿאַרשטעלט דעם שיין פֿון דער לבנה.

עפּעס האָט ווייך אַ שפּרונג אַראָפּ געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע און איז ווי פֿאַרשטאַרט געוואָרן. דער פֿריץ האָט פּלוצלינג אויפֿגעהערט צו פֿייפֿן מיט דער נאָז און, ס׳האָט אויסגעזען, אַז ער האָט אָנגעהויבן זיך צו הערן. נאָר דערנאָך האָט ער שטיל און רויק ווידער אָנגעהויבן צו פֿייפֿן.

עפּעס שווערס האָט זיך מיט אַן אָנגעשטרענגטן כּוח אויפֿגעהויבן און איז אַראָפּגעפֿאַלן אַראָפּ עפּעס האָט אַ קנאַק געטאָן, ווי אַ שטיק פֿלייש בעת מ׳האַקט עס; עפּעס האָט עקלהאַפֿט אַ כליופּע געטאָן. און אַ שפּריץ געטאָן און וואַרעם. דער פֿריץ האָט שווער און קראַמפּהאַפֿט זיך אָנגעהויבן רירן און דרייען אויף זיין געלעגער און פּלוצלינג אָנגעהויבן כראָפּען לאַנג און שרעקלעך.

ווידער האָט טרויעריק און וואָרנדיק אַ קריי געטאָן דער האָן. די נאַכט האָט שטיל זיך דערנענטערט צו איר סוף, און די לבנה האָט אָנגעהויבן זיך אַראָפּלאָזן פֿון יענער זייט פֿענצטער גאָרטן.

עמיץ האָט האַסטיק אָנגעהויבן טאַפּטשען איבערן גאָרטן, דער פֿאַרקן האָט אָנגעהויבן קנאַקן, די זשאַבעס האָבן זיך הויך אַ בולקע געטאָן אין וואַסער אַריין און אַלץ איז שטיל געבליבן.

דער פֿריץ האָט געשוויגן. די לבנה האָט געקוקט שוין בלויז מיט איין עק, און איר האָבן זיך דייטלעך געפֿרעגט שוואַרצע בלעטער.

דער האָן האָט געקרייט דאָס דריטע מאָל.

דער רעוואָלוציאָנער

דער לערער לודוויק אַנדערסן איז אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן פון דער שול און האָט באַשלאָסן צו גיין שפּאַצירן צום ווייטן וועלדל. וואָס האָט, ווי לייכטע בלוילעכע שפּיצן, זיך דייטלעך געבלאָט אויפן ווייסן שניי אין פעלד, אַ וויאָרסט צוויי פונם דאָרף.

דער טאָג איז געווען אַ ווייסער, אַ ליכטיקער: פונם ריינעם ווייסן שניי און פון די שוואַרצע פּאַרקן-שטאַנגען האָט זיך געשאַפן אַ פריילעכע ריינע פּילפּאַרביקייט, און די לופט איז געווען אַזוי לייכט און דורכזיכטיק, ווי זי איז נאָר אין סאַמע אָנפאַנג פרילינג.

„נאָך איין פרילינג פון מיין לעבן! האָט לודוויק אַנדערסן, טיף און לייכט אָפּאָטעמענדיק, זיך געטראַכט, זייענדיק געניגט צו סענטימענטאַלער פּאָעזיע.

און אַ קוק טוענדיק דורך דיברילן אויפן הימל, האָט ער פאַרלייגט די הענט הינטערן רוקן. האָט אַביסל געדרייט און געפאָכעט מיט זיין שטעקן און זיך געלאָזט גיין פאָרויס.

און פונקט אין דער רגע האָט ער דערזען אויפן וועג, פון יענער זייט פּאַרקן, אויפן עק גאָרטן, אַ גאַנץ געזעמל מענטשן, און פערד.

דאָס זענען געווען זעלנער. אויפן ווייסן שניי האָבן זיך געגראָט זייערע איינפאָרמיקע מאַנטלען, ס׳האָבן געגלאַנצט די קאַראַבינען, די פערדישע וואָל, און מ׳האָט געזען, ווי זיי האָבן

זיך באַוועגט, טרעטנדיק נישט געשיקט, איבערן שניי מיט זייערע קרומע קאַוואַלערסקע פיס, אין דער ערשטער רגע האָט לודוויק אַנדערסן נישט פאַרשטאַנען, וואָס זיי טוען דאָרט, נאָר מיטאַמאָל, נישט אַזוי מיטן מוח, ווי מיטן האַרץ, האָט ער דערפילט, אַז זיי טוען דאָ אָפּ עפּעס נישט קיין געוויינטלעכס און שרעקלעכס. און אויפן זעלבן אופן, אינסטינקטיוו, האָט ער אויך דערפילט, אַז מ׳דאַרף זיך באַהאַלטן און זיי נישט אַריינפאַלן אין די אויגן אַריין.

האַסטיק, נישט אַראָפּלאָזנדיק אָבער די הענט, וואָס זענען געווען פאַרלייגט הינטערן רוקן, האָט לודוויק אַנדערסן זיך אַ רוק געטאָן לינקס און, ווערנדיק מיטאַמאָל פאַרזונקען ביז די קני אין ווייכן שמעלצעדיקן, ברוכיקן שניי, זיך אַנידערגעשטעלט בײַ אַ נישט הויכן באַרג פאַריאָריקן היי. פון דאָרטן, אויסציענדיק דעם האַלדז, האָט ער קלאָר געזען, וואָס די זעלנער טוען.

זיי זענען געווען אַ מאַן צוואַנציק, און צווישן זיי איין אָפיציר, אַ יונגער, פעסטער אין אַ גראָען מאַנטל, שוין איבערגעכאַפּט מיט אַ זילבערנער בינד שניר. דאָס פּנים איז בײַ אים געווען אַזוי רויט, אַז לודוויק אַנדערסן האָט דורכן גאַנצן גאָרטן געזען, ווי משונהדיק ס׳האָבן זיך געווייפלט אויף אים העלע טאָרטשענדיקע וואָנסעס און ברעמען. ער האָט עפּעס גערעדט, און זיין שטים, אַ שניידיקע און אָפּגעבראָכענע, האָט דייטלעך דערגרייכט צו לודוויק אַנדערסנס אויערן. דער לערער האָט זיך צוגעהערט.

— כ׳ווייס אַליין, וואָס איך האָב צו טאָן! — האָט דער אָפיציר געשריען, שטייענדיק מיט זיי הענט אויף די באָקעס און קוקנדיק אויף עמיצן אַראָפּ, פון אונטן אין דער קופּע זעלנער, וואָס זענען דורך אַ קאָמאַנדע זיך צונויפגעגלאָפּן אויפן אָרט,— איך וועל אייך שוין ווייזן בונטעווען... לאָבוזעס געמיינע!

אַ נישט קלאָרער פּחד האָט צונויפגעפּרעסט אַנדערסנס האַרץ.

„גאָט מיינער! צי האַלט עס טאַקע דערבײַ״... האָט זיך

דורכגעטראָגן אין זיין מאַרך, און עפּעס אַ קעלט האָט אים אַ כאַפּ געטאָן ביים קאָפּ.

— הער אָפיציר, — האָט זייער שטיל און דייטלעך געענט־פערט עמיצנס איינגעהאַלטענער קול פונם קופּעלע זעלנער, — איר האָט נישט קיין שום רעכט... אויף דעם איז פאַראַן אַ געריכט... איר זענט נישט קיין ריכטער... דאָס וועט זיין פּשוט אַ רציחה, און נישט...

— שווייגן! — האָט דער אָפיציר אַ געשריי געטאָן, אַ מאַך טוענדיק מיט דער ווייסער האַנטש, און ס׳האָט זיך געהערט, ווי ער האָט זיך פאַרכליניעט פון בייזקייט. — כ׳וועל אייך ווייזן אַ געריכט!... איוואַנאָוו, טו דיינס!...

ער האָט אַ צוק געטאָן דאָס פערד און איז אָפּגעפאָרן. און לודוויק אַנדערסן האָט אויטאָמאַטיש באַמערקט, ווי פאָרזיכטיק און מיט וואָס פאַר אַ שאַרפן חוש־השמיעה עס האָט געשפּיצט מיט די אויערן דאָס פערד, וואָס האָט לייכט איבערגעטראָטן פון אַ פוס אויף אַ פוס, פונקט, ווי עס וואָלט געטאַנצט. און אין דער זעלבער מינוט איז צווישן די זעלנער פאַרגעקומען עפּעס אַ קליינע מהומה און זיי האָבן זיך צעטומלט ביי עפּעס געפּאַרט. זיי האָבן זיך פונאַנדערגערוקט, איבערלאָזנדיק פאַר זיך אַ פוסט אָרט. אויפן דאָזיקן אָרט זענען געבליבן דריי מענטשן אין שוואַרצן— צווייַ הויכע און איינער גאָר אַ נידעריקער. לודוויק אַנדערסן האָט געזען זיין, אין גאַנצן ווייסן, קאָפּ מיט טאָרטשענדיקע ראָזיקע אויערן.

ער האָט שוין פאַרשטאַנען, און וואָס דאָ האַנדלט זיך, און וואָס ער וועט באַלד זען, נאָר דאָס איז געווען אַזוי אומ־געריכט און שרעקלעך, אַז לודוויק אַנדערסן האָט געמיינט, אַז ער איז נישט ביי די געדאַנקען און „האָט היץ".

„ס׳איז דאָך אַזוי ליכטיק... אַזוי שיין... שניי, פעלד, הימל... ס׳שמעקט מיט פרילינג, און באַלד וועט מען דערהרגענען מענטשן... וואָס איז דאָס אַזוינס?... ס׳קאָן נישט זיין"!... — האָט זיך נישט הארמאָניש אריבערטראָגן ביי אים אין קאָפּ און ער האָט געהאַט אַזאַ געפיל, ווי ביי אַ מענטשן, וואָס ווערט פּלוצלינג משוגע,

ווען ער באַמערקט פּלוצלינג, אַז ער זעט, הערט און פילט גאָר נישט דאָס, וואָס ער איז געווײנט צו זען, הערן און פילן. דריי שוואַרצע מענטשן זענען געשטאַנען אין איין ריי בײַ סאַמען פּאַרקן. צווײ — נאָענט אײנער צום אַנדערן. דער דריטער, דער קלײנינקער, אַביסל ווײַטער.

— הער אָפיציר! — האָט אײנער פון זײ פאַרצווײפלט אָנגעהויבן צו ריידן, און מ׳האָט נישט געזען, ווער פון זײ בײדע, — גאָט זעט אונדז!... הער אָפיציר!

אַכט זעלנער זענען האַסטיק אַראָפּגעקראָכן פון די פערד און זיך נישט געשיקט פאַרטשעפּעט מיט די שפּאָרן און שווערדן. זײ האָבן זיך, הפּנים, געאײלט, פּונקט ווי זײ וואָלטן אָפּגעטאָן אַ גנביש שטיקל אַרבעט.

ס׳זענען אַריבער עטלעכע סעקונדן אין שווײגן, ביז וואַנען די זעלנער האָבן זיך אין דער גיך אויסגעשטעלט אין אָרדנונג. עטלעכע טריט פאַר די שוואַרצע מענטשן און האָבן האַסטיק אַראָפּגענומען פון די פּלײצעס די ביקסן. אײנער האָט אומפאָרזיכטיק אַראָפּגעשלאָגן פון זיך מיט דער בינד-שנור דאָס היטל און עס האָט זיך אַ קײקל געטאָן אי־בערן שניי. ער האָט דאָס היטל אָנגעטאָן צוריק טאַקע אַ ווײס פון נאַסן שניי.

דאָס פערד אונטערן אָפיציר האָט נאָך אַלץ צוגעטאַנצט שטײענדיק אויף אײן אָרט און געמאַכט מיט די אויערן. און די אַנדערע פערד, אויפהײבנדיק זײערע שאַרפע אויערן, האָבן אומבאַוועגלעך געקוקט אויף די שוואַרצע מענטשן, אויסשטעלנדיק אין אַ ריי זײערע לאַנגע, קלוגע מאָרדעס.

— דערבאַרעמט זיך כאָטש איבערן יונגעלע! — האָט מיט אַ קוויטש פּלוצלינג אַ געשרײ געטאָן אן אַנדער שטים. — הלמאי זאָלט איר אומברענגען אַ קינדישע נשמה, נידערטרעכטיקע מענטשן אײנע!... וואָס איז ער שולדיק!

— איוואַנאָוו, כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט! — האָט, פאַרטײבנדיק יענע שטים, דער אָפיציר בײז אַ געשרײ געטאָן. זײן

פּנים האָט זיך אַזוי שטאַרק אָנגעגאָסן מיט בלוט, אַז ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מ'האָט עס געמאַכט פון קומאַטש.*)

און פלוצלינג איז פאָרגעקומען עפּעס ווילדס, עקלהאַפט־שרעקלעכס. דאָס קליינע, שוואַרצע מענטשעלע מיט די ווייסע האָר און מיט די טאָרטשענדיקע ראָזינקע אויערן, האָט מיט אַ קינדערשער שניידנדיקער שטים, אָנגעהויבן ווילד צו שרייען און זיך אַ וואָרף געטאָן אָן אַ זייט. אים האָבן באַלד אַ כאַפּ געטאָן צוויי אָדער דריי זעלנער, נאָר ער האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי צו רייסן, אַז עס זענען צוגעלאָפן צו הילף נאָך צוויי זעלנער.

— אַי, אַי, אַי! — האָט דאָס יונגל געשריגן — לאָזט, לאָזט!... אַי, אַי!...

זיין קול האָט געקוויטשעט און געשניטן ווי אַ קוויטשעריי פון אַ נישט־דערקוילעט חזירל, און איז געווען שרעקלעך. עמי־צער האָט אים, ווייזט אויס, דערלאַנגט אַ קלאַפּ, מחמת ער איז פלוצלינג שטיל געבליבן און ס'איז אַנטשטאַנען אַן אומגעריכטע, נישט חיימלעכע שטילקייט. שפּיצנס הענט האָבן אַ שטויס געטאָן דאָס ווייסהאָריקע יינגל פאָרויס און פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַזאַ באַטייבנדיקער און שניידנדיקער סאַלוו, אַז ביי לודוויק אַנדער־סענען האָט אַ ציטער געטאָן די ברוסט. ער האָט דייטלעך און גלייכצייטיק נישט קלאָר, ווי אין חלום, געזען, ווי עס זענען געפאַלן די שוואַרצע מענטשן, ווי ס'האָבן אַ בליק געטאָן בלאַסע פייערלעך, ווי אַ לייכט רויכל האָט זיך אויפגעהויבן אין דער ריינער ליכטיקער לופט, ווי האַסטיק די זעלנער האָבן זיך ווידער אַרויפגעזעצט אויף די פערד, נישט אַרומקוקנדיק זיך אויף די דערהרגעטע און ווי זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבערן ברוינעם שמעלצנדיקן וועג, קלינגענדיק מיט זייער געווער און קלאַטשנדיק מיט די קאָפּיטעס פון די פערד.

דאָס אַלץ האָט ער געזען, שוין שטייענדיק אין מיטן

*) אַ בלוט רויטער שטאָף, פון וועלכן מ'מאַכט זיך אין רוסלאַנד אייבער העמדער.

דער סטעזשקע, אליין נישט וויסנדיק, ווען און צוליב וואָס ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון אונטער זיין גאַרבנהויפן.

לידוויק אַנדערסן איז געווען בלאַס, ווי אַ מת, זיין גאַנץ פּנים איז באַדעקט געווען מיט אַ קלעפּיקן שווייס און זיין גאַנצער גוף האָט געשווידערט און זיך געשלאָגן אין אַן אומפאַרשטענדלעכן, שרעקלעכן פיזישן אימעט. דאָס איז געווען אַ געפיל, ענלעך צו אַ שרעקלעכן איבל, נאָר אַ באַדייטנדיק פיינערער און שרעקלעכער.

ווען די זעלנער זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן אויפן שייד־וועג צום וועלדל, האָט זיך צום אָרט, ווו ס׳איז פאַרגעקומען די עקזעקוציע. פון ערגעץ צו אָנגעהויבן צונויפצוזאַמלען אַן עולם, הגם פריער האָט מען אין ערגעץ קיינעם נישט געזען.

די דערשאָסענע זענען געלעגן פון יענער זייט פאַרקן, אויפן עק וועג, ווו בראַכיקער ריינע שניי איז נישט געווען צעטרעטן און האָט זיך געוויסלט ריין און פריילעך. דריי זענען זיי געווען, די דערשאָסענע: צוויי דערוואַקסענע מאַנספּערשוינען און אַ יינגל מיט אַ ווייסן קאָפּ אויף אַ לאַנגן ווייכן האַלדז. ער איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף דאָס פּנים פונם צווייטן מאַנספּערשוין האָט מען נישט געזען, ווייל ער איז געפאַלן מיטן פּנים אַראָפּ אין אַ קאַלוזשע פון רויט בלוט, און דער דריטער, אַ גרויסער שוואַרצבערדיקער מענטש, מיט זייער גרויסע שטייפע הענט, איז געלעגן אויסגעצויגן אין זיין גאַנצן זייער גרויסן געוואוקס און פאַנאַנדערוואָרפנדיק ווייט די הענט איבער דעם ווייסן פאַרבלוטיקטן שניי.

דער טאָג איז געווען אַ ווייסער, אַ ליכטיקער. פונם ווייסן שניי און די נאַסע שוואַרצע שטעגלעך פונם פאַרקן, פון די רויטע פלעקן אויפן שניי און די אומבאַוועגלעכע שוואַרצע פיגורן, האָט זיך געשאַפן אַ פריילעכע בולטע פילפאַרביקייט, און די לופט איז געווען אַזוי ריין און דורכזיכטיק, ווי ער איז נאָר ביים סאַמען אָנפאַנג פרילינג דאָס וועלדל האָט זיך געבלויט פון דער ווייטן.

די דערשאָסענע זענען געלעגן אומבאַוועגלעך, שוואַרצנדיק

זיך אויפן ווייסן שניי און פון דערווייטן האָט מען נישט געקאָנט
פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ שרעקלעכס ס'איז פאַראַן אין זייער
אומבאַוועגלעכקייט אויפן עק פונם אויסגעפּאָרענעם שמאָלן וועג.

II

אין דערדאָזיקער נאַכט האָט לודוויק אַנדערסן, קומענדיק צו זיך אין קליינעם צימערל ביי דער שול, נישט געשריבן קיין לידער, ווי זיין שטייגער איז געווען, נאָר זיך אַנידערגעשטעלט ביים פענצטער און, קוקנדיק אויפן ווייטן בלאַסן קרייזל פון דער לבנה אין דער נעפלדיקער בלויקייט, האָט ער זיך פאַרטראַכט און זיין געדאַנק איז געווען ווי געפענטעט, נישט קלאָר און שווער, פונקט ווי אויף זיין מוח האָט זיך אַראָפגעלאָזט עפעס אַ וואָלקן.

אין דרויסן האָבן, אין די לבנה־דעמערן נישט דייטלעך זיך געשוואַרצט די סילועטן פונם פאַרקן און די ביימער, ס׳האָט זיך געוויסלט דער פוסטער גאָרטן, אינגאַנצן באַלויכטן פון דער לבנה. און לודוויק אַנדערסענען האָט ז ך אויסגעוויזן, אַז ער זעט זיי די דריי דערהרגעטע מענטשן – צוויי דערוואַקסענע און איין יינגל. זיי ליגן איצט דאָרט, אינם דורכפאָר־וועג, אין מיטן פוסטן שווייגעדיקן פעלד, און פונקט ווי זיינע לעבעדיקע אויגן, קוקן אויף דער ווייטער קאַלטער לבנה זייערע קוקן אויך טויטע ווייסע אויגן.

ס׳וועט אַמאָל קומען אַ צייט. — האָט דערשלאָגן און שווער לודוויק אַנדערסן זיך געטראַכט, — ווען ס׳וועט לחלוטין זיין אומעגלעך, אַז מענטשן זאָלן דערהרגענען מענטשן... ס׳וועט אויך קומען אַזאַ צייט ווען די זעלבע ז׳עלנער, וועלכע האָבן דערהר׳געט דידאָזיקע דר׳יי מענטשן וועלן פאַרשטיין, וואָס זיי האָבן אָפגעטאָן, און וועלן פאַרשטיין, אַז דאָס, פאַר וועלכן עס זענען אומגעקומען דידאָזיקע דריי מענטשן, איז אויך געווען

אויף אַזוי פיל נייטיק, וויכטיק און טייער פאַר זיי, די ועלנער און אָפּיצירן „גופא, ווי פאַר די דאָזיקע דערהרגעטע"...

— יאָ! — האָט לודוויק אַנדערסן הויך און פרייליך אויסגעשריען — מיט טרערן אויף די אויגן, אַזאַ צייט וועט קומען!.. זיי וועלן פאַרשטיין!...

און דאָס בלאַסע קרייזל פון דער לבנה איז אין זיינע אויגן טריב געוואָרן און זיך פאַנאַנדערגעשווומען.

דאָס גרויסע רחמנות אויף די דריי אומגעקומענע, וועמעס אויגן עס קוקן שווייגנדיק און מיט אַזוי פיל צער אויף דער לבנה און זעען זי שוין נישט, האָט געקלעמט לודוויק אַנדערסנס האַרץ און אונטער דעמדאָזיקן רחמנות האָט אַ געפיל פון שאַרפן צאָרן זיך אין זיין נשמה געריררט מיט זיין שאַרף.

נאָר לודוויק אַנדערסן האָט שטיל געמאַכט זיין האַרץ זיך באַרויקט און שטיל אַ שעפּטשע טוענדיק: „זיי ווייסן אליין נישט, וואָס זיי טוען", האָט ער אין דערדאָזיקער אַלטער און פאַרטיקער פראַזע געשעפּט כּוח צו דערשטיקן און זיך דעם צער און צאָרן.

III

ס׳איז געווען אַזאַ ליכטיקער ווייסער טאָג נאָר דער פרי־לונג האָט זיך שוין געשפּירט אין אַלץ. אין דעם ריח פונם נאַסן מיסט, און אינם ריינעם קאַלטן וואַסער, וואָס לויפט פון אומעטום פון אונטער דעם ווייך געוואָרענעם שמעלצנדיקן שניי, און אין דער בייגזאַמקייט פון די נאַסע צווייגעלעך און אין דער קלאָרקייט פון די בלאָלעכע פעלדער.

נאָר די קלאָרקייט און פרייד פונם דאָזיקן ליכטיקן פרילינג־טאָג זענען געשטאַנען ערגעץ מחוץ פונם דאָרף. אויף די פעלדער און די וועלדער און די בערג, ווי ס׳איז נישט געווען קיין מענטשן, אָבער אין דאָרף איז געווען דושנע, שווער און שרעקלעך ווי אין אַ קאַשמאַר.

לודוויק אַנדערסן איז געשטאַנען אויף דער גאַס פונם דאָרף הינטער אַ המון שוואַרצע כמורנע צערודערטע מענטשן, און אויסצוועענדיק דעם האַלדז האָט ער געקוקט, ווי מ׳האָט זיך גע־קליבן שמייסן זיבן פויערים פונם זעלבן דאָרף.

זיי זענען געשטאַנען טאַקע דאָ, אויפן שמעלצנדיקן שניי און הגם לודוויק אַנדערסן האָט די דאָזיקע פויערים געקענט און זיי גוט פאַרשטאַנען, — האָט ער זיי איצט נישט געקאָנט דער־קענען. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס זענען עפּעס גאָר אַנדערע מענטשן און אַז מיט דעם — שענדלעכן, שרעקלעכן, אַזעלכן וואָס קאָן מיט קיין זאַך נישט אָפּגעוואַשן ווערן, — וואָס דאַרף מיט זיי באַלד פאָרקומען, האָבן זיי זיך אָפּגעזונדערט פון דער

גאַנצער וועלט און פונקט ווי ער, לודוויק אַנדערסן קאָן נישט פאַרשטיין דאָס, וואָס זיי פילן איצט אַזוי קאָנען זיי נישט פילן דאָס, וואָס ער פילט איצט, קוקנדיק אויף זיי. די זעלנער זענען געווען אויפגעשטעלט אַרום און אַרום, זיצנדיק זיכער און שיין אויף זייערע גרויסע דיקע פערד, וואָס האָבן ווי געוווּנקען מיט זייערע קלוגע מאָרדעס. די זעלנער האָבן פּאַמעלעך אויסגעדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער זייערע געשטופּלטע, הילצערנע פּנימער. קוקנדיק מיט פאַראַכטונג אויף אַנדערסענען, וועלכער וועט באַלד זיך צוקוקן צום דאָזיקן גרויל און עקלהאַפטיקייט, און וועט זיי גאָר נישט טאָן, וועט נישט דערוועגן צו טאָן עפּעס. אַזוי האָט זיך אויס־געוויזן לודוויק אַנדערסענען, און אַן אומדערטרעגלעך געפיל פון אַ קאַלטער שאַנד האָט אים איינגעשמידט ווי אין אַ קאַלט שטיק אייזן, פון וועלכן מ׳זעט אַלץ, נאָר מ׳קאָן זיך נישט קיין ריר טאָן, קיין געשריי און קיין זיפץ נישט טאָן.

מ׳האָט גענומען דעם ערשטן פויער. לודוויק אַנדערסן האָט געזען זיין בעטנדיקן, האָפנונגסלאָזן און אַזוי משוגעדיקן בליק. די ליפּן פונם דאָזיקן מענטשן האָבן זיך שטיל גערירט, נאָר קיין איין קלאַנג קיין איין זילב האָט מען נישט געהערט, און זיינע אויגן האָבן געבלאַנדזשעט און בולט און שאַרף געגלאַנצט, ווי ביי אַ משוגענעם און ס׳איז געווען צו זען, אַז זיין מח קאָן שוין נישט אַריינגעמען און תופס זיין דאָס, וואָס מען טוט מיט אים.

און שרעקלעך איז געווען דאָסדאָזיקע פּנים, פול מיט פאַר־שטאַנד און גלייכצייטיק מיט משוגעת, אַזוי שרעקלעך, אַז ווען מ׳האָט אים אָוועקגעלייגט מיטן פּנים אין שניי און אָנשטאָט די אָנגעצונדענע אויגן האָט נאַקעט, זינלאָז, שענדלעך און שרעק־לעך אַ בלאַנק געטאָן דער הינטערשטער טייל פון זיין קער־פּער, — איז געוואָרן לייכטער אויפן האַרצן.

אַ גרויסער, רויטפּנימדיקער זעלנער אין אַ רויט היטל האָט זיך צו אים צוגערוקט, האָט אַ קוק געטאָן אויגטן אויפן נאַקעטן שענדלעכן גוף, פונקט ווי ער וואָלט פון דעם געהאַט פאַרגע־ניגן, און פלוצלינג האָט ער הויך און דייטלעך אַ זאָג געטאָן:

— נו, גוט, בענטש!

ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז לודוויק אַנדערסן האָט נישט געזען נישט דעם זעלנער, נישט דעם הימל, נישט די פערד, נישט דעם המון, אַז ער פילט נישט, נישט קיין קעלט, נישט קיין שרעק, נישט קיין חרפה, אַז ער הערט נישט, ווי דער קאַנטשיק פייפט, שלענגלענדיק זיך און ווי עמיצער שרייט מיט אַ ווילדן וואָיען פון ווייטאָק און פאַרצווייפלונג, און אַז ער זעט נאָר דעם נאַקעטן, אַנגעשוואָלענעם הינטערשטן חלק פון מענטשלעכן קערפּער, וואָס באַדעקט זיך שנעל און גלייך מיט ווייסע און רויטע פּאַסן. דערדאָזיקער טייל קערפּער האָט ביסלעכווייז פאַרלוירן דעם אויסזען פון אַ מענטשלעכן גוף, און פלוצלינג האָט פלעקנווייז, טראָפּנווייז און אין שטראָמעלעך אַ שפּריץ געטאָן פון אים בלוט, וועלכעס האָט פון אים אָנגעהויבן רינען אויפן ווייסן, שמעלצנדיקן שניי.

און אַ גרויל האָט אַרומגעכאַפּט לודוויק אַנדערסנס נשמה ביים פאַררייסן די רגע, ווען דערדאָזיקער מענטש וועט זיך אויפהייבן און אַלע וועלן ווידער דערזען זיין פּנים, נאָך דעם, ווי מ׳האָט זיין אָחור אויף דער גאַס בפני עם ועדה אַזוי זינלאָז און שרעקלעך פאַרוואַנדלט אין אַ בלוטיק טייגעכטס.

לודוויק אַנדערסן האָט פאַרמאַכט די אויגן, און ווען ער האָט זיי געעפנט, האָט ער דערזען אַן אַנדער מענטשן, וועלכן ס׳האָבן מיט געוואַלט געוואָרפן אין שנייפיר דערוואַקסענע מענטשן אין מאַנטלען און רויטע היטלען און ביי וועלכן עס האָט שוין אויך אַזוי נאַקעט, שענדלעך און אומגעלומפּערט, מ׳קאָן זאָגן לעכערלעך, געבלאַנקט דער אַנטבלויזטער, הינטערשטער טייל קערפּער.

דערנאָך האָט מען דאָסזעלבע געטאָן מיט אַ דריטן, פערטן און אַזוי אָן אַ סוף.

און לודוויק אַנדערסן, אויסציענדיק דעם האַלדז, ציטערנדיק און שטאַמלענדיק, הגם ער האָט גאָרנישט גערעדט, איז געשטאַנען אויפן שמוציקן, נאַסן שניי, געציטערט און אַ קלעפּיקער, קאַלטער שווייס האָט באַגאָסן זיין גוף, און זיין גאַנץ וועזן איז געווען אָנגעפילט מיט איין בושהדיק, דערנידערנדיק געפיל: מ׳זאָל אים אַקאָרשט נישט דערזען, מ׳זאָל אויף אים נישט ווענדן

די אויפמערקזאַמקייט, מ׳זאָל אים נישט כאַפּן, אַראָפּציען די בגדים דאָ אויפן שניי אים, לודוויק אַנדערסענען.

ס׳האָט געשווינדלט מיט זעלנער, די פערד האָבן געמאַכט מיט די קעפּ, דער קאַנטשיק האָט געפּייפט און דער באַקעטער, שענדלעכער חלק פונם מענטשלעכן גוף איז געוואָרן געשוואָלן, האָט נעקרעמפּט, זיך באַגאָסן מיט בלוט, זיך געוואָרפן ווי אַ רמש...

אַ קוויטשעריי, זידלערייען און אַ ווילדער געשריי און יאָמער זענען געהאָנגען איבערן דאָרף אין דער ווייסער, ריינער פרילינגס־לופט.

און ביים גאַניק פון דער גמינע האָבן זיך שוין געזען פינף מענטשלעכע פּנימער, פּנימער פון די, וואָס האָבן שוין דאָס איבערגעטראָגן. איינער פון זיי איז טאַקע אַזוי געשטאַנען מיט באַקעטע, דאַרע און צעבלוטיקטע פיס.

און מ׳האָט אויף זיי נישט געקאָנט קוקן.

לודוויק אַנדערסן האָט געמיינט, אַז ער שטאַרבט.

IV

סאָלדאַטן איז געווען אַ מין פּופּצן, אַן אונטעראָפיציר און אַ יונגינקער אָפיציר, אינגאַנצן אָן וואָנסעס.

דערדאָזיקער אָפיציר איז געלעגן פּאַרן שייטערהויפן און האָט אָנגעשטרענגט געקוקט אויף דעם פייער. די זעלנער זענען געווען מיט עפּעס פאַרנומען ביי די ביקסן, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אויף דער ערד מיט די באַגנעטן ארויף, און זייערע גראָע, בידעריקע פיגורן האָבן שטיל זיך געקנוילט אויף דער שוואַרצער ערד, וואָס דער שניי איז אויף איר געווען אינגאַנצן צעשמאָלצן, אַריינפאַלנדיק זעלטן אין דער רויטער שיין פונם פייער.

לודוויק אַנדערסן, אין ברילן, אין אַ פּאַלטן און מיט אַ שטעקן פון יענער זייט פּלייצע, איז צו זיי צוגעגאַנגען. דער אונטעראָפיציר, אַ דיקער זעלנער אין גרויסע וואָנסעס, האָט זיך האַסטיק אַ הייב אויף געטאָן פון דער ערד און אָפּרוקנדיק זיך אָן אַ זייט פון פייער, האָט ער אויף אים אַ קוק געטאָן.

— ווער זענט איר? וואָס באַדאַרפט איר? — האָט ער אומרויִק געפרעגט.

און לויטן קלאַנג פון זיין שטים האָט מען געהערט, אַז די זעלנער מיטן אָפיציר האָבן פאַר אַלץ מורא אינם דאָזיקן לאַנד, וועלכעס זיי האָבן דורך און דורך אויסגעפייניקט.

— וואָשע בלאַגאָראָדיע, — האָט דער אונטעראָפיציר געזאָגט צום אָפיציר, — ווען דער מענטש איז אַן אומבאַקאַנטער...

דער אָפיציר האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און שווייגנדיק אַ קוק געטאָן.

מיט אַ דינער, אָנגעשטרענגטער שטים האָט לודוויק אַנדערסן געזאָגט:

— הער אָפיציר, איך בין — דער היגער הענדלער מיכל־סאָן און גיי אין דערפל צוליב געשעפטלעכע אָנגעלעגנהייטן... כ'האָב זייער מורא געהאַט, מ'זאָל מיך נישט אומגעריכט אָננעמען פאַר עמיצן... איר...

— טאָ צו וואָס־זשע קריכט איר? — האָט דער אָפיציר ברוגז געפרעגט און זיך אָפּגעקערט.

— אַ הענדלער, — האָט איבערגעקרומט דער זעלנער — מיר קענען אייך שוין... אָבער ס'וואָלט גאָרנישט געשטערט צו מאַכן ביי אים אַ פּע־זענלעכע רעוויזיע... ער זאָל זיך נישט אַרומדרייען ביינאַכט... און אים אָנברעכן גוט די ביינער...

— אַ פּאַרדעכטיקער מענטש, וואָשע בלאַגאָראָדיע! — האָט דער אונטעראָפיציר געזאָגט. — ביז וואָס, ווען, וואָלט מען אים געדאַרפט אַרעסטירן, און...

— לאָז צו רו, — האָט זיך דער אָפיציר פויל אָפּגערופן — זיי האָבן דיך שוין דערעסן, די טייוולאָנים!

לודוויק אַנדערסן איז געשטאַנען און געשוויגן, און זיינע אויגן האָבן מאָדנע און אומרויק געגלאַנצט אין דער פינצטער־קייט, ביים שיין פון שייטערהאָלץ. און ס'איז געווען משונהדיק צו קוקן אויף זיין פעסטע, קליינע פיגור, אַזא ריינע און פּונקטועלע ביינאַכט אין פעלד, צווישן די זעלנער, אין אַ פּאַלטאָ מיט אַ שטאָק, און ברילן, וואָס האָבן געגלאַנצט פאַרן פייער.

די זעלנער האָבן אים אָפּגעלאָזט און זענען אַוועקגעגאַנגען פון אים. לודוויק אַנדערסן איז אַביסל געשטאַנען, דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען און איז איינגיכן פאַרשווונדן געוואָרן אין פינצטערניש.

V

די נאַכט האָט זיך ווי גערוקט צו איר סוף. און דער לופט איז געוואָרן קאַלט און די שפּיצן פון די קוסטעס האָבן זיך דייטלעכער אויסגעטיילט אין דער פינצטערקייט. לודוויק אַנדערסן איז ווידער געגאַנגען צום אָרט, וווּ דער מיליטערישער פּאָסטן האָט זיך געפונען. נאָר דאָסמאָל האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן אין די קוסטעס, זיך איינבייגנדיק און זיך צווועצנדיק... הינטער אים זענען, שטיל און פּאָרזיכטיק, אומבייגנדיק די קוסטעס, אַזוי ווי שאָטנס, אַרומגעגאַנגען מענטשן, און קיינער האָט נישט געהערט זייערע טריט, און בײַ דער זײַט פון אַנדערסענען איז געגאַנגען אַ הויכער, דאַרער מענטש מיט אַ רעוואָלווער אין דער האַנט.

די פיגור פונם זעלנער אויפן בערגל האָט עפּעס מאָדנע און אומגעריכט, נישט דאָרט ווי מ'האָט אויף אים געוואַרט, געטאַפּטשעט אויף איין אָרט, קוים באַלויכטן פון אָפּשיין פונם שייטערהויפן, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן אויסגעלאָשן צו ווערן. לודוויק אַנדערסן האָט אים דערקענט: דאָס איז געווען דערזעלבער זעלנער, וועלכער האָט פּאָרגעלייגט צו מאַכן בײַ אים אַ פּערזענלעכע רעוויזיע. נאָר אין לודוויק אַנדערסנס נשמה האָט זיך גאָרנישט קיין ריר געטאָן, זײַן פּנים איז געווען קאַלט און אומבאַוועגלעך, ווי בײַ אַ שלעפעריקן. אַרום שייטערהויפן זענען געשלאָפן, אויסציענדיק זיך, די זעלנער, און נאָר דער אונטעראָפיציר איז געזעסן, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ אויף די קני.

דער הויכער דאַרער מענטש, וואָס איז געגאַנגען אין דער

זייט פון לודוויק אַנדערסענען, האָט אויסגעצויגן די האַנט מיטן רעוואָלווער און פלוצלינג אויסגעשאָסן. אַ שרעקלעך העל פייער האָט אַ בליץ געטאָן און איז אויסגעלאָשן געוואָרן מיט אַ פאַרטייבנדיקן קנאַק.

לודוויק אַנדערסן האָט דערנאָך געזען, ווי דער וואַךזעלנער האָט אַ מאַך געטאָן מיט די הענט און זיך אַנידערגעזעצט אויף דער שוואַרצער ערד, אַ כאַפּ טוענדיק זיך פאַר דער ברוסט. פון אַלע זייטן האָבן אַ בליץ געטאָן קורצע קנאַקנדיקע פייערלעך. און זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין טרוקן קנאַקעריי, וואָס האָט געריסן די לופט. דער אונטעראָפיציר איז אונטערגעשפרונגען און איז באַלד אַ פאַל געטאָן גלייך אויפן פייער. די גראָע פיגורן פון די זעלנער, האָבן זיך געוואָרפן אַהין און אַהער ווי געשפענסטער, מאַכנדיק מיט די הענט און פאַלנדיק אויף דער שוואַרצער ערד און קאָרטשעניש. פאַר לודוויק אַנדערסענען, איז, ווי אַן אויסטערלישער דערשראָקענער פויגל, מאַכנדיק מיט די הענט, דורכגעלאָפן דער יונגינקער אָפיציר און, פונקט ווי ער וואָלט געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש, האָט לודוויק אַנדערסן אויפגעהויבן זיין שטעקן און מיטן גאַנצן כּוח, האָט ער, מיט אַ טעמפּן עקלהאַפטן קלאַפּ, דערלאַנגט מיטן שטעקן דעם אָפיציר אַ קלאַפּ אין קאָפּ, און דער אָפיציר האָט זיך משוגעדיק אָנגעהויבן צו דרייען, האָט זיך אָנגעשטויסן אונדז קוסט און נאָכן צווייטן קלאַפּ, זיך אַנידערגעזעצט, אַ כאַפּ טוענדיק זיך מיטביידע הענט פאַרן קאָפּ און פאַרדעקנדיק אים די הענט, ווי דאָס טוען קליינע קינדער. עמיצער איז צוגעלאָפן פון דער זייט און האָט אויסגעשאָסן און ס'איז אויסגעקומען, ווי דעם שאָס זאָל האָבן געגעבן עמיצער פון הינטער לודוויק אַנדערסנס סאַמע עלנבויגן.

דער אָפיציר האָט זיך עפּעס משוגעדיק, מיט הפסקות, אַ בייג אַראָפּ געטאָן און אַ פאַל געטאָן צו דער ערד, פונקט ווי מ'האָט אים מיט געוואַלט אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ אַראָפּ צו דער ערד, ער האָט אַ ריס געטאָן מיט „די פיס און רויק זיך צוגויפגעדרייט אין אַ קוילישל".

די שאָסן זענען שטיל געבליבן. די שוואַרצע מענטשן מיט

ווייסע פנימער, וואָס האָבן שרעקלעך און ווי געשפּענסטער זיך געגראָט און דער פינצטערקייט. האָבן זיך געפּאָרעט, פאַרטראָגן און צעטומלט, אַרום די דערהרגעטע וועלנער, אוועקנעמענדיק ביי זיי דאָס געווער.

לודוויק אַנדערסן האָט אויפמערקזאַם און קאַלט געקוקט אויף דעם, ווען אַלץ האָט זיך געענדיקט, איז ער צוגעגאַנגען און אַ נעם טוענדיק פאַרן פוס דעם אונטעראָפיצירס טויטן קערפּער האָט ער אים אַוועקגעשלעפּט פון שייטערהויפן, ס'איז אים אָבער געווען שווער צו שלעפּן ווייטער, און ער האָט אים איבערגעלאָזט ליגן אויפן אָרט.

VI

לודוויק אַנדערסן איז אומבאַוועגלעך געזעסן אויפֿן גאַניק פֿון דער גמינע־געביידע און געטראַכט. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, וואָס ער, לודוויק אַנדערסן, מיט זיינע ברילן, שטאָק, פּאַלטאָ און לידער האָט געזאָגט ליגן, האָט פֿאַרראַטן פּופֿצן מענטשן, וועלכע מ'האָט דערהרגעט, וועלכע זענען צוליב אים אומגעקומען פֿון דער וועלט. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, וואָס ער פֿילט נישט אין זיין נשמה, נישט קיין רחמנות, נישט קיין צער און ווען מ'וואָלט אים אַרויסגעלאָזט, וואָלט ער, לודוויק אַנדערסן, סיי־ווי־סיי מיט דיזעלבע ברילן און לידער געגאַנגען ווייטער. ער האָט זיך באַמיט עפּעס צעטיילן אין זיין נשמה, די געדאַנקען זיינע זענען אָבער געווען שווערע און פֿאַרפּלאָנטערטע. און אים איז עפּעס שווערער געווען זיך פֿאָר־צושטעלן די דריי מענטשן, וואָס זענען געלעגן אויפֿן שניי און האָבן מיט זייערע טויטע אויגן, וואָס זענען שוין גאָרנישט געקוקט אויפֿן ווייטן קרייזל פֿון דער ווייסער לבנה; איידער דעם צעהרגעטן אָפֿיציר, וועלכן ער האָט אַ טרוקענעם, עקלהאַפֿטן קלאַפּ דער־לאַנגט מיט זיין שטעקן איבערן שאַרבן. וועגן זיין אייגענעם טויט האָט ער נישט געטראַכט, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אין אים גופֿא האָט זיך שוין פֿון לאַנג, לאַנג אָן אַלץ געענ־דיקט. עפּעס איז אים געשטאָרבן, עפּעס איז אין אים פּוסט געוואָרן און מ'האָט וועגן דעם נישט געדאַרפֿט קלערן.

און ווען מ'האָט אים אַ נעם געטאָן פֿאַר די פּלייצעס און

ער איז אױפגעשסאַנען, און מ׳האָט אים שנעל ערגעץ אַװעקגע־פירט דורכן גאָרטן, װו ס׳האָבן געטאָרטשעט טרוקענע קאַטשע־נעס קרױט, האָט לודװיק נישט געקאָנט כאַפּן אין קאָפּ קײן אײן געדאַנק.

מ׳האָט אים אַרױסגעפירט אױפן װעג און אַװעקגעשטעלט בײ אַ פּאַרקן, מיטן רוקן צו אַ סלופּל.

לודװיק אַנדערסן האָט געבראַכט אין אָרדענונג זײנע ברילן, פאַרלײגט די הענט הינטערן רוקן און איז געבליבן שטײן, אַ רײנינקער און דיקינקער, אײנבײגנדיק לײכט דעם קאָפּ אָן אַ זײט.

אין דער לעצטער מינוט האָט ער אַ צוק געטאָן פאַר זיך אין דערזען לופּעס פון קאַראַבינען, װאָס זענען געװען אָנגעצילט צו אים גלײך אין קאָפּ. ברוסט און בױך, און בלאַסע פּנימער מיט ציטערדיקע ליפּן. ער האָט דײטלעך באַמערקט, װי אײן לו־פּע, װאָס האָט אים געקוקט אין שטערן אַרײן, האָט זיך פּלוצ־לינג אַראָפּגעלאָזט.

עפּעס אױסטערלישס און אומפאַרשטענדלעכס, עפּעס שױן נישט װי קײן היניקס, נישט ערדישס, איז דורכגעגאַנגען דורך לודװיק אַנדערסנס קאָפּ. ער האָט זיך אױסגעגליכן אין זײן גאַנצן, נישט גרױסן װוקס און פאַרװאָרפן דעם קאָפּ מיט אַ נאַיװער גאװה. עפּעס אַ מאָדנער, נאָר דײטלעכער באַװוסטזײן פון רױקײט, קראַפט און שטאָלץ האָט אָנגעפילט זײן נשמה, און אַלץ — אי די זון, אי דער הימל, אי די מענטשן, פעלדער און אי דער כױט — האָט זיך אים אױסגעװיזן נישטיק, װײט און נישט נײטיק.

די קױלן האָבן אים געטראָפן אין ברוסט, אין לינקן אױג, אין בױך, דורכשלאָגנדיק דעם רײנינקן פּאַלטאָ, װאָס איז געװען פאַרשפּילעװעט אױף אַלע קנעפּ... ער האָט פאַרלױרן די ברילן, װאָס זענען געװאָרן צעבראָכן אױף שטיקלעך, האָט אַ קװיטשע געטאָן און אַ קער אום טוענדיק זיך, איז ער אַנידערגעפאַלן מיטן פּנים אױף די גראָבע פּלעקלעך פון פּאַרקן, גלאַנצנדיק מיטן אױג, װאָס איז נישט דורכגעשאָסן געװאָרן; און דראַפּנ־

דיק די ערד מיט די נעגל פון די אויסגעשטרעקטע הענט, פונקט ווי ער האַלט זיך באמיט זיך איינצוהאַלטן.

דער גרין געוואָרענער אָפיציר האָט זיך צו אים א וואָרף געטאָן און שטעכנדיק אים צערודערט מיטן רעוואָלווער אין נאַקן, האָט ער צוויי מאָל אויסגעשאָסן. לודוויק אַנדערסן האָט זיך אויסגעצויגן.

די זעלנער זענען זיך אַוועק, אָפּקלאַפּנדיק שווערע טריט. און לודוויק אנדערסן איז געבליבן ליגן ווי אַ צוגעדריקטער צו דער ערד. זיין לינקע האַנט האָט נאָך אַ סעקונדן צען זיך גע־רירט מיטן ווייז־פינגער.

אַ אַלטע געשיכטע

ז

סוף־כּל־סוף איז די לעטניקעס געוואָרן לאַנגווייליק.

דאָס זענען אַלץ געווען מענטשן, וואָס האָבן פֿיל געהערט וועגן דעם, ווי זיי האָבן ליב די נאַטור, וואָס פֿלעגן אַנציקט ווערן פֿון די ים־ווייטקייטן, פֿונעם זון־אונטערגאַנג און פֿון די וואָלקנס אויפֿן סודותפֿולן שפּיץ פֿונעם פֿאַרכמורעטן קאַפּ. נאָר כמעט אַלע זענען געקומען אַהער צו פֿאָרן פֿון גרויסע שטעט, ווי זיי האָבן די נאַטור געזען נאָר אויף בילדער און זענען צו פֿיל געווינט צו טראַכטן פֿון איר, ווי פֿון עפּעס צויבערדיקס, וואָס קאָן אינגאַנצן ענדערן דאָס לעבן און געבן עפּעס אַ באַזונדערן, וווּנדערלעכן פֿאַרגעניגן. און דערום, הגם דאָ איז אַלץ באמת שיין, — די וואָלקנס אויפֿן קאַפּ סודותפֿול, דער ים בלאָ און די כוואַליעס צערטלעך און ריידעוודיק און די זון העל — האָט זיך דאָס אַלץ אויסגעוויזן מאָנאָטאָן — און די לעטניקעס נישט צופֿרידנגעשטעלט.

ס׳האָט זיך געוואָלט עפּעס אויסערגעוויינטלעכס... עפּעס אַ באַזונדערע ליבע, אַ פּאָעטישע, אַ פֿאַרביקע, אין וועלכער ס׳זאָל זיך צעגיין דער גוף און די נשמה, ווי זיי צעגייען זיך, ווען מען ליגט פֿולשטענדיק נאַקעט אויפֿן הייסן זאַמד ביים ברעג, אין דער איינשלעפֿערדיקער וואַנע פֿון די זון־שטראַלן, בעת מען זעט נאָר הימל און ים, און ביי די פֿיס קלינגט שטילער־הייט די לאַכעדיקע כוואַליע, אַזאַ קליינע, דורכזיכטיקע און מילדע, פּונקט ווי אַ זילבערן פֿישל, וואָס פֿלעסקעט זיך אויף דער זון.

און דאָס אַלץ האָט די אויסגעפּעלט און איז נישט געוועז. די נאַטור איז, ווי שטענדיק, געווען שיין, און דאָס לעבן פֿול און לאַנגווייליק. אמת טאַקע, אַז אין דער פֿרי, ווען מ'איז געגאַנגען זיך באָדן און זיך אַרונטערגעלאָזט ביז איבערן קאָפּ אין דער כוואַליע, איז געווען גאַנץ פֿריילעך. נאָר דאָך האָט עפּעס געפֿעלט...

די פֿרויען אין בונטע באָד־קאָסטיומען, פֿינקלענדיק מיט די נאַקעטע הענט, פֿלעגן אַוועקשווימען ווייט אין ים אַריין און ליגן אויפֿן וואַסער, — ווי זיי וואָלטן זיך דאַן אָפּגעגעבן דער הייסער זון. די מאַנספּערשוינען פֿלעגן פֿון אַ בריקל, אַ מין בימה, אַראָפּשפּרינגען אין וואַסער אַריין, זיך אונטערטוּכן און פֿאַרשקען ווי ים הינט. סיי די און סיי יענע פֿלעגן פֿון דערווייטנס קוקן איינער אויפֿן אַנדערן. די מאַנספּערשוינען פֿלעגן ווערן צערייצט, ווען זיי פֿלעגן זען איבער דער כוואַליע רונדע, ראָזינקע הענט פֿון פֿרויען, אָדער ווען זיי פֿלעגן אומגעריכט, דורך די שפּאַרעס פֿון דער קופּאַלניע באַמערקן אַן אומפֿאַרזיכטיקן, נאַקעטן און שלאַנק קערפּער, וואָס פֿלעגט פּלוצלינג פֿאַרשווינדן ווערן. און די פֿרויען פֿלעגן לאַכן קלינגענדיק און נערוועיש, פֿילנדיק אויף זיך גירינקע בליקן.

נאָר דערנאָך פֿלעגן די און יענע זיך אָנטאָן און אַרויסגיין אויף דער גאַס, וואָס ציט זיך ביים ברעג ים, אָנגעטאָן און מאַכנדיק זיך, אַז אונטער די קליידער איז נישט פֿאַראַן קיין נאַקעטקייט און קיין באַגער. זיי פֿלעגן זיך באַגריסן, מיט אַ ליבנסווערטער הייטערקייט פֿרידערן וועגן פּוסטע זאַכן און זיך פֿאַנאַנדערגיין עסן מיטאָק.

די גאַס ביים ברעג ים פֿלעגט דעמאָלט ווערן פּוסט און אָן נוצן פֿלעגט די ווייטע זון ברענען אירע ווייסע שטיינער.

נאָר אויפֿן צאָפּשטורץ, איבערן ים, פֿלעגן דאַן זיצן איינזאַמע מיידלעך מיט ביכער, און מ'האָט נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, וויאַזוי זיי קאָנען לייענען, ווען די זון ברענט אַזוי, און דער הימל איז אַזאַ בלאָער און דער ים אַזאַ גרויסער.

צייטנווייז פֿלעגן זיי מיד אַראָפּלאָזן דאָס בוך אויף די

קני און לאַנג קוקן פאַרטראַכט אין דער ים־ווייטקייט, וואָס די זון האָט ווי צעשמאָלצן, און ווו ס'פליען קוים פלימער דאַמף־שיפן, וועלכע האָבן אויסגעוויזן, אַז זיי שווימען עפּעס אין אַ ווייט, גליקלעך לאַנד. און דערנאָך פליען זיך דידאָזיקע מיידלעך אויסציען, פאַרוואָרפנדיק די הענט איבערן קאָפּ און אויס־בייגנדיק זיך מיט זייער שלאַנקן, בויגעוודיקן קערפּער.

אין אָוונט, ווען איבערן ים איז געשטאַנען די ווייסע לבנה, ווען דער הימל אַרום איר איז געווען אַ וואַרעמער, און דער ווייטער קאַפּ איז זיך צעגאַנגען אין צעשמאָלצן געוואָרן אין אַ דורכלייכטנדיקן נעפּל, פלעגט זיך אויפן אָפּשטורץ אָנהייבן אַ באַ־זונדער סודותפול לעבן. דאָ און דאָרט האָבן זיך געהערט קולות און, — פשוט אַ חידוש. — די הויכע קולות זענען געווען די ווייבערישע. די מאַנספּערשוינען האָבן געבורטשעט אַזוי שטיל, אַז מ'האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָרט זענען בלויז פרויען. און דעריבער האָט זיך געדאַכט, אַז זיי ריידן און בעטן וועגן עפּעס, וואָס מ'קאָן נישט אַרויסריידן הויך. און אין דעם הילכיקן און ביטרן געלעכטער פון די פרויען האָט זיך דייטלעך געהערט:

— כ'וויס, וואָס דו פאַרלאַנגסט פון מיר... ס'קאָן זיין, אַז דו וועסט זיך אָנשטויסן, אַז איך פאַרלאַנג דאָסזעלבע... נאָר כ'וועל דאָס נישט זאָגן, ניין, כ'וועל נישט זאָגן...

ואָס זענען געווען די גליקלעכע, וועלכע האָבן שוין גע־פונען דאָס, וואָס זיי האָבן געדאַרפט פון דערדאָזיקער זוניקער און לעבעדיקער נאַטור, פונם ים און פון דער וואַרעמער דרום־דיקער נאַכט. און די איבעריקע זענען אין אַ נישט קלאָ־ער דערוואַרטונג פון עפּעס אַ גליק, אַרומגעגאַנגען איבער דער גאַס ביים ברעג ים, געהערט דעם מיליטערישן אָרקעסטער, אין וועלכן ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט פיל פויקן, האָבן געלאַכט פון די וויצן, וועלכע מ'פלעגט דאָ פיל מאָל איבערחזרן, און פלעגן עסן אָוונט־ברויט אויף די פאַראָמען. זיי איז געווען לאַנג־ווייליק און זיי האָבן זיך געפילט באַליידיקט, פונקט ווי עמיצער וואָלט זיי אָפּגענאַרט.

אויפן פאַראָם, וואָס איז געווען נעבעטער צו דער מוזיק

האָט יעדן אָוונט געגעסן אָוונט־ברויט איין און דיזעלבע קאָמ־
פאַניע פון צופעליקע קוראָרט־באַקאַנטע: אַ לוסטיקער דאָקטאָר.
אין אַ ווייסן פּאַנאַמע־הוט, מיט דער פרוי זיינער — אַ יונגע
און בלאַסע דאַמע; אַ באַקאַנטער שריפטשטעלער, אַ הויכער
מאַנספערשוין מיט אַ באַס־שטים, מיט זייער אַ גרויסער שוואַ־
צאַרישער פייקע אין די ציין; אַ קראַנקער סטודענט, וואָס האָט
געליטן אויף שווינדזוכט, און אַ דינינק, גרויס־אויגיקע. ווי איני־
גאַנצן אַ בלאַע, מיידל, וועלכע מ׳פלעגט בייטאָג שטענדיק זען
מיט פאַרבן ערגעץ ביי די ראָזיקע שטיינער, וועלכע דער שוים
פון די כוואַליעס לעקט אַזוי העפטיק.

דאָס זענען אַלץ געווען היימישע, אינטעליגענטע און נישט
נאַרישע מענטשן. אַ דאַנק דעם, וואָס צווישן זיי איז געווען דער
באַקאַנטער שריפטשטעלער, האָבן פיל קוראָרט־געסט געקוקט אויף
די טישלעך, ווו יענע קאָמפּאַניע פלעגט זיצן, מיט נייגעריקייט
און קנאה און זיך צוהערן צו זייערע געשפּרעכן. דערום האָט
דער שריפטשטעלער גערעדט איבערגעטריבן הויך און סטאַטעטשנע
געריייכערט זיין פייקע.

צוליב דעם, אָפּנים, וואָס צווישן זיי איז געווען אַ ייִנגינק
מיידעלע, וואָס איז נאָך נישט געווען פאַרליבט און וואָס איז
אָבער געווען גרייט זיך צו פאַרליבן, אַזאַ שיינינקע אין איר
בלאָ קליידל און ווייס העמדל מיט בלאָע פּאַסיקלעך, — האָט
דאָס געשפּרעך זיך שטענדיק געדרייט אַרום ליבע.

יעדער האָט גערעדט וועגן ליבע לויט זיין שטייגער.

דער דאָקטאָר, אַלס גליקלעכער מענטש, האָט נישט גע־
האַלטן פון ליבע, זי אָפּגעלייקנט און ווען ער פלעגט אויסלאַכן
די נישט אמתע פּאָעזיע פון געפיל, מרמז זייענדיק, אַז דאָ
האַנדלט זיך נישט אין פּאָעזיע, פלעגט זיין ווייב שמייכלען און
קוקן אויף איר מאַן מיט פאַרליבטע, כיטרע אויגן.

דער שריפטשטעלער, אַרויסלאָזנדיק קנוילן רויך און זיך
איבערנעמענדיק מיט זיין באַאָבאַכטונגס־פעיקייט, פלעגט זיך
אַריינלאָזן אין חקירות וועגן פּסיכאָלאָגיע; ער פלעגט ריידן אַזוי
גוט, פונקט ווי ער וואָלט געשריבן אַ דערציילונג, נאָר מ׳האָט

בשום־אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, אין וואָס אייגנטלעך ער אַליין האָט געגלייבט. דער קראַנקער סטודענט פלעגט, איראָניש אונטערהוסטנדיק, אָנלאָזן אויף זיך אַ פעסימיזם און זיינע קרענק־לעכע שטעכווערטלעך, פלאַמעדיקע, רויטפאַרביקע און שאַר־פע באַקנקנאָכן אין די בייזקייט און פאַרביטערטקייט אָן שום סיבה — האָבן גערעדט קלאָר, ווי שטאַרק ער לעכצט נאָך אַ לאַסקע און נאָך ליבע פון אַזאַ ווייל, צאַרט און ריין מיידל. און זי האָט אויפמערקזאַם געהערט, וואָס יעדער האָט גע־רעדט, אומדרייענדיק זיך ערנסט צו דעם, וועלכער האָט גע־רעדט און זיך צוהערנדיק צו עפּעס אין דער טיפקייט פון איר ראַפינירטער, צניעותדיק־פאַרשנדיקער נשמה.

— וואָס דערציילט איר מיר מעשיות? — האָט זיך דער סטודענט געבייזערט, פונקט ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז זיי־ערע רייד זאָלן נישט „פאַרדרייען" דאָס העלהאָריק קעפל מיט די טונקעלע אויגן, וואָס הערט זיך צו צו יעדן וואָרט און ווערט בלאַס פון אויפרעגונג.

— ליבע... זיך אָריענטירן אין דעם און דערגיין, צי ליבע איז פשוט אַ גראָבער געשלעכטס־אינסטינקט, אָדער עפּעס אַ קאָמ־פּליצירט געפיל... דאָס זעקסטע געפיל — אָריענטירן זיך אין דעם און ברעכן איבער דעם דעם קאָפּ, בין איך נישט קיין בעלן און וועל עס נישט טאָן, — האָט ער זיך קרענקלעך פאַר־קרומט. — ליבע איז אַ פאַקט, וועלכן מ'קאָן נישט אָפּלייקענען און דאָס איבעריקע ציז אין דער העכסטער מדרגה נישט וויכ־טיק... איך ווייס נאָר, אַז אין ליבע איז נישט פאַראַן קיין שום העכערס, אַזעלכעס, וואָס זאָל אונדז אויסאיידלען, ווי איר זאָגט. אַדרבה, זי דערנידעריקט דעם מענטש און נעמט ביי אים אַוועק די פאַרביקייט.

דער סטודענט האָט באַמערקט, ווי די טונקעלע אויגן האָבן דערשראָקן זיך אַ קער געטאָן צו אים. און ער האָט פאַרגעזעצט מיט אַ העכערער, אָנגעריסענער שטים:

— מ'זאָגט, אַז אַ מענטש, וואָס האָט געקויפט אַ פאַרצע־לייענעם סערוויז, האָט פאַרלוירן די פרייהייט, און דאָ האַנדלט

זיך נישט אין אַ סערוויז... איר נעמט אַ פרעמד לעבן, און איר דאַרפט אייביק געדענקען, אַז יעדעס וואָרט אייערס, אייער יעדער טריט, שפּיגלט און רופט זיך אָפּ אויף אַן אַנדערן און דערצו נאָך אויף אַ מענטש, וועלכן איר האָט ליב, וועלכער איז אייך טייער... דאָס איז דאָך שרעקלעך... איר ווילט נישט, איר קאָנט נישט און האָט נישט קיין רעכט מצער צו זיין, אומגליקלעך מאַכן, קאַליע מאַכן אַ פרעמד לעבן... און דערום לערנט איר זיך ביסלעכווייז אויס, אויסצוזען פריילעך און לוסטיק, בעת אייך איז באמת לאַנגווייליק צו אַרבעטן, בעת איר האָט נישט דערצו קיין חשק, איר לערנט זיך אויס צו שעצן הויך אייער לעבן, בעת אייך קומט באמת אויס אייער לעבן איינצושטעלן אין קאָן. די באַטירלעכסטע שקלאַפעריי איז דאָס... מ'זאָגט, אַז ליבע איז דאָס ווען מיר באַפאָרצוגן איינעם, ווען מ'טיילט עמיצן אויס, אייצעם פון אַלע.

— וואָס עפּעס פון אַלע? — האָט שטיפעריש איבערגעשלאָגן דער לוסטיקער דאָקטאָר און זיך איבערגעקוקט מיט זיין פרוי מיט אַ סודותפולן, ריידעוודיקן בליק, פון וועלכן זי איז רויט געוואָרן און אויף קאַטאָוועס אים אַ דראָ געטאָן מיטן פינגער.

דער סטודענט האָט קרום אַ קוק געטאָן אויף זיי ביידן. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אז דאָס איז באַנאַל און האָט, ווי אַגב-אורחהדיק, מיט אַן אויסדרוק פון עקל, באַמערקט:

— אומגליקלעכע ליבע איז — ליידן, און אַ צו גליקלעכע ליבע איז באַנאַליטעט... אָבער אַ ליבע „מיט אַ מאָס" איז, ווי וואַרעם וואַסער, נישט דאָס און נישט יענץ... און לגמרי נישט קיין ליבע... ווייבאַלד אַזוי, אַז אויב ס'איז אמת, אַז ליבע מיינט אויסטיילן איינעם פון אַלע, קומט דאָך אויס, אַז דאָס איז דאָסזעלבע, ווי מסרס זיין עמיצן... דער מענטש זאָגט זיך אָפּ פון אַלץ, וואָס עס קאָן זיין דאָס בעסטע, טוט אָן אַ כאָמאָנט, ווערט אַ נאַר, אַ לעמעשקע, אַ פאַקיר, וועלכן ס'טוט הנאה דאָס באַקוקן זיין אָפּגעטל און זעט נישט, ווי יעדן טאָג גייט אַדורך אַ נייע שיינהייט, אַ גאַנצער קאַראַהאָד פון נייע מעגלעכקייטן צו זיין גליקלעך און געניסן פרייד... יאָ, ס'קאָן זיין, אַז מענטשן וועלן

נאָכאמאָל דערגיין צו די אמתע פאָרמען פון עכטער, פרייער ליבע, אָבער איצט — אַך! — איז די איינציקע פאָרם פון פריי־ הייט אין די געשלעכטלעכע באַציונגען, אַנטשולדיקט פאַרן אויס־ דרוק, די פראָסטיטוציע.

דער שריפטשטעלער, זשמורענדיק זיך פון רויך, האָט פון דער הייך פון זיין זייער גרויסן וווקס אַ קוק געטאָן אויף דעם סטודענטס בלאַס־צאָרנדיק פנים און א טראַכט געטאָן:

„אַ רחמנות, כ'לעבן, אויף אים... ער האָט דאָך חוץ ביליקע שאַנד־הייזער זיין גאַנץ לעבן גאָרנישט געזען... ער וועט אַזוי שטאַרבן, גאָרנישט זעענדיק, און וועט מיינען, אַז ער איז גערעכט".

דער לוסטיקער דאָקטאָר, וועלכן ס'זענען נמאס געוואָרן די אַבסטראַקטע חקירות, האָט זיך אָנגערופן:

— אין פיל זאַכן זענט איר, באַטירלעך, גערעכט... אַ מאַנס־ביל און אַ פרוי זענען צו פיל נישט ענלעך איינס צום אַנ־ דערן, און וואַרטן, אַז זיי וועלן קומען צווישן זיך צו אַ הסכם אָן שווערע קעגנזייטיקע הגהות, — איז נאַריש... און בכלל... איז די דאָזיקע ליבע מסוגל צו שאַפן אַזעלכע טראַגישע קאָנ־ פליקטן... אָט, צום ביישפיל, וווינט נישט ווייט פון דאַנען, אין אַ דערפל, מיינער אַ גוטער פריינט, אַ געוויסער פיעראָווסקי...

— פיעראָווסקי?... אַך, יאָ... — האָט, מונטערער ווערג־ דיק, זיך אָפגערופן דער שריפטשטעלער. — דאָס איז,ווירקלעך אַ דראַמע...

און אַ קער טוענדיק זיך עפעס גלייך צום מיידל, האָט ער שיין און אינטערעסאַנט אָנגעהויבן דערציילן אַ זייער לאַנ־ גע מעשה.

— דער דאָזיקער פיעראָווסקי איז, זייענדיק נאָך אַ סטודענט, אַריין אין אינטימע באַציונגען מיט אַ פרוי, וואָס איז געווען פיל עלטער פאַר אים. ער איז געווען אַלט פינף און צוואַנציק יאָר און זי — אַרום פערציק. נאָר זי איז געווען זייער שיין. אינם רייץ פון אַ פרוי, וואָס הייבט אָן וועלקן, איז פאַראַן עפעס אַ מין צוימערנדיקס, וואָס איז שווער איבערצוגעבן, אַזעלכעס, וואָס דערמאָנט אָן אַ האַרבס־

שיקע אַסטרע-בלום. איר שיינקייט רירט אונדז, די שיינקייט, וואָס איז היינט אַזוי פאַרבנפול און צוציענדיק, אָבער מאָרגן וועלן זיך פון איר די בלעטער אָפּשיטן, ווי פון אַ האַרבסט-בלום. און אין באַוווסטזיין פון איר לעצטער שיינקייט ווערט זי באַזונדער צאַרט, שעצט שטאַרק יעדע לאַסקע, גיט זיך אָפּ אינגאַנצן און שענדלעך, אַזוי ווי עס קאָנען זיך אָפּגעבן נאָר די, וואָס האַלטן ביים שטאַרבן, פאַר וועלכע דער מאָרגעדיקער טאָג עקזיסטירט שוין נישט. און וואָס דער מאַנסביל איז יונגער, וואָס שטאַרקער אין אים איז די תאווה, אַלץ שטאַרקער פילט ער דעמדאָזיקן רייץ. דערפון נעמט זיך שטענדיק דער פאַקט, וואָס גאָר יונגע מאַנסבילן גיבן אָפּ זייער ערשטע ליבע פרויען פון אַ געוויסן עלטער.

— ס'קאָן זיין, אַז אויך נישט צוליב דעם, — האָט דער שריפטשטעלער זיך אָפּגערופן, — אַז אין דער ליבע פון אַזאַ פרוי איז שטענדיק פאַראַן אַ ניואַנץ פון מוטערלעכקייט, וועלכע רירט אַזוי און בינדט צו... דערדאָזיקער פיעראָווסקי האָט אַמאָל געהאַט אַ זעלטענע שטים, מ'האָט אים נביאות געזאָגט, אַז ער וועט מאכן אַ קאַריערע פונם ערשטן רוסישן באַריטאָן.... כ'געדענק נאָך, ווי אין אוניווערזיטעט פלעגן מיידלעך לויפן נאָך אים מחנותווייז... און דידאָזיקע לידיאַ פּאַוולאָווגאַ האָט זיך אַזוי איבערגעגומען מיט זיין רום, אַז זי האָט נישט געוווסט אויף וואָסער וועלט זי איז... זי פלעגט אים אַקאָמפּאַנירן, אים אַרומרונגלען מיט אַזאַ זאָרגזאַמקייט, פלעגט אָפּהיטן זיין שטים זי זאָל חלילה נישט קאַליע ווערן, פלעגט אים אין אַלץ נאָכגעבן, ווי מ'גיט נאָך אַ צעפּיעשטשעטן בן-יחיד, און האָט אַרום אים געשאַפן אַ גאַנצן קולט. זי איז, דאַכט זיך, גרייט געווען מקריב צו זיין איר לעבן צוליבדעם נאָר, אַז ער זאָל האָבן אַן איבעריקן, קליינעם דערפאָלג. און מ'דאַרף מודה זיין, אַז פיעראָווסקי האָט איר געהאַט פיל צו פאַרדאַנקען. די יאָרן האָבן אָבער געטאָן און גענומען זייערס. פון אַ רייצנדיקער פרוי איז זי ביסלעכוויז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וועלקנדיקער. אַביסל טאַקע קאָמישער זקנה... ס'איז געווען עפּעס מאַדנע און ווי געטאָן האָט

דערביי דאָס האַרץ זיי צו זען צוזאַמען. ער — נאָך גאַר אַ יונ־גער, וואָס פאַרכאַפּט און אַנציקט מיט זיין געזאַנג, און מיט זיין ברייטער, רייך באַגאָבטער נאַטור, שטענדיק אַרומגערינגלט מיט פאַרליבטע מיידלעך, און זי — אַזעלכע, וואָס קיינער באַמערקט נישט, אַ קאַמישע, וועלכע באַמיט זיך דורך איינרייבעכצן און דורך פאַלשע ציין צו פאַרלענגערן איר יוגנט, וועלכע לאָזט זיך אָבער נישט איינהאַלטן און גייט אַוועק... מ׳האָט פון זיי אָנגע־הויבן לאַכן. פּערעָווסקי האָט עס, נאַטירלעך, נישט געקאָנט נישט זען און האָט דערפון געליטן. און אים אַליין איז דער דאָזיקער אומנאַטירלעכער בונד, וואָרשיינלעך, שוין אויך געוואָרן נמאס און צו לאַסט. ער האָט אים געוויס געמאַטערט און דער יונ־גערמאַן האָט מסתמא געטרוימט וועגן אַ נייעם, ליכטיקן יונגן געפיל. ער האָט אָבער, צום אומגליק, געהאַט אַ טיפע, איידעלע נשמה, וואָס האָט געלעכצט נאָך אַ העלדנטאַט ער האָט נישט גע־קאָנט פאַרגעסן די פאַרגאַנגענהייט, נישט געקאָנט מקריב זיין די דאָזיקע פרוי. ער האָט שטאַרק געליטן און געענדיקט האָט זיך די זאַך דערמיט, וואָס ער האָט זיך אַליין מקריב געווען. ער האָט אָנגעהויבן פאַרזיכערן זי און זיך גופא אין דער נישטי־קייט און אין דער פוסטער הבל־הבלימדיקייט פון יעדער קאַריע־רע. ד. ה. אַז די בעסטע קאַריערע איז נישט ווערט קיין שמעק טאַבאַק, און איז אַוועקגעפאָרן אַהער, עפּעס אין אַ כוטאָר.*) ער האָט זיך פשוט באַהאַלטן פון מענטשן און פון לעבן, וועלכעס האָט אים שרעקלעך געצויגן צו זיך... איצט, נאַטירלעך, איז שוין אַלץ פאַרפאַלן... ער איז געוואָרן בלאַס, האָט פאַרלוירן זיין גלאַנץ... זיי לעבן זיך ביידע אינם דאָזיקן כוטאָרל, זענען מיט קיינעם כמעט נישט באַקאַנט, פלאַנצן ווייַנטרויבן, גראָבן בליטן... דאָס לעבן האָט זיך געענדיקט... און וואָס פאַר אַ פאַר־ביק, לעבעדיק און אינטערעסאַנט לעבן דאָס האָט געקאָנט זיין...

דאָס מיידל אין ווייסן העמדל מיט בלאָע פּאַסיקלעך, אינ־גאַנצן בלאַס פון אויפרעגונג און רחמנות, האָט געקוקט גלייך

---

*) אַ קליין דערפל פון עטלעכע הייזער

אין מויל אַריין דעם שריפטשטעלער מיט אירע טונקעלע, מעלאנכאָלישע אויגן. און פילנדיק דעמדאָזיקן רירנדיקן, טרויעריקן בליק, האָט דער שריפטשטעלער דערציילט די דאָזיקע געשיכטע, דידאָזיקע דראַמע, די נישט באַמערקלעכע און שרעקלעכע דראַמע, אַזוי פּייערלעך און טרויעריק, פּונקט ווי ער וואָלט געלייענט וועגן אַ מאַרטירער־לעבן פון עפּעס אַ קדוש. און אַ ווײַ פון צער האָט זיך שטיל אַריבערגעטראָגן איבער זיי. אַפילו דער לוסטיקער דאָקטאָר, וועלכער האָט שוין לאַנג געוווּסט די־דאָזיקע געשיכטע און איר קיינמאָל נישט צוגעגעבן קיין באַדײַטונג, איז אויך געוואָרן מרה־שחורהדיק און זיין ווייב איז געוואָרן בלאַס. אַ געהיימער פחד האָט זיך, ווי אַ שאָטן, געלייגט אויף איר יונג, גליקלעך פּנים.

ווען דער שריפטשטעלער האָט געענדיקט און זיך גענומען אָנקלאַפּן מיט טאַבאַק זיין פּייקע, האָבן אַלע לאַנג געשוויגן. מ'האָט געהערט, ווי פון יענער זייט אָפּשטורץ האָט געררוישט דער ים, ווי ערגעץ־ווו פּלעסקען זיך רודערס און נישט דרייסט הייבט אָן זינגען אַ יונגע שטים.

און דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן צו פירן וכוחים

דער שריפטשטעלער האָט מיט היץ דערוויזן, אַז אינם דאָזיקן קרבן איז פאַראַן אַן אמתע שיינקייט; דער סטודענט האָט צאָרנדיק, ווי אַ פּערזענלעכן שונא, אויסגעלאַכט דעם מענטש, וועלכער האָט זיך צוליב עפּעס אַ נאַרישע פרוי אָפּגעזאָגט פון לעבן, און דער לוסטיקער דאָקטאָר האָט אָנגעהויבן צו זידלען די פרוי, וועלכע האָט אָנגענומען דעם יונגנמאַנס קרבן און האָט נישט געקאָנט באַצייטנס אים פאַרלאָזן.

— זי איז דאָך אָבער נישט שולדיק, — האָט נישט דרייסט באַמערקט דעם דאָקטאָרס ווייב.

— ס'הייסט, נישט שולדיק. אַזוי, סתם אַזוי, קומט אויס, אומגליקלעך געמאַכט אַ מענטש.

דער דאָקטאָר האָט אָנגעהויבן דיסקוטירן שוין בלויז מיט זיין ווייב, ער האָט זיך אין היץ פון זיין מחלוקת פאַרגעסן און אַוועק אַזוי ווייט, אַז ער האָט אַזוי טאַקטלאָז אַזוי סתם פון

דער העלער חויט, געמאַכט אַ קאַפּולער אָנצוהערעניש, אַז אַן אייגענער מענטש איז אונדז, נישט ווילנדיק, אַ ברודער". פון אזא גראָבן רמז האָט די יונגע פרוי זיך געפונען שטאַרק באַליידיקט און זיך שיער גישט צעוויינט. פון איר שטים, וואָס האָט אָנגעהויבן קלינגען מיט טרערן, איז אלעמען געוואָרן נישט באַקוועם, און דער יונגער סטודענט, האָט, אונטערן תירוץ, אַז דרויסן איז געוואָרן פייכט, פאָרגעלייגט צו גיין אַהיים און „מאַכן נאַכט".

ס'איז שוין, איבעריקנס, געווען באמת שפעט. די מוזיק איז שוין לאַנג פארשוויגן געוואָרן, דאָס שטעטל איז געוואָרן שטיל, די גאַס אין דער לענג פון ברעג איז פוסט געוואָרן און בלויז די זעלטענע פייערלעך אין די ווייטע־זומער־וווינונגען, האָבן דערציילט, אַז נישט אַלע שלאָפן שוין.

די ווייסע לבנה איז געשטאַנען איבערן שוואַרצן באַרג און האָט אויפמערקזאַם געקוקט אין דעם שוואַרצן האפן; געקוקט אזוי סורותפול און קאַלט, פונקט ווי זי האָט גאָר געקוקט אין דער צייט, ווען דאָ איז נאָך נישט געווען קיין פריילעך דאַטשע־שטעטל און ווען דער אייביקער ים בלויז האָט געשטערט די שטילקייט, זיך פליעסקענדיק אָן די ווילדע שטיינער.

II

ווי אַלע לוסטיקע מענטשן, וואָס טראָגן נישט אַריבער קיין לאַנגווייליקייט, האָט דער דאָקטאָר געהאַלטן פאַר זיין חוב, זיך צו זאָרגן, אַז זיינע באַקאַנטע זאָלן זיך גוט ווײלן. ער פלעגט איינאָרדנען לוסט־רייזעס צום ווייטן קאַפּ, וואָס אין זיינע לאזור בלאָע היילן, אין זיין וואַסער, וואָס איז דורכזיכטיק ביזן דנאָ, האָט זיך געדאַכט, ווינען נאָך שיינע, נאַקעטע וואסער־נימפן מיט סודותפולע, גרינע אויגן. דערנאָך האָט ער אָרגאַניזירט לאַנגע רייזעס אין עקיפּאַזשן און צופוס אין די בערג, אים פלעגט איינפאַלן אונטערצוצינדן דאָס טרוקענע גראָז אויף די שפּיץ בערג, און שטענדיק פלעגט זיין ווייסער פּאַנאַמע־הוט פאַרזאָרגט זיך אַרומדרייען און נישטערן צווישן עולם, איבער דער גאַס אין שטענדיקע זוכענישן פון אַ נייעם, אינטערעסאַנטן „נומער“, ווי ער פלעגט זיך אויסדרוקן. נאָר דאָס אַלץ האָט זיך גיך דערעסן, אינגיכן האָבן אַפילו בלויז די ווערטער „אַ שיפל“ און „בערג“ אָנגעהויבן אַרויפוואַרפן אַ פולע לאַנגווייליקייט. דאַן האָט דער לוסטיקער דאָקטאָר באַשלאָסן, אַז ס׳איז שוין צייט צו געבן דער געזעלשאַפט עפּעס נייעס, און האָט זיך דערמאָנט אָן פּיעראָווסקין. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס וועט זיין זייער אינטערעסאַנט, און אין זיין לוסטיקן, לייכטזיניקן קאָפּ איז טאַקע נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז דאָס איז אַביסל אַכזריותדיק, צו ווייזן, כדי פריילעך צו מאַכן די פריינט, וואָס לאַנגווײלן אַ מענטש, וועלכער איז דעריבער נאָר נייגעריק צו קאָנען,

האָס אין זיין לעבן איז פאָרגעקומען א שווערע און טרויערי־קע דראַמע.

דאָס איבעריקנס, איז דעם שריפטשטעלער אויך נישט איינגעפאַלן.

ווען דער דאָקטאָר האָט אים דערציילט וועגן זיין כוונה ארויסצושלעפּן פּיעראָווסקין, האָט ער באַלעבאַט אַ קוק געטאָן דורך די אייביקע רויך־קנוילן און געזאָגט מיט אַ צושטימענדיק־גוטמו־טיקער שטים:

— פּאַרוואָס נישט, דאָס איז נייגיריק... ברענגט אים אומבאַדינגט.

און אין עטלעכע טעג אַרום האָט דער דאָקטאָר געבראַכט אויפן פּאָראָם עפּעס אַ חוכבאַרדיקן מענטשן און גרויסע שטיוול און אַ בלאַ העמד.

— דערלויבט אייך צו באַקאָנען... מיין גוטער פריינט דמיטרי אַרקאַדיעוויטש פּיעראָווסקי — האָט ער געזאָגט מיט אַ פייערלעכן טאָן פון אַ בלאָפער, וואָס ווייזט עפּעס אַ זעענסווערטיקייט.

דער שריפטשטעלער האָט זיך באַגריסט מיט פּיעראָווסקין ווי אַן אַלטער באַקאַנטער, וואַרעם, מעשה אַלטער גוטערפריינט. דעם דאָקטאָרס פרוי האָט ליבלעך אַ שמייכל געטאָן, און אין איר איבערגעטריבענער ליבלעכקייט איז געווען צו באַמערקן אַ באַגער מקרב צו זיין אַ אומגליקלעכן מענטשן. און אין די טונקעלע אויגן פון מיידל האָט זיך באַוויזן יענער דערשראָקענער אויסדרוק וועלכן ס'איז צו באַמערקן ביי זייער גוטע און יונגען מענטשן, ווען מ'ווייזט זיי אַ מענטשן, וועמעס טעג עס זענען שוין געציילטע.

הפנים, אַז פּיעראָווסקי האָט דערפילט אַז מ'קוקט אויף אים עפּעס באַזונדער. איבער זיין שיינעם בערדיקן פּנים מיט די עטוואָס טריבע אויגן און שניידיקע פאַלדן אויף די ווינקלען פון מויל האָט אַ שימער געטאָן אַן אומרויקער אויסדרוק, ער האָט זיך אַנידערגעזעצט און, באַלד זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן גלאָז טיי, וואָס מ'האָט אים דערלאַנגט, און, אַראָפּלאָזנדיק די

אויגן, האָט ער זיך גענומען איבערקלייבן די פינגער איבער די ראַנדן פון טעצל.

— שוין לאַנג ווי מיר האָבן זיך נישט געזען — האָט געזאָגט דער שריפטשטעלער.

פּיעראָווסקי האָט אויפגעהויבן די אויגן און באַלד טאַקע זיי אַראָפּגעלאָזט.

— יאָ, שוין לאַנג... — האָט ער פילנדיק זיך נישט באַקוועם געענטפערט.

— וואָס מאַכט עפּעס לידיאַ פּאַוולאָוונאַ? — האָט ווידער דער שריפטשטעלער געפרעגט און, ווי זיין רגילות איז, צוגעזשמורעט די אויגן אויסן רויך.

אָבער דעם דינינקן מיידל, וואָס האָט דערשראָקן זיך צוגעקוקט און צוגעהערט צו אַלע, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער דאָקטאָר האָט צוגעזשמורעט די אויגן און געפרעגט בכיוון. זי האָט זיך פאַרשעמט פאַר אים. אַ רחמנות אויף פּיעראָווסקין און אַ שרעק וואָלט געווען, ווען ער וואָלט געענטפערט פאַר דידאָזיקע גראָבע טאַקטלאָזע מענטשן זיין האַרץ און זיי דערציילט וועגן זיינע ליידן.

נאָר פּיעראָווסקי האָט, נישט אויפהייבנדיק די אויגן, געענטפערט רויק און פּראָסט:

— זי איז אַלץ קראַנק די לעצטע צייט... מיך באַאומרויקט עס שטאַרק... ס'ווייזט אויס, אַז ביי אונדז אויפן כוטאר איז פייכט...

דאָס מיידל האָט זיך ממש פאַנאַנדערגעבליט: איר האָט שטאַרק הנאה געטאָן און זי איז געווען העכסט צופרידן, וואָס פּיעראָווסקי האָט אַזוי וואַרעם געענטפערט וועגן דער פרוי, וועלכע האָט דאָך אים צעקלאַפּט דאָס לעבן. און אַ געפיל פון רחמנות און באַוווּנדערונג פאַר זיין גרויסן און באַשיידענעם העלדנטאַט — ווי איר האָט זיך אויסגעוויזן, — האָט אַ ציטער געטאָן אין איר תמימותדיקן און ריינעם האַרצן.

אין אָנהייב האָט זיך דאָס געשפּרעך „נישט געקלעבט". פּיעראָווסקי איז געווען צוריקגעהאַלטן און אפילו ווילד, האָט גע-

קוקט אַראָפּ און בערוועיש איבערגעקליבן די פינגער און זיך אָנגעגרירט מיט זיי צו אַלץ, וואָס איז אים אונטערגעפאַלן אונטער דער האַנט. אַלע האָבן זיך געפּלייסט צו זיין מיט אים ליבלעך און אויפמערקזאַם; און דאָס האָט געשאַפן יענע אומאַנגענעמע געצווונגענקייט, וועלכע עס שאַפט זיך ביים געלעגער פון אַ חולה מסוכן.

נאָר דערנאָך האָט דער שרייבער אָנגעהויבן רעדן וועגן די לעצטע ליטעראַרישע נייעס, וועגן דעם לעצטן ראָמאַן פונם באַרימטן אינדיווידואַליסט. ער האָט געלייענט דעם ראָמאַן און אפילו געווען פון אים אַנציקט, ווי פון אַ דרשה וועגן קראַפט און פרייהייט.

— שוין צייט כ׳לעבן, צו זאָגען בקול רם, אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן צו געניסן גליק, פונקט ווי אַ פויגל — צום פליען, — האָט ער אויסגעשריגן מיט אַ דונערדיקער שטים, באַמערקנדיק מיט צופרידנקייט, אַז צו זיינע ווערטער הערן זיך צו דריי שיינינקע מיידלעך ביים שכנותדיקן טיש.

דאָס גליק איז נישט נאָר אין נצחון איבער אַנדערע, דאָס גליק איז פאַראַן אויך איז זעלבסט-אָפּערונג, — האָט פּיעראָוווסקי נישט הויך אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג.

דער שרייבער האָט אָנגעהויבן דיספּוטירן, זיך היצן און שרייען. דאָס מיידל אין בלויען קליידל האָט ווידער דערשראָקן אַ קוק געטאַן אויף פּיעראָוווסקין. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער שרייבער האָט בכיוון אויפגעהויבן דידאָזיקע פראַגע און פירט וויכוח נישט מיט פּיעראָוווסקין, נאָר מיטן גאַנצן לעבן פון פּיעראָוווסקין גופא.

— צוואָס מאַטערן זיי אים אַלע? — האָט זי זיך געטראַכט און שיער זיך נישט צעוויינט פון רחמנות און עמפּערונג.

נאָר פּיעראָוווסקי האָט ווידער געמאַכט אַן אָנשפּעל, ווי ער וואָלט גאָרנישט באַמערקט. ער האָט דיספּוטירט נאָר וועגן עצם און ביסלעכווייז האָט דער געשפּרעך אָנגענומען אַ אינטערעסאַנטן נישט באַליידיקנדיקן כאַראַקטער. אַלע זענען געוואָרן לעבעדיקער און לוסטיקער און פּיעראָוווסקי אויך. לאַנג שוין נישט גע-

הערטע ווערטער האָבן אין אים דערוועקט אַ פונק פון אַ לעבע־דיקער, פילנדער און דענקענדער נשמה, וועלכע איז אין אים שוין געווען אויסגעלאָשן. די אויגן זיינע האָבן אָנגעהויבן גלאַנצן, די פּאַלדן ביים מויל זענען געוואָרן ווייכער. ס'איז געווען באַ־שיימפּערלעך צו זען, אַז אין דער איינזאַמקייט פון כּוטאָר, ווייט פונם לעבן מיט זיינע פייניקנדיקע פראַגן, מיטן דונער און הו־האַ, האָט ער פיל געבענקט און זיך אויסגעאַרבעט עפּעס זיינס אַן אייגענע פּאַרטיפּטע און אָנגעשטרענגטע וועלטאַנשויאונג. זיי־נע ווערטער זענען געווען אַביסל ווילד, צייטנווייז, אפילו נאַיוו, נאָר אין זיי האָט זיך געלויכטן אַ שאַרפער ערנסטער געדאַנק און זיי צוגעגעבן אַ באַזונדערע קראַפט.

בכלל איז געווען צו זען, אַז דאָס אייז פון זיין צוריק־געהאַלטנקייט ווערט צו ביסלעך צעשמאָלצן און אַז ער געווינט זיך צו צו מענטשן. דער שריפטשטעלער האָט גערעדט פיל, דעם דאָקטאָרס פרוי איז געווען ליבלעך און שיין, דער דאָקטאָר־לוסטיק און גלייכגילטיק, דער קראַנקער סטודענט — אינטערע־סאַנט מיט זיין בייזקייט, און דאָס שטיל שווייגנדיק מיידל — אַזוי אויפמערקזאַם און ערנסט, אַז אין דערדאָזיקער וואַרעמער אַטמאָספערע, האָט די נשמה פונם אָפּגעפאָרענעם איינזאַמען מענטש, וועלכע איז געווען ביז איצט פאַרשלאָסן און אָפּגעזונ־דערט, אָנגעהויבן אויפלעבן און זיך פאַנאַנדערלאָזן און ווען מ'איז, נאָכן טיי, געפאָרן זיך וויאַסלעווען אויף אַ שיפל, איבערן זילבערנעם, קוים זיך שאָקלדיקן, וואַסער, וואָס איז אין אַ ברייטן פאַס געווען באַגאָסן מיט לבנה־שיין, האָט פּיעראָווסקי זיך שוין געפילט צווישן אייגענע, און יענער שווערער אומעט, פון וועלכן ס'איז אוממעגלעך געווען פטור צו ווערן און וועלכער איז אים נאָכנעגאַנגען שוין זייט עטלעכע יאָר און האָט אומבאַמערקט גע־פרעסן זיין נשמה, ווי אַ וואָרעם פרעסט דעם בוים — איז ער־געץ אַוועק. שוין לאַנג איז פּיעראָווסקין שוין נישט געווען אַזוי לייכט און פריילעך, ווי איצט.

דאָס שווארצע וואַסער האָט זיך ביים שיפל געדרייט און אויסגעוויזן, ווי אַ שרעקלעכער תהום אָן אַ דנאָ, דער לבנה־סלופ

האָט געשפּילט און זיך אָנגעכאַפּט מיט מיליאָנען בלאָע פייערלעך, פּונקט ווי איבערן וואַסער וואָלטן געטאַנצט מיליאַרדן ליכטיקע עלפן. ביי דעם שיין פון דער לבנה האָט דעם דאָקטאָרס פרוי און דאָס מיידל אין ווייסן העמדל זיך אויסגעוויזן אויסערגעוויינטלעך שיין און לייכט, ווי לבנה-מיידן. ס'איז פאַרבייגעפאָרן א גרויס, טונקל שיפל מיט פישער, וועלכע האָבן ריטמיש געדודערט און ווען דאָס שיפל זייערס איז אַריינגעפאָרן אין לבנה-סלופּ איז עס געוואָרן גאָר שוואַרץ, סודותפול און אויסטערליש.

דער לוסטיקער דאָקטאָר איז צוגעשטאַנען צו פיעראָווסקין, ער זאָל עפּעס זינגען.

און ווידער האָט זיך דאָס מיידל דערשראָקן, עס זאָל עפּעס נישט אַרויסקומען קיין אומאָנגענעמלעכס מיט אים; זי האָט געמיינט, אַז דאָס זינגען דאַרף אין פיעראָווסקיס נשמה זיין דאָס קרענקלעכסטע אָרט. דאָס איז דאָך געווען דאָס בעסטע, פון וועלכן ער האָט זיך אָפּגעזאָגט און פון דעם רעזיגנירט. פיעראָווסקי איז אָבער גערן איינגעגאַנגען עפּעס פאָרצוזינגען פאַרן עולם.

אין זיין שטים איז שוין נישט געווען קיין פרישקייט און זיין אופן פון זינגען איז פאַרגרעבט געוואָרן. ס'ווייזט אויס, אַז פאַר דער צייט, וואָס ער איז געווען אָפּגעריסן פון זינגען, האָט ער פיל פאַרגעסן. די נאַכט איז אָבער געווען אַזאַ שיינע, ס'האָט זיך אַזוי געוואָלט זינגען אָדער שפּילן, ס'האָט זיך אַזוי געבענקט נאָך מעלאַנכאָלישקייט, אַז, ווען די שטאַרקע מאַנסבילישע שטים האָט זיך און פריי אויפגעהויבן צווישן דעם קלינגעדיקן פּליעסקען פון די כוואַליעס, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט באַרויקן, האָט זיך אַלעמען געדאַכט, אַז קיין בעסער זינגען האָבן זיי קיינמאָל נישט געהערט.

— אויסגעצייכנט שיין, — האָט שטיל געשעפּטשעט דעם דאָקטאָרס פרוי און אירע אויגן האָבן מאָדנע געגלאַנצט ביי דעם שיין פון דער לבנה.

— יאָ... — האָט דער דאָקטאָר מסכּים געווען און געבעטן זינגען נאָך עפּעס.

דאָס שיפֿל איז אַוועקגעשווימען פֿון ברעג, אַלץ ווייטער און ווייטער און אַרום איז שוין געווען בלויז ים, וואָס האָט זיך באַוועגט, לבֿנה־שיין און אומענדלעכע מרחקים. די פֿעלזן אויפֿן ברעג זענען געוואָרן לייכט און לופֿטיק און, ווי שפּיל־טורעמלעך, האָבן אויף די פֿעלזן זיך נעשוואַרצט געגנזישע טורעמס, פֿאַרשמידט אין קאַלטן שיין.

און פּיעראָווסקי האָט אַלץ געזונגען און געזונגען. דעם דאָקטאָרס פּרוי איז איינגעגנצן ווייך געוואָרן און איר שיין פּנים איז בלאָס געוואָרן פֿון אָנגעגעמער אויפֿרעגונג. דער קראַנקער סטודענט איז שטיל געבליבן, אים איז עפּעס געוואָרן אומעטיק אויפֿן האַרצן, נאָר ס׳איז געווען גוט. און דאָס דינעגקע מיידל איז געזעסן אויפֿן רודער און זיך נישט גערירט פֿון אָרט. זי האָט מיט פּייכטע, טיפֿע אויגן געקוקט אויף דער ליכטיקער לבֿנה און זיך געטראַכט, אַז דאָס, וואָס זי האָט נאָר וואָס איבערגעלעבט און לעבט איצט איבער איז שיין, אַז אַזאַ רייכער, צווייבערנדיקער טאַלאַנט, ווי פּיעראָווסקיס קאָן נישט פֿאַרפֿאַלן ווערן שפּורלאָז און לאַנגווייליק. און אַ געהיימער געדאַנק וועגן דעם, אַז זי וואָלט אפֿשר געקאָנט ראַטעווען דעמדאָזיקן מענטש, האָט זי זיס אויפֿגערודערט, ווי אַ פֿאַרגעפֿיל פֿון דער ערשטער פֿרייליננס־ליבע.

— אָט דאָס האָט איר גוט פֿאַרגעזונגען — האָט מיט געפֿיל דער דאָקטאָר געזאָגט נאָכדעם, ווי פּיעראָווסקי האָט פֿאַרגעזונגען אַ שיינעם און טראַגישן ראָמאַנס, — כ׳האָב געהערט ווי דידאָזיקע זאַך האָט געזונגען אַרטאָגין, נאָר מיר איז עס דאַן נישט געפֿעלן געוואָרן... איר האָט מער קראַפֿט, באַזיצט מער טראַגיזם... זייער, זיי־ער גוט...

— אַרטאָגין? — האָט פּלוצלינג פּיעראָווסקי איבערגעפֿרעגט. און אין זיין שטים האָט עפּעס אַ ציטער געטאָן. — ניין, וואָסזשע... איך האָב שוין לאַנג אַוועקגעוואָרפֿן... בין אָפּגעשטאַנען... — האָט ער פּלוצלינג אַרויסגערעדט מיט אַ נידעריקער

טאָן, און דאָס פריערדיקע אומרויקע טענדל האָט ווידער זיך דערהערט אין זיינע ווערטער. ער איז פארשוויגן געוואָרן, האָט זיך אַנידערגעזעצט און אָנגעהויבן קוקן אויף דעם וואַסער, וואָס איז אין טונקעלע קרייזן אַרויסגעשווימען פון אונטערן שיפל.

און אין דערדאָזיקער מינוט האָט דאָס מיידל. וואָס איז געזעסן אויפן רודער, אַזאַ דינינקע, באַלויכטן פון דעם לבנה-שיין, פלוצלינג נישט דרייסט, נאָר שנעל אָנגעהויבן דערציילן, ווי זי איז נעכטן געגאַנגען אויפן זאַמדיקן ברעג צו מאָלן עטיודן, ווי דאָרט איז געווען ליכטיק גוט, ווי מחיהדיק די זון האָט דאַן געשיינט און ווי ליבלעך, דער ים האָט זיך געפליעסקעט. און אירע נישט דרייסטע ווערטער איז געווען אַזוי פיל קינדערשע צערטלעכקייט און פחדנות. אַז עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָרט, ווו זי איז געווען זענען אי דער ים, אי די זון אי די בערג געווען עפעס גאָר באַזונדערע, נישט אַזעלכע, ווי מיר זעען זיי. אַז זיי זענען געווען קליינע, צאַרטע, גוטע גאָרנישט אַזעלכע גרויסע און בייז-שיינע, ווי אין דערווירקלעכקייט.

זי האָט דערציילט, איילנדיק זיך און פּלאָנטערנדיק זיך און אַלע האָבן זי אויסגעהערט, נישט קאָנענדיק זי פארשטיין. נאָר איין פּיעראָווסקי האָט מיטן האַרצן פארשטאַנען, אַז זי האָט פשוט אויף אים רחמנות און אַז זי וויל, מיט אַזאַ רירנדיקער תמימות, אָפּווענדן זיינע געדאַנקען צו עפּעס ליכטיקס אין לייכטס. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר שיין פּנימל, באַלויכטן פון דעם לבנה-שיין, אויף וועלכן ס'האָבן דערשראָקן און בעטנדיק געגלאַנצט טונקעלע אויגן, און האָט אַ טראַכט געטאָן מיט אַן איידעלער צערטלעכקייט:

— „ליב מיידעלע".

און אים איז ווידער געוואָרן לייכטער.

כדי צו באַרויקן דאָס מיידל, האָט ער אַליין אָנגעהויבן דערציילן וועגן זיינע וואַנדערונגען איבער די בערג מיט אַ ביקס און אַ הונט. ער האָט דערציילט, ס'איז ליבער הונט דאָס איז געווען, די לעדאַ זיינע, אַ ווייסער, ווי שניי דערנאָך האָט ער ווידער

געזונגען און, צופרידן, אויפגעמינטערט, מיט נשמות וועלכע וואָלטן זיך פּונקט ווי אָפּגעוואַשן מיט דעם פרישקייט פון דער נאַכט, האָט זיך די גאַנצע קאָמפּאַניע צוריקגעקערט אין האַפן...

דעם דאָקטאָרס פרוי איז מיד געוואָרן פון די איינדרוקן. ערשט ווען זי איז אַראָפּ אויף דער יבשה, האָט זי דערפילט אַז פאָרנדיק איבערן ים, האָט זי אַביסל געליטן פון ים-קרענק. מ׳האָט דערום געגעסן אָוונט-ברויט אָן איר און אין גיכן איז, מען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. מ׳האָט גערעדט פיל ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלדאָסגוט, וואָס מ׳האָט געקאָנט טון, איז געטאָן געוואָרן און ס׳האָט זיך נישט געוואָלט קאָלי מאַכן די שטימונג.

דער דאָקטאָר האָט אָוועקגעפירט די פרוי שלאָפן. דער שרייבער איז געבליבן אויסטרונקן אַ גלאָז ביר, דער קראַנקער סטודענט האָט זיך געקלאָגט אויף דער פייכטקייט און איז אַוועק אַהיים הוסטנדיק. פּיעראָווסקן איז אויסגעקומען צו באַגלייטן דעם מיידל אַהיים.

מ׳האָט געדאַרפט גיין אַרום דעם האפן, וועלכער איז שוין איצט געווען שטיל און פינצטער, ווי אַ טויטע אָזערע. דער שאָטן פונם באַרג איז געפאַלן אויפן שטעטל, נאָר דער קעגנאיבער-דיקער ברעג איז געווען אינגאַנצן ווייס פון לבנה-שיין. און ווען, פּיעראָווסקי מיטן מיידל, פאַרקירצווענדיק זיך צום ברעג, זענען אַרויס אויף יענער זייט, האָבן זיי זיך מיטאַמאָל אָפּגעטובלט אין אַ קאַלטן ים פון ליכט און אינם דאָזיקן ים פון ליכט האָבן אי די איינזאַמע ווייסע זומער ווינונגען, אי די טונקעלע ציפּריסן אי די בערג אי זיי אַליין, זיך אויסגעוויזן עפּעס אַזאַ לייכט און דורכזיכטיק.

און ס׳האָט זיך עפּעס געוואָלט דעמאָלט ריידן, און די ווערטער זענען דאַן אַרויסגעקומען וווּנדערבאַר שיין אינטערעסאַנט, פול מיט באַדייטונג — פיל מער באַדייטונג, ווי זיי, די ווערטער האָבן געהאַט בייטאָג.

דאָס מיידל האָט אָנגעהויבן דערציילן, אַז זי לערנט זיך

אין אַ שול פון מאַלעריי, אַז זי האָט ליב דידאַזיקע קונסט אירע מער פון אַלץ אויף דער וועלט און זי טרוימט צו ווערן אַ קינסטלערין. זי האָט גערעדט אויפגערעגט און צייטנווייז אפילו ציטערנדיק פון אויפרעגונג, פונקט ווי זי וואָלט אים אָנגערעדט צו פאַרשטיין דעם גאַנצן רייץ און פראַכט פון דער קונסט, וועלכע זי האָט אַזוי פאַרגעטערט. און זיין גאַנץ סודותפול לעבן, פול מיט שיין און פאַרבן.

פיעראָווסקי האָט געהערט און איז געווען אַנציקט, וואָס אין אַזאַ דינענקן שוואַכן גוף קאָן לעבן אַזוי פיל באַגייסטערונג און שיינקייט.

אַ „וואויל מיידל", האָט ער זיך געטראַכט.

און ער האָט זיך אַליין געחידושט און באַוואונדערט די לייכטקייט מיט וועלכע די לבנהדיקע נאַכט, דאָס פליסטערן און דער קלאַנג פונם האַפן און די נאָענטקייט פון אַ יונג שיין מיידל, האָבן דערוועקט אין זיין שטיל געוואָרענער נשמה, אַזאַ זיסע שטימונג, ער האָט זיך געפילט גליקלעך און האָט פריילעך אַריינגעלייגט אין יעדן וואָרט דאָס סאַמע בעסטע און אינטערעסאַנטסטע, וואָס ער האָט נאָר פאַרמאָגט.

שוין ביי דער סאַמע זומערוואוינונג, ווו דאָס מיידל האָט געוואוינט האָט זי אים געפרעגט, שוין נישט מורא האָבנדיק, אַז זי וועט מיט איר פראַגע אים דערשרעקן אָדער באַליידיקן:

— צי איז אייך נישט שווער אויף שטענדיק זיך אָפּצוזאָגן פון דער קונסט?

— פאַרוואָס עפּעס זיך אָפּזאָגן? ניין, איך זינג איצט אויך... ווו שטייט עס דען געשריבן, אַז מען דאַרף דורכויס זינגען אויף דער סצענע, פאַר געלט? דאָס איז אַ פאָראורטייל — האָט פיעראָווסקי געזאָגט און אים האָט זיך און יענע רגעווירקלעך געדאַכט אַז דאָס וואָס ער האָט געזאָגט איז אמת. ער קאָן דאָך דאָ זינגען פאַר אַזאַ וואויל מיידל, וואָס די געפילן אירע זענען לכל הדעות טייערער פאַר יענע הונדערטע באַנאַלע מענטשן, וועלכע וועלן זיצן פאַר אים און טעאַטער און הערן זיין זינגען. כאַפּט

זי דער וואנטנמאַבער די דאָזיקע סצענע מיט די געמאָלטע דעי־קאָראַציעס מיטן נודנעם וועלטל פון אינטריגעס, אַפּלאָדיסמענטן און רובלס. נישט אין דעם איז דאָס גליק.

פאַרוואָס אָבער, — האָט נישט דרייסט דאָס מיידל געפרעגט ווען פּיעראָווסקי האָט געזאָגט, אַז ער האָט שוין לאַנג אויפגעגעבן דעם געדאַנק, וועגן מאַכן זיך אַ קאַריערע פון אַ זינגער דאָס איז דאָך אַזוי שיין... גאָט מיינער ווי שיין דאָס איז!

— דאָס איז אַן אַלטע געשיכטע... ס׳איז נישט כדאי וועגן דעם צו ריידן... וואָס איינעם איז באַשערט... — האָט פּיעראָווסקי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

דאָס מיידל האָט געשוויגן און אויף אים געקוקט מיט טונ־קעלע בעטנדיקע אויגן, הפנים אַז אין דער דאָזיקער רגע האָבן זיי זיך שוין מיט אים געזעגנט, ווייל זי האָט אים געהאַלטן פאַר דער האַנט מיט איר דינענקע, שוואַרצע פינגער און געקוקט גלייך אין פנים אַריין.

— נו צום ווידערזען, — האָט פּיעראָווסקי געזאָגט — אָבער כ׳ווייסט דאָך נישט ביז איצט, ווי מען רופט אייך, — האָט ער זיך פלוצלינג דערמאָנט.

לידאָטשקע, — האָט מעכאַניש דאָס מיידל געענטפערט.

— לידאָטשקע—האָט ער איבערגעחזרט און זיך צעלאַכט.

און ווען ער איז צוריקגעגאַנגען אַ היים, איבערן שאָסיי, וואָס איז געווען באַשיינט פון דער לבנה, אין כוטאָר אַריין, האָט ער אַלץ געטראַכט וועגן איר. פונקט ווי מיט אים וואָלט פאַר־געקומען אַזעלכעס, וואָס וואָלט אים געקאָנט הנאה טאָן און פאַר־שאַפן פרייד. ס׳איז געווען לייכט און אנגענעמער צו מאַכן טריט איבערן הארטן שאָסיי, צי הערן דאָס ווייטע סקריפּען פון אַ פאַרשפּעטיקטע פור צו אָטעמען מיט דער גאַנצער ברוסט. די איינגעשלאָפענע, קליינע פלאַכע בענק זענען געווען לופטיק און שיין. דער הימל האָט זיך שטיל געריירט מיט העלע שטערן און די אייביקע סודותפולע בערג, פאַרשמירט אין בלאָען זילבער. האָבן זיך ווייט געצונדן אין טונקעלן הימל.

שפּעט אין דער נאַכט, ווען אין די טאָלן האָט זיך גע־
לייגט די פינצטערניש און בלויז אויף די בערג איז נאָך גע־
לעגן אַ קאַלטער בלאָזער שיין איז פּיעראָווסקי ענדלעך אָנגעקו־
מען אין כאַטע אַריין.

III

ווי שנעל עס ענטוויקלען זיך און שטאַרבן אָפּ די געשעענישן פון לעבן. און יעדער טאָג, וואָס גייט אַוועק, דאָס, וואָס נעכטן איז געווען גליק, קומט אונדז שוין היינט פאָר ווי אַ ווייטער נישט קלאָרער חלום.

קיינמאָל דערנאָך האָט פּיעראָווסקי זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, וויאַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן און וויאַזוי עס איז אַוועק דאָס, וואָס עס איז אויף שטענדיק פאַרבליבן אין זיין נשמה. און ווען ער האָט זיך באַמיט זיך צו דערמאָנען, האָבן זיך אים פאָרגעשטעלט בלויז באַזונדערע בילדער, פול מיט שיין און העלע פאַרבן. ווי עס קומט פאָר נאָך אַ גרויסן רעשיקן יום-טוב — האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז לגמרי נישטאָ וואָס צו טאָן. ער איז לאַנג און פיל געגאַנגען איבער די בערג, אָבער די בערג זענען געווען די זעלבע ווי נעכטן: שיין ווי נעכטן זענען געווען זייערע בלאָע הויכקייטן, דער ים האָט זיך געבלאָט אויך אַזוי ווי שטענדיק און אַלץ אַרום איז געווען פוסט און מאָנאָטאָן, פריער פלעגן זיך אויך מיט אים טרעפן אָנפאַלן פון יענער רייצנדיקער נודנער לאַנגווייליקייט, נאָר יענע אָנפאַלן פלעגן אים פאַרשאַפן אַ טעמפּן ווייטאָק, וואָס פלעגט איינגעשטילט און באַרויקט ווערן, ווען די זון האָט געוואַרעמט, ווען רויזן פלעגן זיך פאַנאַנדערבליען איבער די ראַנדן פון אָפּשטורץ, בעת איבער די שלוכטן פלעגן, פריי און מאַיעסטאַטיש, זיך דרייען אין דער הייך אָדלערס און די נאַטור פלעגט מיט יעדן טאָג אַנט-

פלעקן אַלץ נייע סודות פון איר שיינקייט. אין דערדאָזיקער נאָענטקייט צו דער ערד, צום וואַלד און צו די בערג, פלעגט צעשמאָלצן און „בטול בששים" ווערן, ווי גאָר אַ נישטיקס און אַ זייער גרויס, יעדעס אַנדערע געפיל פון שטילער און באַוווּנדערנדיקער אַנטציקונג. אָבער דאָסמאָל איז דער אומעט פון אים נישט אָפּגעטראָטן און האָט אים נישט געוואָלט פאַרלאָזן. און דער זון־אונטערגאַנג מיט זיינע בלוטיקע פאַרבן האָט אויסגעוויזן טריב, און די בערג — ווי אָן לעבן, און דער ים — ווי אַ וויסטע און די ווייטע פלאַכבערג מיט זייערע אייביקע פאַלדן פון שלוכטן ווי עפּעס אַ טריבער אומעט, וואָס איז אויף אייביק פאַרגליווערט געוואָרן.

תחילת האָט ער אפילו נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַדייט, און ווען לידאַ פּאַוולאָוונאַ פלעגט אים מיט אומרויקע אויגן פרעגן, וואָס מיט אים איז, וואָס ער איז אַזוי פאַרמרהשחורהט פלעגט ער ענטפערן:

— כ'פיל זיך עפּעס נישט מיט אַלעמען...

נאָר פאָרגדיק אַמאָל צוליב עפּעס אַ געשעפט, אין אַ שטאָט, וואָס איז געלעגן אויפן ברעג ים, האָט פעראָווסקי דאָרט באַגעגנט דעם קראַנקן סטודענט. זיי האָבן ביידע געגעסן מיטאָק אין אַ רעסטאָראַציע אויפן בולוואַר צווישן אַן עולם אויסגעפוצט אין עסיק און אין האָניק. פון פאַרצייטיקע אָפיצירן און עלעגאַנטע דאַמען און דרייאַרשיניקע היט. דער סטודענט, האָט ווי שטענדיק, געהוסט, זיך געבייזערט און געוואָרטשעט אויף לאָקייען, וועלכע האָבן פּאַמעלעך דערלאַנגט צום טיש. פעראָווסקין איז געווען אַ רחמנות אויף אים צו קוקן אַ געהיימער געדאַנק האָט געזאָגט:

„אָט שטאַרבט אַ מענטש און בייזערט זיך נאָר, וואָס מען דערלאַנגט אים נישט אַזוי גיך די געבראָטענע קאַמבאַלע אויף גריכיש... צי איז דען בכלל כדאי זיך אויפצורעגן, זיך פייניקן און טראַכטן, ווי באַלד דער מלאך־המות לויערט אויף יעדן הינטער די פלייצעס".

אַ נישט קלאָר געפיל האָט אים דערמאָנט, אַז ער גופא

האָט אויך געליטן און נאָמען פון עפּעס, וואָס איז אויך אַזוי נישטיק פאַרן פּנים פינם טויט. נאָר דערדאָזיקער געדאַנק האָט נאָך דאַן נישט אָנגענומען קיין פאָרם און האָט זיך אַ גליטש געטאָן און זיין קאָפּ, נישט באַרירנדיק די נשמה.

נאָר דער סטודענט איז פּיעראָווסקין דאָך אויסגעקומען ווי אַן אייגענער, טראָץ דעם וואָס ער איז געווען אַזאַ פורש מן הצבור און ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט. פּעראָווסקי האָט זיך מיט אים געזעגנט ווי מיטן בעסטן פריינט, און ווען דער סטודענט איז אַוועקגעפאָרן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אים ציט אַהין, אין קליינעם ליכטיקן שטעטל צום בלויען אויסגוס, צו די לוסטיקע, לעבעדיקע מענטשן, וואָס זענען פול מיט אינטערעס צו לעבן. פּיעראָווסקי האָט זיך אַפילו דערשראָקן. אים האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז דאָס הייבט זיך ווידער אָן די אומדערטרעגלעכע שטאַכטן און מאַטערנישן, וועלכע ער האָט איבערגעלעבט אין ערשטן יאָר פון זיין פרייוויליקער איינזאַמקייט דעמאָלט האָט ער זיך אַזוי שטאַרק געמאַטערט, אַז בלויז דער געדאַנק וועגן דער מעגלעכקייט פון יענע שטימונגען, האָט אויף אים אַרויפגעוואָרפן אַ גרויל.

נאָר ווען ער איז, נישט אויסהאַלטנדיק, געגאַנגען צופוס אין קוואַרט, און דאָס קליינע כוטאָרל, דער שווייגעדיקער ביינענשטאָק און די טרויעריקע פרוי מיט די גראָע האָר זענען געבליבן ערגעץ ווייט פון יענער זייט באַרג-גאַס, האָט פּיעראָווסקין באַהערשט אַ געפיל פון אַ פרייליכער, יונגלישער אומגעדולד. ער האָט געשפּאַנט אַלץ גיכער און גיכער און אַליין באַוווּנדערט, וואָס ער איז אַזוי אויפגעלייגט און באַלעבט, און האָט זיך געטראַכט.

„ס'ווייזט אויס, אַז מיר איז שוין זייער לאַנגווייליק, ווייבאַלד מיך ציט צו אַזעלכע, אין תּוך גענומען, פּראָסטע, געווייינטלעכע מענטשן".

קיין געדאַנק וועגן דעם מיידל אין בלאָען קליידל און ווייסן העמד איז נישט געווען. ער האָט זיך אין איר דערמאָנט נישט קלאָר, האָט זי נישט אָפּגעטיילט פון די, וואָס זענען מיט

איר מיטגעפאָרן. דאַן, אין דער לבנה-נאַכט אין פינצטערן האַפן און ים, וואָס איז געווען באַדעקט מיט זילבערנע קרייזלעך.

און נאָר דאַן, ווען ער האָט זי דערזען, ווען זיי איז אויסגעקומען צו בלייבן זאַלבע צווייט און זיי ביידע האָט, ווי נאָענטע, אַרומגענומען די הייסע זון, האָט ער דערפילט, ווי ער שטאַרבט און אין דער נשמה צעגייט זיך עפּעס אַלטס, וואָס האָט זיך שוין דערעסן, טרויעריקס, און ווי עס הייבט זיך אָן עפּעס העלס, פרישס און נייעס. און דאָסדאָזיקע נייע, דאָסדאָזיקע ליכטיקע גליק, די גאַנצע פרייד און שיינקייט פון דער זון אויפן הימל, איז אין איר, אינם דאָזיקן דינענקן מיידעלע, וואָס אונטער איר ווייסער בלוזקע גילדט זיך צאַרט אַ יונגער, פרויאישער קערפּער.

דער לוסטיקער דאָקטאָר האָט לייכט איינגערעדט פּיעראָווסקין און געפועלט ביי אים צו בלייבן אויף אַ טעג דריי און פון דידאָזיקע דריי טעג איז ביי אים געבליבן אַן איינדרוק פון ליכטיקייט, געלעכטער, ים, זון און וואַרעמדיקער נאָענטקייט פון דער ערשטער ווייבלעכער יוגנט.

לידאָטשקע, ווי זי האָט זיך אָנגערופן אין ערשטן אָוונט פון זייער באַגעגעניש און ווי פּיעראָווסקי האָט, לאַכנדיק, זי ווייטער גערופן, איז צו אים געוואָרן צוגעוויינט, האָט זיך פאַר אים נישט זשעניִרט, און אין די לאַנגע געשפּרעכן איבערן שלוכט אין אַ לבנה-נאַכט, אין דער לאָקנדיקער נאָענטקייט האָט זיך פאַר אים פאַנאַנדערגעוויקלט, ווי אַ בלום פאַר דער זון, דער גאַנצער מילדער רייץ פון אַ פרוי, וואָס הייבט ערשט אָן צו לעבן און צו פילן.

דאָס איז געווען אַ גאַנץ וועלטל, אין וועלכן ס'איז געווען אַזויפיל רייכע און טיפע איבערלעבענישן אין וועלכן ס'האָט זיך אַזוי פיין אָפּגעשפּיגלט יעדע שיינקייט און ס'איז געווען אַזויפיל ליידן פון דעם, פאַר וועלכן מענטשן אין די יאָרן גייען געוויינטלעך פאַרביי מיט אַ מינע פונבאַ דויערונג, אַז דידאָזיקע שיינקייט איז אוממעגלעך געווען נישט צו ליבן.

און אין אירע טונקעלע אויגן, ווען זי פלעגט זיי שע-

מעווריק אויפהייבן אויף זיין יונג געוואָרן באַלעבעט פנים פלעגט שוין צייטנווייז שימערן יענער סודותפולער און נישט דרייסטער צער, וועלכער רעדט וועגן דעם, ווי שיין און פיין דאָס נאַיווע און זאַרגלאָזע מיידל ברעכט זיך איבער און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פרוי, פול מיט לעבן און באַגער.

באַזונדערס בולט איז געבליבן אין זיין זכרון דער לעצ־טער טאָג.

זיי זענען ביידע געשטאַנען אויף אַ שטיין און דער שטורמישער שוים האָט אים געלעקט אונטער די פיס. לידאָטש־קע האָט מיט דעם עקן פינגער צוגעהאַלטן די שטרויענעם הוט אירן, כדי דער ווינט זאָל אים נישט אַראָפרייסן און פיעראָווסקי האָט אין איר ברייטן אַרבל געזען איר גאַנצע פיינע, שוואַכע האַנט מיטן ראָזינקן, רונדן עלנבויגן.

דאָס ערשטע מאָל האָט דער צויבער פון אַ ריינער מיידל־שער נאַקעטקייט אים זיס אויפגערעגט. אים האָט זיך געוואָלט פאַרשווייגן ווערן. נישט ריידן נישט וועגן דער צוקונפט, נישט פון דער קעגנוואַרט, נישט פון דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר פשוט נעמען און אַ קוש טאָן דידאָזיקע שוואַכע האַנט. זיין גאַנץ האַרץ האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן פון אַ שטורמישן און אומרויקן ציטער, ס'איז געוועזן אַ מינוט, ווען ער האָט געמיינט, אַז ער וועט זיך נישט קאָנען באַהערשן. און, ס'ווייזט אויס, אַז זי האָט עס דערפילט. זי האָט זיך אַ קער געטאָן צו אים מיט אַ רויט געוואָרן פנים און מיט פאַרנעפּלטע אויגן, האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און האָט פלוצלינג אָנגעהויבן צו ציטערן, ווי אַ מע־ווע אונטערן ווינט.

און אין אירע אויגן האָט אַ פלימער געטאָן אַ געבעט, פונקט ווי זי וואָלט געבעטן, מ'זאָל זיך איבער איר דערבאַרעמען.

און דער בלאָער ים איז אויפגערעגט געוואָרן און איז גע־ווען איינגאַנצן אין אַ העפטיקער, אויפפאָדערנדיקער באַוועגונג.

דיזעלבע נאַכט איז ער, אַליין נישט וויסנדיק צוואָס, אַוועק צו יענער דאַטשע, וווּ זי האָט געוווינט. איינגאַנצן אַ האַלבע שעה זייט ער האָט זי באַגלייט אַהיים, און דאָך האָט פיעראָוו־

סקי געפילט, אַז ער קאָן נישט איינשלאָפן, אַז ער מוז גיין אַהין. עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז שטאַרקער פון אים, האָט אים גערופן און געשטופּט, ער זאָל גיין אַהין.

ווידער איז די ווייסע לבנה געשטאַנען איבערן שוואַרצן באַרג. אויף יענעם ברעג איז ביסלעכווייז שטיל געבליבן דאָס שלעפּערדיקע שטעטל און איינס נאָכן אַנדערן זענען אויסגעלאָשן געוואָרן די געלע פייערלעך. פּיעראָווסקי איז געגאַנגען ווי אין חלום. עפּעס אומגעהייער גרויס האָט אָנגעפּילט זיין גרויסן, מענלעכן קערפּער. און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פריער איז גאָרנישט געווען, אַז די לאַנגע יאָרן פון אַ שלעפּערדיקן לעבן, וואָס ער האָט געפירט, — איז נאָר אַ חלום, און ער — איז אַ יונגער, פרייער, ווי אַמאָל, אַמאָל...

ס'האָט זיך אים עפּעס געדאַכט, אַז ער וועט איצט אומבאַדינגט זען לידאָטשקען. און ער האָט זיך גאָרנישט געוווּנדערט, ווען ער האָט זי דערזען.

די באַפּעלערישע, סודותפולע שטים פון ליבע — איז דער איינציקער סוד פון לעבן.

דאָס מיידל אין אַ ווייס העמדל, אינגאַנצן פאַרשמידט אין זילבער, איז געזעסן אויפן געעפנטן, שוואַרצן פענצטער און, ס'ווייזט אויס, געוואַרט. דאָס סודותפולע, ווייסע פּנים פון דער לבנה האָט גלייך געקוקט אויף איר, און איבערן ים־אויסגוס האָבן זיך געצויגן בלאָע כוואַליעס, פּונקט ווי עמיצער אַ באַפּעלערישער און ליכטיקער, האָט געמאַכט כּשוף אין דערדאָזיקער נאַכט,

— לידאָטשקע, — האָט פּיעראָווסקי שטיל אַ רוף געטאָן, פילנדיק, ווי זיין האַרץ ציטערט אין ווי די ערד שווימט שטיל אַוועק פון אונטער די פיס.

— לידאָטשקע, — האָט ער איבערגעחזרט, שוין העכער.

זי האָט זיך פלוצלינג אויסגעגליכן, האָט אַ קוק געטאָן מאָדנע אַראָפּ און פּינקט, ווי זי וואָלט זיך געקליבן פליִען, האָבן זיך אויסגעצויגן אירע פיינע הענט אין די ברייטע אַרבל. עפּעס געהיימס און שווערס איז אין איר געווען אין יענער רגע, נאָר

זי האָט זיך פלוצלינג אַ וואָרף אָפּ געטאָן פון פענצטער און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער פינצטערניש.

דערנאָך איז לאַנג געווען שטיל און ס׳האָט זיך נאָר געהערט, ווי עס רוישט דער ים־אויסגוס, און ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די לבנה־שטראַלן זענען נישט קיין שטומע, אַז זיי שפּיגלען מיט אַ שטילן שעפּטשען, אַ בלאָע, לעגענדאַרע נעץ. דערנאָך האָט אַ סקריפּע געטאָן אַ גאָרטן־טירל און אַ ווייס קלייד האָט אַ שימער געטאָן פאַר דער לבנה.

לידאָטשקאַ איז צו אים צוגעגאַנגען און געבליבן שטיין, אַראָפּלאָזנדיק די הענט. זי האָט גאָרנישט געפרעגט און גאָרנישט געזאָגט. אירע טונקעלע אויגן האָבן געקוקט, אים אויסמיידנדיק, אויף דער ליכטיקער לבנה, פונקט ווי איר וואָלט געצויגן דידאָזיקע איינגעשפּאַרטע, צויבערנדיקע שיין. און איר גאַנצע פּאָזע מיט די אַראָפּגעלאָזטע הענט און מיטן אויפגעהויבענעם קאָפּ און פּייכטע, גלאַנצעדיקע אויגן, איז זי געווען מאַכטלאָז, פונקט ווי זי וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון קאַמף און אינגאַנצן זיך אָפּגעגעבן דערדאָזיקער נאַכט, זיין ווילן, איר גליק און איר שיקזאַל.

IV

שפּעט אין דער נאַכט איז פּיעראָווסקי געגאַנגען צוריק איבער דער גאַס, וואָס ליגט אין דער לענג פון ברעג ים. אויפן פוסט געוואָרענעם פּאַראָם האָבן די שלעפּעריקע, בייזע קעלנערס אַראָפּגענומען פון די טישן די טישטיכער און אין שטויסן אַוועקגעטראָגן די טעלער. נאָר ביי איין טיש איז געזעסן דער גרויסער שריפטשטעלער, רייכערנדיק זיך ווי אַ לאָקאָמאָטיוו. ער האָט, אַן אָנגעבלאָזענער, גערייכערט און געשוויגן. ס׳ווייזט אויס, אַז די לבנה-נאַכט האָט אים געפּייניקט. ער איז געווען פאַרטראַכט, האָט געטרונקען ביר און קאָנצענטרי׳רט גערייכערט זיין פּייקע, איינער אַליין אויפן גאַנצן פּאַראָם.

און פילנדיק אַ באַדערפעניש אַרומצונעמען אַלץ מיט זיין גליק, וואָס האָט אָנגעפילט זיין ברוסט ביז ווייטאָק, האָט פּיעראָווסקי אַ רוף געטאָן דעם שרייבער.

— אָ, דאָס זייט איר? — האָט יענער געפרעגט, אויפוואַכנדיק — איר באַגלייט דאָס פרײלין?

— יאָ... באַגלייט... גאָט אין הימל, ס׳אַ נאַכט! — האָט פּיעראָווסקי געענטפערט, נישט באַמערקנדיק אַפילו, אַז ער רעדט.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אַנטקעגן שרייבער און אויף אים געקוקט מיט אָפענע, גלאַנצעדיקע אויגן.

דער שרייבער איז געווען אין נישט קיין גוטער שטימונג. ער האָט אַ זופּ געטאָן ביר פונם גלאָז, אָנגעקלאַפּט די פּייקע און אויפהייבנדיק די אויגן, אָנגעהויבן טראַכטן. ס׳ווייזט אויס,

אז ער האָט זיך נישט קלאָר אָנגעשטויסן, פאַרוואָס עס גלאַנצן אַזוי בײַ פּיעראָווסקין די אויגן און פאַרוואָס ער איז אַזוי אויסטערליש. עפּעס גאָר ווי אַן אַנדערער מענטש—אַ יונגער, קרעפּטיקער און פרייער.

און שווײַגנדיק אַ ווײַלע, האָט דער שרײַבער מעכאַניש אַ פרעג געטאָן:

— וואָס מאַכט איצט אײַן געזונט לידיאַ פּאַוולאָוונאַ?

V

די לבנה איז אונטערגעגאַנגען און נענטער האָבן זיך אָנגערוקט די פינצטערע געשפּענסטער פון די בערג. די פינצטערניש איז רויבעריש אַרויסגעקראָכן פון די שלוכטן און האָט זיך געלייגט אויף דער ברוסט פון דער ערד.

דאָס קליינע כוטאָרל איז ווי פאַרלוירן געגאַנגען און צעשמאָלצן געוואָרן אין דער־דאָזיקער פינצטערניש. בלויז איין פייערל האָט זיך געלויכטן צווישן די פינצטערע ביימער און דערציילט וועגן עפּעס אַן איינזאַם לעבן, וואָס איז פאַר קיינעם נישט נייטיק און דעדלעבט שוין זיינע לעצטע יאָרן.

אַ ליכטיק פלעקל האָט אַ פלימער געטאָן אין דער פינצטערניש. דאָס איז געווען אַ הונט. די ווייסע ל ע ד א איז געלאָפן אַנטקעגן פּיעראָווסקין איבערן ווייִנגאָרטן און נאָך פונדערווייטנס האָט מען געהערט איר פריידיק קוויטשן. זי האָט אָנגעהויבן אים שפּרינגען אויף דער ברוסט, באַמיענדיק זיך אים אַ לעק טאָן דאָס פּנים.

— טייערע — האָט פּיעראָווסקי געזאָגט און האָט זיך שיער נישט צעוויינט פון צערירטקייט און רחמנות.

דער הונט האָט זיך געריבן אָן זיינע פיס, געקלאַפּט מיטן וויידל, איז צוגעפאַלן צו דער ערד און אויפגעשפּרונגען. און די־דאָזיקע ליבע אָן ווערטער, אַ ליבע, וואָס פאָדערט גאָרנישט, וואָס האָט ווייניק געקאָנט אויסדרוקן זיין נישט פאַרשטענדלעך, נאָר זייער גרויס געפיל, האָט יסורימדיק אַ ריר געטאָן דאָס

האַרץ. דאָס ערשטע מאָל האָט פּיעראָווסקי אין דערדאָזיקער נאַכט פאַרשטאַנען, ווי שרעקלעך עס איז צו ליבן און אַזוי וויניק צו האָבן אַ באַדייטונג פאַר דעם, וועמען מען האָט ליב.

די שטילקייט פון אַ פולער איינזאַמקייט האָט פּיעראָווסקין אַרומגעכאַפּט, ווען ער איז אַריין און שטוב. פינצטערקייט און אומעט האָבן געשוועבט אין אַלע צימערן. בלויז אין עסצימער האָט געברענט אַ לאָמפּ, וואָס האָט שוין געהאַלטן ביים אויסגיין, און מיט אַ בוך איז געזעסן לידיאַ פּאַוולאָוונאַ.

זי האָט אים דערזען מיטן הונט, האָט אויפגעהויבן די נישט דרייסטע, פריידיקע און עפּעס פילנדיקע אויגן און שטיל געזאָגט, פונקט ווי זי וואָלט מורא געהאַט אים צו דערמאָנען דאָס, אויף וועלכן זי האָט נישט געהאַט קיין רעכט.

— און איך מיט לעדאַן האָבן געוואַרט אויף דיר...

און באַלד האָט זיך פּיעראָווסקי פאָרגעשטעלט, ווי אָוונט־איין, אָוונט־אויס זענען דאָ געזעסן ביי אַן איינזאַמער לאָמפּ די אַלט ווערנדיקע פרוי און דער ווייסער הונט, צוהערנדיק זיך צו יעדן קלאַנג און שאָרך, וועלכע די פינצטערע נאַכט און די בערג האָבן געבוירן. און אין דער צייט, ווען אַ פרייער און לוסטיקער, האָט ער זיך געפרייט מיט זיין נייעם גליק, ווען ער האָט געלעבט מיט אַ פולן לעבן און גערעדט צו זיך וועגן זיין רעכט אַוועקצוואַרפן זיי, וואָס האָבן אים דערעסן און געשטערט, זענען זיי דאָ געזעסן און יעדער האָט אויף זיין שטייגער געטראַכט וועגן אים טאַקע. פאָרשטעלנדיק זיך זיין פּנים, האָבן זיי זיך געפרייט, וואָס אים איז פריילעך און גוט אויפן האַרץ, האָבן געטרוימט, אַז ס'וועלן אַמאָל אַריבער דידאָזיקע איינזאַמע טעג און ער וועט צוריקקומען. פונקט ווי זיי וואָלטן נישט געהאַט קיין אייגן לעבן און זיי האָבן געלעבט נאָר צוליב דעם, כדי אים ליב צו האָבן.

שוין פאַר דעם זון-אונטערגאַנג, אַ בלאַסער, אַ צעשויבערטער, מיט בלאָע קרייזלעך אונטער די אויגן, ענלעך צו אַ מענטש, וואָס האָט איבערגעלעבט אַ נאַכט פאַרן אויספירן איבער אים טויט־שטראָף, — איז פּיעראָווסקי אַרויסגעגאַנגען אין הויף אַריין

און קוקנדיק אויף די גראָ געוואָרענע בערג, וועלכע האָבן אויס געזען אַזוי אומעטיק, מאָנאָטאָן, פונקט ווי זיי וואָלטן קיינמאָל נישט געקענט די זון, האָט ער זיך אין פאַרצווייפלונג אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ.

„וויאַזוי האָב איך געקאַנט פאַרגעסן, — האָט ער געטראַכט מיט אַ טויט־אומעטע און שרעק. — איך וועל זיין גליקלעך, כ׳וועל אוועקפאָרן ווייט, ווייט, און זי וועט דאָ בלייבן אַליין, איינע אַליין... און וועט טראַכטן פון מיר, זיך דערמאָנען יעדע קליי־ניקייט... היטן מיינע נאָטן, מיינע ביקסן, שפּייזן די, אויך אַזוי אַלטע, ווייסע לצדא... אין די לאַנגע ווינטערדיקע וועט זי זיך זעצן פאַרן לאָמפּ, אַן אַלטע, אַ שוואַכע... און איך וועל זי אפילו נישט דערמאָנען...״

און מיט אַ ביטערן יאוש האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ניין... אַז אים וועט נישט געלונגען זיך אַרויסצודרייען פון אונטער דער מאַכט פון דער קראַפט, וואָס דריקט אים. און ווי גליק־לעך ער זאָל נישט זיין, וואָס פאַר אַ דערפאָלגן עס זאָלן אויף אים נישט וואַרטן, וועט דאָך דאָס געשפּענסט פון דער קליינער, גראָער פרוי, וואָס זיצט אַזוי איינזאַם ביים לאָמפּ, קיינמאָל פון אים נישט אַוועק און אים נישט פאַרלאָזן.

VI

דער האַרבסט איז שוין געווען אויסגעגאָסן אין אַלץ אי אין דער ריינער לופט, אי אין די, שוין צו העלע, קריסטאַליינע פאַרבן פון דעם זון-אונטערגאַנג, און אין יענעם זיסן ריח וואָס איז קוים אויפצוכאַפּן פון די וועלקנדיקע ביימער, וועלכער דערמאָנט אָן שטילע בית-עלמנס, אָן דעם, אַז אַלץ איז שוין אַריבער.

די זון האָט זיך געזעצט, און אונטן, אין טאָל האָבן זיך געלייגט די נעפּלען. נאָר אויף די שפּיצן בערג האָבן זיך נאָך העל געגילדט די באַליכטענע האַרבסט-וועלדער און ס'האָט אויסגעוויזן, ווי די בערג זאָלן זיין באַגאָסן מיט אַ צעשמאָלצן גאָלד.

דער עקיפּאַזש האָט זיך, ווו ער וואָלט געשווימען, געקייקלט איבערן גלייכן ווייסן שאָסיי.

דער גרויסער שרייבער האָט אַרויסגענומען פון מויל זיין אייביקע פייקע, וואָס האָט שרעקלעך דערעסן אַלע מיטרייזנדיקע, און טרוימעריש געזאָגט:

— שרעקלעך אויסטערליש צו טראַכטן, אַז דאָרט, אויבן, איז אַצינד אַ זוניקער, שטילער אָוונט... די ביימער שטייען אַלע אין גאָלד און טועך זיך נישט קיין ריר, טועך נישט קיין שאָרך. עס ציט זיך אַ גילדן שפּינוועבס... אַ פולע שטילקייט... און קיינער איז דאָרט נישטאָ, קיינער קוקט נישט, קיינער ווערט נישט אַנציקט... טויזנטער יאָרן שטייען דאָרט די ביימער און ס'לעשן

זיך אויס די העלע אָוונטן, און קיינער איז נישטאָ... סיידן עפּעס אַ פוקס לאָזט זיך אַרויס נאָך זיין שלל, אָדער אַן אָדלער טוט זיך אַ ריר אויפן שפּיץ באַרג...

דער שרייבער האָט זיך, הפּנים, געוואָלט אויסדריקן, ווי טרויעריק עס איז צו טראַכטן, אַז די מענטשן זענען גאָרנישט נייטיק פאַר דעדדאָזיקער שיינער אייביקער נאַטור, וועלכע לעבט אָן זיי מיט איר פולן שיינעם לעבן. נאָר דערדאָזיקער געדאַנק האָט זיך עפּעס ביי אים נישט אויסגעטאַנצט. און קיינער האָט אים נישט פאַרשטאַנען. דער לוסטיקער דאָקטאָר, וועלכער איז פאַר די לעצטע צוויי יאָר נאָך דיקער געוואָרן, האָט געזאָגט:

— יאָ...ווירקלעך, שיין דו באַדויערסט נישט, נאַשאַ, וואָס דו ביסט אַהערגעקומען צופאָרן?

און דעם דאָקטאָרס ווייב, וועלכע איז אויך געוואָרן דיקלעך, שענער און רויִקער, האָט ליבלעך צו אים אַ שמייכל געטאָן.

— געוויס נישט כ'האָב נאָר מורא, אַז צוריק וועט זיין קאַלט צו פאָרן ביינאַכט... מ'האָט געדאַרפט אַרויספאָרן פריער... איך האָב דאָך...

דער אָוונט האט זיך אַלץ העכער און העכער אויפגעהויבן פון טאָל-דנאָ. בלויז איין קליינער שפּיץ באַרג האָט געברענט מיט אַ רויטן און געלן פלאַם פון דער אונטערגייענדיקער זון. נאָר ער איז אויך באַלד פאַרלאָשן געוואָרן און דער בלאָער בן-השמשות איז אין דער שטיל אַרויפגעקראָכן אויף די בערג. אין די ווייטע נעפּלען זענען דערטרונקען געוואָרן די בערג-פלאַכן, אָנגעבלאָזן, כמורנע, ווי טויזנטיאָריקע פאַלדן, האָבן זיך צוזאַמען געריקט די שלוכטן און דער נעפּל איז אין קנוילן אַרויסגעקראָכן פון זיין פונקט ווי קאַלטע גייסטער פון אָוונט זענען אַרויסגעגאַנגען צו פירן קאַראהאָדן אויף די גלייכע שפּיצן-בערג.

מ'איז דורכגעפאָרן אַ טאָטעריש דאָרף, ווו עס האָבן שרעקלעך געבילט די הינט און נאָכן עקיפּאַזש זענען געלאָפן שוואַרצחנעוודיקע ייִנגלעך, ענלעך צו נאַרישע טייוולאָנימלעך. דער-

נאָך איז מען ווייטער אַרויסגעפאָרן אויף אַ וואַלדיקן וועג און דאַן, ווען אַלעמען האָט זיך שוין אָנגעהויבן אויסווייזן, אַז ס׳וואָלט געווען בעסער, ווען מ׳וואָלט נישט געפאָרן, האָט זיך באַוויזן אַ קליין כוטאָרל, וואָס איז ווי אַ נעסט צוגעקלעפּט אויפן אָפּהאַנג פונעם שלוכט. ס׳האָט אַ ביל געטאָן אַ הונט און פון דערווייטנס איז געווען צו זען, ווי ער איז געלאָפן אַנטקעגן דורכן באַקעטן צעבראָכענעם ווייננאָרטן, שימעריירנדיק ווי אַ ווייס קניילעכל.

— לעדאַ! לעדאַ! — האָט דער דאָקטאָר אַ געשריי געטאָן — נישט דערקענט? קום אַהער?

דער הונט איז צוגעלאָפן נאָענטער, האָט מיט מיסטרוי אַ מאָך געטאָן מיטן ווידל און אַ ביל געטאָן אַ מאָל צוויי, נאָר שוין בעטנדיק, פונקט ווי ער וואָלט זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער קאָן זיך נישט דערמאַנען ווער די באַקאַנטע זענען.

ביז מ׳איז אַרויסגעקראָכן פון עקיפּאַזש און מ׳האָט אויסגעצויגן און אויסגעגלייכט די אָפּגעשטאַנענע און פאַרלאָפענע פיס, איז געווען פריילעך אַלע זענען געווען צופרידן, וואָס מ׳איז, ענדלעך, געקומען צופאָרן, דער דאָקטאָר האָט זיך געוויצלט און געחוזקט איבערן יונגערמאַן, וואָס איז געזעסן אויף דער קעלנע מיטן קוטשער.

— נישט אויף אייער וועג זייט איר אַוועק, ניקאָלאַי פּאַוולאָוויטש: איר וואָלט געדאַרפט זיין אַ קוטשער, און איר זייט גאָר געוואָרן אַ זינגער...

דער שרייבער האָט זיך הילכיק צעלאַכט מיט זיין באַסשטים. אָבער דער יונגערמאַן, אַ לאַנגער און אַ דאַרער, האָט נישט אָפּרייסנדיק זיך, נאָך אַלץ געקוקט אויף די בערג-פלאַכן, פונקט ווי ער האָט זיך באַמיט צו פאַרשטיין דעם סוד פון זייער אומעטיקער און איינטאָניקער שוואַכקייט.

פונם הייזל איז זיי אַקעגנגעגאַנגען אַ קליינע איינגעבויגענע פרוי, מיט ווייסע האָר און אַ שמוציקלעכן קאַפּאָט. זי האָט ווייסט אויס, אויך נישט דערקענט די געסט און אויף אַן איינשטעל האָט זי פאַרשעמט געשמייכלט מיט אַ באַגריסונגס-שמייכעלע.

— וואָס מאַכט איר, לידיאַ פּאַוולאָוונאַ, — האָט דער לוס־טיקער דאָקטאָר אָנגעהויבן שרייען — מיר זענען געקומען צו אייך צו גאַסט.

— אַך, דאָס זייט איר, דאָקטאָר. און איך האָב אייך נישט דערקענט... שוין לאַנג זיך נישט געזען... אָט וועט עס דמיטרי אַרקאַדיעוויטשן הנאה טאָן.

— ער איז אין דערהיים?

— ער איז דאָ נישט ווייט, ער וועט באַלד קומען. דאָרט האָבן ביי אונדז די שעפּסן צעבראָכן דעם בינשטאָק, פאַרעט ער זיך דאָרט אַלץ אַרום דעם בינ־שטאָק... ער קומט באַלד... ביטע, ביטע זייער... — האָט לידיאַ פּאַוולאָוונאַ געזאָגט. אין פון איר פּנים איז נאָך אַלץ נישט אַראָפּ דאָס נישט דרייסטע שמייכעלע וואָס זוכט אַביסל נושא חן צו זיין.

און די קליינע שטובן פון דער דאַטשע איז געווען נישט היימלעך און פינצטער און אַלע האָבן זיך עפּעס דערפילט נישט באַקוועם, פונקט ווי זיי וואָלטן זיך אַהער אַריינגעריסן מיט גע־וואַלט, נישט גערופן און נישט געבעטן. דעם דאָקטאָרס פרוי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן פענצטער און זיך פאַרטראַכט. דער שרייבער האָט זיך גענומען אָנקלאַפּן זיין פייקע. דער יונגערמאַן, אַ לאַנגער ווי אַ דראָנג, איז געגאַנגען איבער די שטובן און אין די דעמערן האָט ער זיך באַמיט צו באַקוקן די בילדלעך און פאָטיגראַפיעס אויף די ווענט. בלויז דער לוסטיקער דאָקטאָר איז ביי זיך נישט אַראָפּגעפאַלן און נישט פאַרלאָרן זיין פריילעכע, שטימונג. ער האָט זיך אָנגעשלאָגן צו גיין נאָך פּיעראָווסקין. דער יונגערמאַן איז אים באַלד נאָכגעגאַנגען.

זיי זענען דורכגעגאַנגען דעם טריבן ווייגאָרטן, האָבן באַקוקט די בינשטאָקן זענען דערגאַנגען צום דראָטיקן צוים, וואָס פון יענער זייט סענע האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזן אַראָפּ אַ גרינער אָפּהאַנג, נאָר מ'האָט קיינעם נישט געזען. טונקעלע און כמורנע וועלדער בלויז זענען געשטאַנען איבערן טאָל.

— אַן אומעטיק אָרט, — האָט געזאָגט דער הויכער יונגער־מאַן, — ווי אַזוי קאָנען זיי דאָ לעבן?

— אַזוי לעבן זיי, — האָט נישט באַשטימט דער דאָקטאָר געענטפערט און האָט אַ געשריי געטאָן מיט אַ הויכער שניידנדיקער שטים:

— דמיטרי אַרקאַדיעוויטש! האפּ, האָפּ!

— קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. די בערג האָבן שווייגנדיק און אָנגעבלאָזן, געקוקט פון אויבן. אַ שטילקייט איז געקראָכן פון שלוכט. ס׳איז געוואָרן אומהיימלעך, פונקט ווי זיי וואָלטן אויף אַ גרויסן בית-עלמן גערופן אַ מענטשן וועלכער איז שוין לאַנג געשטאָרבן.

— דמי—טרי ארקאד—יעוויטש! האָט ווייטער דער דאָקטאָר געשריען.

— אַ — אוּ — האָט זיך אומגעריכט אָפּגערופן עמיצנס קול, און אויפן ראַנד פונם שלוכט, פונקט ווי פון אונטער דער ערד, האָט זיך באַוויזן פּיעראָווסקי, אין גרויסע שטיוול און אין אַן אַלטער ברוינער מאַרינאַרקע, אַרויפגעוואָרפן אויף די פּלייצעס.

ער איז צוגעגאַנגען האַסטיק, אַפּנים אויפגערעגט פונם אומדערוואַרטן אָנקומען פון די דאָזיקע מענטשן און ביז ער איז דערגאַנגען, האָט דער דאָקטאָר און דער הויכער יונגערמאַן, וועלכן מ׳האָט אויפן וועג דערציילט די געשיכטע מיט פּיעראָווסקין, אים באַקוקט, ווי פרייע מענטשן באַקוקן אַן אייביקן קאַטאָרזשניק: מיט נייגעריקייט און מיטלייד.

פאַר דידאָזיקע צוויי יאָר איז ער שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן און זיך אַראָפּגעלאָזט. אין זיין גרויסער באָרד און די, ווי פריער, שטורמיש קודלעוואַטע האָר זיינע האָבן זיך באַוויזן ווייסע פעדעם, פאַלדן האָבן נאָך שניידיקער באַדעקט זיין פּנים. נאָר די אויגן האָבן, ווי פריער, געקוקט שאַרף און אַביסל ווילד;

שווער געווען צו פאַרשטיין, צי פּיעראָווסקין האָט הנאה געטאָן דאָס אָנקומען פון די געסט, נאָר באַגעגנט האָט ער זיי גאַסטפריינטלעך, אָבער גלייכגילטיק. נאָר ווען דער לוסטיקער דאָקטאָר. באַקענענדיק אים מיטן הויכן יונגערמאַן, האט אים געזאָגט:

— דאָס איז אייערער אַ קאָלעגע, אַ זינגער!...

האָט אין פּיעראָווסקיס אויגן אַ שימער געטאָן אַ פינקעלע,

ער האָט ליבלעך אָנגעהויבן ריידן מיטן נייעם באַקאַנטן, האָט אָנגעהויבן אים אויסצופרעגן, ווו ער האָט זיך געלערנט, און אַזוי ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן זיך געלערנט ביי איין און דעמזעלבן אַלטן פּראָפעסאָר, איז זייער געשפּרעך גע-וואָרן באַלעבעט, פול מיט דערינערונגען און נעמען.

מ׳האָט אויף דער דאַטשע אָנגעצונדן לאָמפּן, אויפן טיש האָט אַ בלישטש געטאָן אַ זידיקער סאַמאָוואַר, ס׳איז געוואָרן היימלעכער. ס׳האָט זיך אַפילו שוין אויסגעוויזן, אַז דאָ, זעט אויס, איז פריילעך און אָנגענעם צו לעבן.

בעתן טיי האָט דאָס געשפּרעך זיך אַלץ געדרייט אַרום מוזיק, מאָלעריי און ליטעראַטור. און דער שרייבער איז געווען איבעראַשט, וואָס פּיעראָווסקי איז לחלוטין נישט אָפּגעשטאַ-נען, וואָס ער האָט געוווּסט אַלע נייעסן אויפן געביט פון קונסט, וואָס ער האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלץ און אין זיינע אָנ-שוויונגען איז ער געווען אויפריכטיק און ברייט.

— אַ וווּנדערלעכער מענטש, — האָט כמעט מיט צער זיך דער שרייבער געטראַכט, — אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט געוואָרן אַ קלאָץ... און ער — נאַ דיר... מ׳זעט באַשיינפּערלעך. אַז דער מענטשלעכער גייסט אַנטוויקלט זיך פולשטענדיק פריי, נישט קוקנדיק אויף וואָסערע נישט איז אומשטענדן...:

און אינם שרייבערס קאָפּ איז געבוירן געוואָרן אַ פּלאַן פון אַ דערציילונג אויף דערדאָזיקער טעמע.

נאָכן טיי האָט דער לוסטיקער דאָקטאָר אָנגעהויבן בעטן פּיעראָווסקין, ער זאָל עפּעס זינגען. אַלעמען האָט זיך עפּעס גע-דאַכט, אַז פּיעראָווסקי דאַרף זיך אָפּזאָגן, אַז דידאָזיקע בקשה דאַרף אים זיין נישט אָנגענעם, ווי אַ געוויסע דערמאָנונג. נאָר פּיעראָווסקי איז גאַנץ גערן איינגעגאַנגען, ער האָט אַפילו גע-מאַכט דערביי אַן אָנשטעל, אַז ער פילט זיך געשמייכלט פון דער דאָזיקער בקשה. דאָס איז געווען אַ ניי שטריכל אין אים, וועל-כעס דער שרייבער האָט מיט נישט קיין אָנגענעמען געפיל באַלד באַמערקט און ריכטיק אָפּגעשאַצט.

לידיאַ פּאַוולאָווּנאַ האָט זיך אַנידערגעזעצט פאַר אַן אַל-

טינקער, האַלב נישט אָנגעסטראָיעטער פּיאַנע, די געסט האָבן זיך אויסגעזעצט ביי די ווענט, און פּיעראָווסקי וואָס אָנגעהויבן צו זינגען.

געזונגען האָט ער, קאָן מען זאָגן, אַזוי ווי פריער, גוט נאָר ס'איז געווען אַביסל משונהדיק צו קוקן אויף דעמדאָזיקן מענטש אין גרויסע שטיוול מיט אַ האַלב גראָער, צעשויבערטער באָרד, וועלכער האָט פּלייסיק געעפנט דאָס מויל און, דירי־זשירנדיק זיך מיט דער האַנט, געזונגען לעבעדיקע גלענצנדיקע אַריעס, וואָס האָבן דערמאָנט אַ גרויס באַלויכטן טעאַטער, דעקאָלטירטע דאַמען, מונדירן, קלאַנגען פון אַן אָרקעסטער און לאָזשעס.

און נאָך אַביסל איז געווען לעכערלעך, ווען נאָך יעדן נומער איז לידיאַ פּאַוולאָווגאַ, רייבנדיק די הענטלעך און בלישטשענ־דיק מיטן פּנים, וואָס איז רויט געוואָרן פון נחת, צוגעלאָפן דאָ צו איינעם פון די געסט און דאָ צו אַן אַנדערן און האָט געפרעגט:

— וואָס זאָגט איר? גוט, שיין, נישט וואָר?

— יאָ... — האָבן די געסט געמוזט מסכּים זיין, נאָר דאָס זינגען איז זיי געפעלן געוואָרן אַלץ ווייניקער און ווייניקער.

צו פיל האָט פּיעראָווסקי געשריגן, צו פיל האָט ער זיך געפלייסט, צו פיל אַנטקעגנקומענדיק, האָט ער געזונגען אַלץ נייע און נייע זאַכן.

דער לאַנגער יונגערמאַן האָט געקוקט אין גלאָז אַריין, דעם דאָקטאָרס פרוי האָט איבערגעטריבן געלויבט זיין געזאַנג, קלאָר ווי דער טאָג, כּדי צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן, דעם שריי־בער איז געוואָרן כמורנע. דער לוסטיקער דאָקטאָר האָט זיך געלאַנגווייליקט.

פּיעראָווסקי האָט אָבער גאָרנישט באַמערקט. ענדיקנדיק איין זאַך, האָט ער תּיכף געזוכט אַ נייע אין דער קופּע נאָטן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער פּיאַנע. לידיאַ פּאַוולאָוו־נאַ האָט זיך אַנידערגעזעצט, באַזאָרגט צורעכט געמאַכט איר קלייד און דערנאָך איז זי צוגעלאָפן פרעגן:

— נו, וואָס זאָגט איר, גוט, שיין ?

און דער שרייבער האָט זיך עפּעס פאַרגעשטעלט, ווי אין די אָוונט־שעהן, ווען אַלץ ארום ווערט שטיל, ברענט דאָ אַ לאָמפּ, ער זינגט און זי ווערט אַנציקט, לויבט זיין שטים, זאָגט, אַז נאָך אַזאַ שטים איז נישטאָ אויף דער וועלט, און ער גלייבט, מאַכט רירעוודיק מיט די הענט און דיסקוטירט נישט אויפריכטיק:

— נו, דו שמייכלסט מיר... הגם דידאָזיקע זאַך קומט ביי מיר ווירקלעך נישט שלעכט אַרויס, איך פיל עס אַליין... צו מיין זינגען קאָן איך זיך נישט באַציען פולשטענדיק אָביעקטיוו.

און דעם שרייבער איז געוואָרן אַלץ מער און מער עפּעס נישט באַקוועם.

דעם דאָקטאָרס פרוי האָט געקוקט אויף פּיעראָווסקין און זיין גרויסע באָרד, גראָע האָר, אויף זיין פלייסיק געעפנטן מויל, און האָט שוין איצט נישט געגלויבט זיין זינגען. איר האָט זיך געוואָלט וויינען. איין גאָט ווייסט צוליב וואָס.

„אַ מאָדנע זאַך, — האָט דער לוסטיקער דאָקטאָר זיך גע־טראַכט, — פריער האָט מען אים געקאָנט הערן אַ גאַנצע נאַכט, אָבער איצט... ווי ס׳וואָלט שוין געווען גענוג".

ענדלעך האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און געבעטן דעם לאַנגן יונגמאַן, ער זאָל עפּעס זינגען.

פּיעראָווסקי האָט זיך אַביסל ווי געוווּנדערט, וואָס מ׳האָט עס געטאָן, נאָר באַלד האָט ער געמאַכט אַ ליבנסווערטיק, זיך אומוויסנדיק פּנים און זיך פאַרייניקט מיטן דאָקטאָר אין דער בקשה, אַז דער יונגערמאַן זאָל זינגען.

— געוויס, זינגט, — האָט ער געזאָגט, פּונקט ווי ער וואָלט גנעדיק אים דערלויבט דאָס צו טאָן.

— ניין, כ׳לעבן... כ׳האָב שוין לאַנג נישט געזונגען... זאָל בעסער דמיטרי אַרקאַדיעוויטש פאַרזינגען... איר קאָנט דאָך רע־ביקאָווס „צו פיל בלומען"?...

אין זיין שטים האָט געקלונגען עפּעס משונהדיקס, פּונקט ווי ער וואָלט פאַר עפּעס מורא געהאַט.

דער לוסטיקער דאָקטאָר איז אָבער נישט אָפּגעשטאַנען:

— כ׳קען גוט די אַרטיסטן און ווייס זייערע דרכים. שטענדיק לאָזן זיי זיך אַזוי בעטן... — האָט ער געזאָגט. — לאָזט זיך נישט בעטן און זינגט.

דאַן איז דער לאַנגער יונגערמאַן אויפֿגעשטאַנען פֿון זיין אָרט.

— נו, מהיכי תיתי... נאָר איין זאַך — עפּעס...

ער איז גישט געשיקט צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנע, האָט לאַנג זיך געגריבלט אין די פּעק נאָטן, דאָרט געקליבן און ענדלעך אָוועקגעלייגט אויפֿן שטענדערל פֿון דער פּיאַנע אַ קליין העפֿטל. לידיאַ פּאַוולאָוונאַ האָט זיך אַנידערגעזעצט און ווידער לאַנג זיך געפּאָרעט מיט איר קלייד. דער יונגער זינגער האָט זיך אַנידערגעשטעלט הינטער איר שטול, זיך אויסגעגליכן, איז געוואָרן ווי העכער מיט אַ קאָפּ און האָט אָנגעהויבן צו זינגען.

פּייערלעך און קלינגעדיק האָט אָנגעפּילט דאָס צימער זיין מעכטיקע, שיינע שטים, און אַפֿילו דער לייכטזיניקער דאָקטאָר האָט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי עקשנותדיק אָפּגעזאָגט צו זינגען: אים איז געווען אַ שאָד פּיעראָווסקין, דעמדאָזיקן אָפּגעפּאָרענעם מענטש, וועלכער האָט געלעבט בלויז מיט דעם, וואָס ער האָט זיך געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסן אַרטיסט, וועלכער קאָן, נאָר וויל נישט אַ טרייסל טאָן די וועלט.

גראָב און אָרעם האָט זיך אויסגעוויזן פּעראָווסקין שטים לגבי דערדאָזיקער טיפֿער שטים, און וועלכער ס׳האָט באַפֿעלעריש געקלונגען יענע שיינקייטן וואָס מאַכט דערהויבן די נשמה, קלעמט אַזוי זיס דאָס האַרץ, וועלכע ווערט געגעבן נאָר דורך גרויסער ליבע צום אייגענעם טאַלאַנט, דורך אומענדלעכער אַרבייט, וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פֿאַר קיין זאַך און וועלכע לייגט אַריין די גאַנצע נשמה און איין נישט אָנגעזעטיקטער שטרעבונג.

און ווען דער יונגערמאַן האָט געענדיקט, האָבן די אָנוועזנדיקע לאַנג געשוויגן, און מיט באַוווּנדערונג, מיט אַ געהיימען יראת-הכבוד האָבן זיי געקוקט אויף דעמדאָזיקן בלאַסן לאַנגן יונגערמאַן, וועלכער איז רויק צוגעגאַנגען צו זיין גלאָז און זיך אַנידערגעזעצט, נישט אויפֿהייבנדיק די אויגן.

מ׳האָט אים געבעטן נאָך עפּעס זינגען, מ׳האָט מיט אים

גערעדט צערטלעך, פּאָרזיכטיק, פּונקט ווי מ׳האָט מורא געהאַט אָבצושרעקן עפּעס שיינס צושטערן דעם איינדרוק מיט פּראָסטע באַנאַלע ווערטער. דער יונגערמאַן האָט זיך עקשנותדיק אָפּגעזאָגט און אָנגעהויבן טראָגן זיי טיי.

וועגן פּיעראָווסקין האָבן אַלע ווי פאַרגעסן, און ווען ער האָט אָנגעהויבן ריידן, זענען אַלע געווען איבערראַשט פון זיין מאָדנעם פּאַרלאָרענעם אויסזען, וואָס ער האָט דאַן געהאַט. און אויך זיין טאָן, וואָס איז גאָרנישט געווען ענלעך צו זיין פריערדיקן. ער האָט געלויבט דעם יונגערמאַנס זינגען נאָר זיין לויבן האָט אומאָנגענעם געשניטן דאָס געהער.

– זייער, זייער גוט... — האָט ער געזאָגט: — פּראַכטפול.. נאָר אומזיסט גיט איר אַזאַ אָפּענעם קלאַנג אין דער פינאַל-פראַזע... דאָ, פאַרשטייט איר מיך, דאַרף מען מער גלאַנץ... אָבער די שטים אייערע איז אַ שיינע... מ׳זעט, אַז איר האָט זיך נאָך ווייניק געלערנט, נאָר דאָך... איז עס זייער גוט.

אַ קלאָגלעך קליין געפיל האָט זיך דורכגעשלאָגן און די דאָזיקע פאַנאַנדערגעריסענע אומגעריכטע איבערגעגאַנגען פון לויבן צו באַמערקונגען. אַלע האָבן געשוויגן און זיך צוגעהערט. נאָר קיינער האָט אויף פּיעראָווסקין נישט געקוקט. דער שרייבער האָט ברוגזלעך אָנגעקלאַפּט זיין פּייקע, דעם דאָקטאָרס פרוי האָט פאַרשולדיקט געשמייכלט און איר האָט זיך ווידער געוואָלט וויינען, נאָר דער דאָקטאָר איז אומגעריכט ברוגז און אין כעס געוואָרן און זיך אַריינגעמישט און דער מחלוקה:

– וואָס רעדט איר, דמיטרי אַרקאַדיעוויטש... איך האַלט, אַז דאָס איז שוין און מער גאָרנישט...

פּיעראָווסקיס אויגן האָבן אומרויק אָנגעהויבן אַרומלויפן.

– איך זאָג גאָרנישט... די שטים זיינע איז, נאַטירלעך- אַ שיינע... כ׳האַלט נאָר, אַז מ׳האָט געדאַרפט געבן מער גלאַנץ.. איר זענט אַליין איינשטימיק מיט מיר.

– יאָ.. ס׳קאַן זיין... — האָט דער יונגערמאַן, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן, געזאָגט.

— ניין, טאַקע באמת?... איר אַליין זייט אין דער זעלבער מיינונג?... יאָ?... בין איך דאָך גערעכט, האַ?...

פּיעראָווסקיס שטים האָט געשפּרונגען, די אויגן זענען אומרויק געלאָפן. ס׳איז געווען דערווידער און דערבארעמלעך און פאַרדריסלעך אים צו הערן, און דער גרויסער שרייבער, נישט אַריינמישנדיק זיך אין געשפּרעך, האָט בייז אַ טראַכט געטאָן:

— גאָט מיינער, גאָטעניו, ווי ער האָט זיך עס געענדערט... פריער פלעגט ער זיך דאָך אַזוי פרייען און עס פלעגט אים אַזאַ הנאה טאָן, ווען ער פלעגט זען אַ נייעם טאַלאַנט... ווי ער פלעגט זיך אַמאָל אַרומטראָגן מיט עפעס אַן אַנטדעקונג... וווּ איז דאָס אַלץ? דאָס איז נישט ער, דאָס איז אַ קליינער גאָרנישט, וואָס איז מקנא... טפו, ס׳אַרע פּאַסקודסטווע! — האָט ער זיך געטראַכט, זיך צוהערנדיק צו פּיעראָווסקיס אומנאַטירלעכער שטים.

און פּיעראָווסקי האָט זיך בינו-לבינו אַלץ באַמיט עפעס צו דערווייזן און זיך פאַר עפעס פאַרטיידיקן: ער האָט זיך געקאָכט און, ס׳איז געווען צו זען, אַז ער האָט שטאַרק געליטן, ער האָט אַליין געפילט, אַז אים האָט באַהערשט אַ פּשוטע עקל־האַפטע קנאה און האָט מורא געהאַט, אַז די געסט זאָלן עס נישט פאַרשטיין. דעריבער האָט ער זיך שטאַרק באַמיט צו דער־ווייזן, אַז ער רעדט לגמרי אָביעקטיוו. אַז דער זינגער איז אַליין מסכים מיט אים, און זיי פאַרשטיין זיך אויסגעצייכנט איינער דעם אַנדערן. אים האָט קיינער נישט געגלייבט און ער האָט עס געפילט. ער האָט מיט שרעק געזען, אַז מיט יעדן וואָרט פאַרראַט ער זיך אַלץ מער און מער און האָט זיך געוואָרפן פון זייט צו זייט, ווי אַ וואָלף, וואָס מ׳האָט אַריינגעיאָגט אין אַ הייפל.

און דעם ״אַקטאָרס פרוי האָט אויף אים געקוקט און איר האָט זיך, ווי איר שטייגער איז, געוואָלט וויינען.

נאָר די קליינע לידיאַ פּאַוולאָוונאַ האָט גאָרנישט באַמערקט. זי האָט געריבן די הענט, געווען פאַרשמייעט און האָט זיך באַמיט אָפּצוווענדן די אויפמערקזאַמקייט פונעם זינגער אויף דעם

וואָס איר האָט זיך אויסגעוויזן פיל, פיל אינטערעסאַנטער אויף פּעראָווסקין. זי האָט זיך אַריינגעמישט אין געשפּרעך און אָן שום סמיכת-הפּרשה אַ זאָג געטאָן:

— ביי דמיטרי אַרקאַדיעוויטשן קומט דידאָזיקע זאַך אַרויס אויך אויסגעצייכנט... ווען ער האָט עס געזונגען אויף אַ קאָנצערט זענען געווען פיר ביסן...

דער לאַנגער זינגער, איז אויסקלייבנדיק אַ גימנאַסטיקע מינוט, אויפגעשטאַנען און ווידער אָנגעהויבן אַרומצושפּרייזן איבער די שטובן און באַקוקן די בילדלעך אויף די ווענט. ביי עפּעס אַן עטיוד, געמאָלט מיט אייל-פאַרב, איז ער לאַנג געשטאַנען אין אַ טיפער אויפמערקזאַמקייט. דאָס קליין שטיקל לייוונט, אויף וועלכע דאָס בילד איז געווען אויסגעמאָלט, האָט אינגאַנצן געברענט מיט דער ווייכער פרייִדיקער פרילינגס-זון. דער שניי איז צעשמאָלצן געוואָרן אין אַ ציטערנדיקן בלאָלעכן נעפּל. די דינענקע בוזשאָזעס האָבן געבלאַנקט תמימותדיק און ריין ווי אַ כלה. העל האָט זיך געבלויט אַ שטיק פרילינגס-הימל.

— ווּעמעס עטיוד איז דאָס? — האָט ער געפרעגט, ווען לודיאַ פּאַוולאָוונאַ איז צו אים צוגעגאַנגען.

— דאָס איז אַן אַרבייט פון אַ פריילין... אַ אָנהענגערין פון דמיטרי אַרקאַדיעוויטש... זי האָט עס געגעבן אַ מתנה... געפעלט עס אייך?

— יאָ — האָט ערנסט און טיף דער זינגער געענטפערט.

— זי האָט געהאַט אַ גרויסן טאַלענט... זי איז געשטאָרבן... זיך דערשאָסן, זאָגט מען...

דער לאַנגער זינגער האָט גאָרנישט געזאָגט. ער איז נאָך געשטאַנען אַביסל פאַרן בילד און אַוועקגעגאַנגען.

מ'האָט זיך אָנגעהויבן קלייבן צוריק אַהיים. ס'איז שוין געווען נאַכט און די פערד האָט מען געפונען נאָר מיט דער הילף פון די לאַמטער דער יונגער זינגער האָט זיך ווידער אַרויפגעזעצט אויף די קאָזלעס, ביים קוטשער, פּיעראָווסקי און לידיאַ פּאַוולאָוונאַ זענען לאַנג נאָכגעגאַנגען נאָכן עקיפּאַזש, פּיעראָווסקי האָט ווייטער דיסקוטירט מיטן דאָקטאָר, נאָר איצט —

שוין מיט אַ האָפנונגסלאָזער, געפאַלענער שטים. דער דאָקטאָר האָט גאָרנישט אָפּגעענטפערט לידיא פּאַוולאָוונאַ האָט געבעטן זי זאָלן נאָך אַ מאָל קומען צו גאַסט.

— דמיטרי אַרקאַדיעוויטש האָט דערהאַלטן נייע נאָטן — האָט זי געזאָגט אין דער פינצטערקייט.

— אומבאַדינגט געוויס... — האָט פון דער פינצטערקייט געענטפערט דער דאָקטאָר, וועלכן מ׳האָט נישט אַרויסגעזען.

און אַלע האָבן געפילט, אַז מער וועלן זיי שוין אַהער נישט קומען.

פּיעראָווסקי האָט געשוויגן.

די פינצטערקייט איז געלעגן אויף די בערגפלאַכן און דער נעפל האָט זיך ברוגזדיק געקנוילט און זייערע טויזנטיאָריקע פאַלדן. מ׳האָט נישט באַוויזן אָפּצופאָרן אַ האַלב וויאָרסט, ווי דאָס כוטאָרל איז זיך פולשטענדיק צעגאַנגען אין דער פינצטערקייט, בלויז אין בעלויכטענעם פענצטער האָט נאָך געבליצט אַ פייערל, נאָר דאָס פייערל האָט באַלד אויך אַ פלימער געטאָן און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן: הפנים מ׳איז אַריינגעפאָרן אין אַ פאַס, וואָס ליגט פון יענע זייט ביימער.

ע נ ד ע